STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08769

DI SOTSYALISTISHE PARTEY

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ס. פּ.

איר געשיכטע און איר רעקאָרד

פ. נאָוויק

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי

איר געשיכטע און איר רעקאָרד

ניו יאָרק, 1935

פאַרלאַג פון דער אידישער ביוראָ ביים צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן

פּ. נאָוויק:

די ס. פּ. (איר געשיכטע און איר רעקאָרד)

פאַרלאַג פון דער אידישער ביוראָ
ביים צענטראַל קאָמיטעט פון דער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די
פאַראייניקטע שטאַטן.
ניו יאָרק, 1935

הויפּט־פאַרקויף:
„פרייהייט" בוכהאַנדלונג
50 איסט 13טע גאַס, ניו יאָרק

THE SOCIALIST PARTY
(A History and a Record)

By P. NOVICK

●

Published by the Jewish Bureau of the
Central Committee, Communist Party, U.S.A.
New York, 1935

●

Distributed by
"Freiheit" Book Store
50 East 13 Street, New York City

209

אינהאַלט

זייטן

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — 7 - 8

ערשטער טייל:

פון יודזשין דעבס ביז נאָרמאַן טאָמאַס

1. די ירושה

אַן אַלטע קרענק. — אַ דעמאָראַליזאַציע, ווי אין אַנהויב פון איר גרינדונג. — דע־ליאָנ'ס ירושה. — דעבס'עס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — לאַסאַליאַניזם. — — — — — — — — — 11 - 26

2. קאַמף צווישן רעוואָלוציע און רעפאָרמיזם

יאָרן פון וואוקס. — צוויי פּאַרטייען אין איינער. — אַן אַנ־שטענדיקע פּאַרטיי. — הילקוויט זאָגט: דעבס איז ניט דער פירער. — — — — — — — — — — — — — — — — 27 - 38

3. דער קראַך פון דער ס. פּ. אין 1919

די יאָרן פון דער מלחמה. — טשאַרלז ע. רוטענבערג. — נייע ווערטער — „באָלשעוויסטישע". — אַ צעבראָכענער שאַרבן. — 39 - 50

4. נייע צייטן — נייע ווערטער

די דעטראָיטער דעקלאַראַציע. — נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. — אַ ספּעקטאַקל פון פאַנאַנדערפאַלונג. — „אויב" און „ניט איצט". — נאָרמאַן טאָמאַס. — — — — — — — — — — — — — — 51 - 68

צווייטער טייל:

די ס. פּ. ביי דער אַרבעט

1. די ס. פּ. און די אַמעריקן פעדערעישאַן אָוו לע־באָר

דער דין וחשבון. — גאַמפּערס. — דעבס און גאַמפּערס. — באַציאונג צו נעגערס און אימיגראַנטן. — מעטיו וואָל און די ס. פּ. — קאָרופּציע — — — — — — — — — — — — — 71 - 86

זייטן

2. די ס. פּ. און די נ. ר. א.

לעאָ קזשיצקי. — „סטרייקס זיינען איצט ניט ראַטזאַם״. ——— 87-91

3. די ס. פּ. און מלחמה

די מלחמה מיט שפּאַניע. — הילקוויט: „סאָציאַליסטן וועלן
ניט שטערן״. — אין קאַמף קעגן „קאַיזעריזם״. — — — — — 92-99

4. די ס. פּ. און פאַשיזם

סעווערינג, וואָל, איזלי, ווהעילען. — דער קאַמף קעגן לאָרד
מאַרלי. — — — — — — — — — — — — — — 100-104

5. די ס. פּ. און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד

צוויי ליניעס. — אָפּענע קאָנטער־רעוואָלוציע. — הילקוויט דער
אַדוואָקאַט פון די צאַרישע אָיל־מאַגנאַטן. — נאָך ווערטער! —
אַבראַמאָוויטש, קאַהאַן, אָניל. — — — — — — — — — — — 105-115

6. די ס. פּ. און די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען

אָפּטאָן סינקלעיר. — דעבס פאַרשוויגן — טאָמאַס „געבומט״. —
פּאָליטישע קאָרופּציע. — זעלביקע קאַנדידאַטן ביי די רעפּובלי־
קאַנער און סאָציאַליסטן. — — — — — — — — — — — 116-127

7. די ס. פּ. און רעוואָלוציע

דער קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן. — אָפּקויפן דעם קאַפּיטאַליזם.—
לי: „מאַרקס האָט אַ טעות געהאַט״. — היילן דעם קאַפּי־
טאַליזם. — מענשעוויסטישע דיסציפּלינלאָזיקייט. — — — — — 128-139

8. דער „פאָרווערטס״

„די צייטונג איז ניט די ס. פּ.״ — פאַר דער „רעוויזיע״ פון
מאַרקס׳ן. — הוראָ פאַר רוזוועלט׳ן. — מלחמה, שאָוויניזם,
רעליגיע.—סאַקאָ און וואַנזעטי—„רויבער און האָלד־אָפּניקעס״.
— אַ וויים־גוואַרדייאישע צייטונג. — — — — — — — — — — 130-153

9. צוויי וועגן

די צעפאַלונג פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. — די בורזשואַזיע
און דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל.—בורזשואַזע דעמאָקראַטיע
אָדער פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. — „עס זיינען דאָ זאַכן, וואָס
שטייען העכער ווי אייניקייט״ (ענגעלס). — אויפגעהויבן די
פאָן פון העימאַרקעט! — — — — — — — — — — — — 154-167

ביילאַגע (קורצע באַמערקונגען וועגן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און
אַרבעטער־פירער, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אינם בוך) — — 168-176

פאָרוואָרט

עס איז ניט מעגלעך צו קענען די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט קענענדיק די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס איז אַ גענוגנדיקע סיבה אויף שרייבן די געשיכטע פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. עס איז אָבער פאַראַן נאָך איינע, ווידער אַ זייער וויכטיקע.

די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז די געשיכטע פון דעם סאָציאַל־רעפאָרמיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די געשיכטע און די דערפאַרונגען פון דער פּאַרטיי גיבן אונז דעם הינטערגרונט פון דער שפּאַלטונג, פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דאָ ווערט געמאַכט אַ פּרואוו צו דערציילן ניט נאָר ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, נאָר — נאָכמער — פאַרוואָס.

דער בוך איז געשריבן מיט אַן אויג פאַרן ה י י נ ט און פאַרן מ אָ ר ג ן. דער הויפּט־צוועק איז געווען צו געבן אַ באַגריף, דורך איר געשיכטע און רעקאָרד, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז היינט, און ווי אַזוי זי וועט א ו מ פ א ר מ י י ד ל ע ך האַנדלען מאָרגן — אין פראַגן פון מלחמה, רעוואָלוציע, יוניאָנס, א. אז. וו.

צוליב דעם איז דער בוך איינגעטיילט אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל גיט איבער סקיצנהאַפט די געשיכטע פון דער פּאַרטיי פון 1901 ביז 1934. אין צווייטן טייל, ו ו ע ל כ ע ר ד ע ר ג א נ צ ט ד ע ם ע ר ש ט ן, איז דער רעקאָרד פון דער ס. פּ. איינגעטיילט געוואָרן לויט באַזונדערע ענינים: באַציאונג צו יוניאָנס, מלחמה, פאַשיזם, סאָוועטן־פאַרבאַנד, א. אז. וו. דאָס איז געטאָן געוואָרן כדי יעדער ענין זאָל ניט צעברעקלט ווערן לויט פאַרשיידענע פעריאָדן, און כדי צו באַהילפיק זיין דעם אַרבעטער, וועלכער וויל זיך באַקענען מיטן רעקאָרד פון דער פּאַרטיי אין דעם אָדער יענעם ספּעציפישן ענין. ב י י ד ע ט י י ל ן ד ע ר ג א נ צ ן ז י ך א י י נ ס ד א ָ ס א נ ד ע ר ע.

כדי בעסער צו קענען די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין נויטיק א ברייטע באַקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון סאָציאַליס־טישע באַוועגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיטן אָנהויב פון דער יוניאָן־באַוועגונג, און מיט דער עקאָנאָמישער געשיכטע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן אינם סוף פונם פאַריקן יאָרהונדערט. זאָל דאָס דינען ווי א דערמאָנונג פאַרן באַוואוסטזיניקן ארבעטער, צו שטודירן אַט־די געשיכטע. אויף וויפיל די ראַמען פון אַט־דעם בוך האָבן עס דערלויבט, איז אין עטלעכע שטריכן איבערגעגעבן געוואָרן עטוואָס פון דער ירושה, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט גע׳ירשנ׳ט — פון דער ס. ל. פּ. („סאָשיעליסט לעיבאָר פּאַרטי״ — סאָציאַליסטישע ארבעטער־פּאַרטיי) און אַנדערע באַוועגונגען. כדי באַהילפיק צו זיין דעם לייענער ווערן צום סוף פונם בוך געגעבן עטלעכע ביאָגראַפישע און אַנדערע נאָטיצן וועגן פּערזאָנען און ענינים, וואָס ווערן אין דעם בוך באַרירט.

פּ. ג.

ניו יאָרק, דעצעמבער 1934.

ערשטער טייל

פון יודזשין דעבס ביז נאָרמאַן טאָמאַס

1. די ירושה

אַן אַלטע קרענק.

אין דעם אָפיציעלן (וועכנטלעכן) אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו יאָרק, „ניו לידער", באַקלאָגט זיך דער רעדאַקטאָר, דזשעימס אָניל:

„. . . וואָס מיר פאַרמאָגן באמת איז אַ געדאַנקען־פּאַנאַנדערפאַלונג, וואָס קומט ווי אַ רעזולטאַט פון דער (עקאָנאָמישער) דעפּרעסיע און פונם דרוק פון די געשעעענישן אין אַנדערע לענדער אויף אונזער באַוועגונג."... „עס זיינען פאַראַן אַ סך סיבות פאַר דער סיטואַציע, אָבער איין וויכטיקע סיבה איז דער פאַקט, וואָס פאַר די לעצטע פופצן יאָר איז ניט אָנגעשריבן געוואָרן פון קיין פּאַרטיי־מיטגליד קיין שום זאַך פון פונדאַמענטאַלער וויכטיקייט." . . . „אַלע פאַקטן באַווייזן, אַז אנשטאָט דעם וואָס אונזער פּאַרטיי זאָל פּרובירן אָנפירן מיט די פּאַרטייען אין אויסלאַנד, איז זי גאָר אַזוי קראַנק, אַז זי נויטיקט זיך אין אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס יענע וואָלטן אפשר געדאַרפט באַזאָרגן." *)

קראַנק. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף אַ קראַנקן־שוועסטער. אַרום איר שווינבלט און גריבלט — זאָגט דער זעלביקער ס. פּ.־פירער — מיט טעכנאָקראַטיע, געלט־רעפאָרמער, ניי־מאָדנעם פּאָפּוליזם, פאַראייניקטע פראָנטן, און וואָס ניט. און אין מיטן פון דעם געווירבל טראָגט זיך אַרום די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

קראַנק, זאָגט דער טעאָרעטיקער פון רעכטן פליגל. און אַן אַנדערער, פון „לינקס", חיים קאַנטאָראָוויטש, זאָגט:

„אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי זי איז איצט, זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אייגנטלעך געדאַרפט זיין ביי די בורזשואַזע ליבעראַלן, און מענטשן וואָס דאַרפן באמת געהערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ביי איינעם און דעם זעלבן מיטינג דערקלערט איינער, אַז רוסלאַנד איז די האָפענונג פון דער וועלט, אַ צווייטער — אַז רוסלאַנד איז די פעסטונג פון וועלט־רעאַקציע; אַז סאָציאַליזם אָן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז אונדענקבאַר און אַז דיקטאַטור, אַפילו פּראָלעטאַרישע, איז אַן אומגליק פאַרן סאָציאַליזם; אַז די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר

*) „ניו לידער", יולי 21, 1934.

> איז אַ פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע און אַז די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר איז די פּראָגרעסיווסטע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט; וואָס איין סאָציאַליסטישע צייטונג רופט סאָציאַליזם, רופט אַ צווייטע פאַרראַט. עס איז אַ שרעקלעכע צעשוואָומענקייט. אמת, עס איז דאָ אין דער פּאַרטיי אַ געזונטער קערן, דער אַזוי־גערופענער מאַרקסיסטישער צענטער; אָבער ער ווערט פאַרלאָרן אין אַלגעמיינעם טומל.״

אַן אמת׳ער דור הפלגה!

איז וואָס זאָל מען טאָן? איז מ ע ג ל ע ך עפּעס צו טאָן? קאָן מען צונויפפירן „בורזשואַזע ליבעראַלן״ און „קאָמוניסטן״, אַזעלכע וואָס האַלטן אַז „רוסלאַנד״ איז די האָפענונג פון דער וועלט, מיט אַנדערע וואָס האַלטן אַז „רוסלאַנד״ איז די „פעסטונג פון דער וועלט־רעאַקציע״, און אַז. וו., און אַז. וו.?

אַפּנים, אַז אַזעלכע „מיינונגס־פאַרשיידנהייטן״ זיינען ביי דער ס. פּ. פון די קלייניקייטן. דער „לינקער״ „טעאָרעטיקער״ פירט אויס זיין אַרטיקל גאָר האָפערדיק:

> „אָט דאָס איז דער איצטיקער צושטאַנד פון דער פּאַרטיי. די אינער־לעכע קאַמפן, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט, דאַרפן קיינעם ניט אָפּ־שרעקן. זיי זיינען אַ סימן פון אַ געזונטן וואוקס. די נאַציאָנאַלע קאָנ־ווענשאָן וואָס וועט בקרוב גערופן ווערן, ווערט דאָס מאָל ספּעציעל גע־רופן, כדי אויסצודרעשן אָט די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און אָנצייכענען די אַלגעמיינע ליניע פון דער ווייטערדיקער פּאַרטיי־אַרבעט.״ *)

אָט אַזעלכע „טעאָרעטיקער״, און נאָך „לינקע״!

חוץ דעם דאָזיקן געוועזענעם מיטלמעסיקן פּועל־ציון, וועלכער רעכנט זיך געווים צו צום „געזונטן קערן״, צום „מאַרקסיסטישן צענטער״, פאַרמאָגט דער „לינקער״ פליגל פון דער ס. פּ. אַ גרופּע ק ר י ס ט ל ע כ ע סאָציאַליסטן, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ באַדייטנדיקע קראַפט אין דער פּאַרטיי. אין זייער אָרגאַן „וואָרלד טומאָראָו״ (די וועלט אויף מאָרגן), אַרום וועלכן עס האָט זיך גרופּירט אַ טייל פון דער אָנפירנדיקער אינטעליגענץ פון דער ס. פּ., האָט מען געשריבן אין אַן אַרטיקל: „ד י ח ב ר׳ ש א פ ט פ ו ן ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ק ר י ס ט ן״ (פון איינעם פון די פירער פון דער גרופּע מיטן זעלביקן נאָמען, רעינאָלד ניבור) דאָס פאָלגענדע:

> „עס זיינען דאָ סיי סאָציאַליסטן און סיי קריסטן, וואָס האַלטן, אַז

---

*) „צוקונפט״, מערץ 1934.

ביידע זאַכן (קריסטלעכער און סאָציאַליסטישער געדאַנק) קאָנען ניט גיין צוזאַמען. דער ענטפער, וואָס קריסטלעכע סאָציאַליסטן גיבן צו דער מיינונג — אָדער צום ווינציקסטן איינער פון די ענטפערס — איז, אַז זיי באַטראַכטן ניט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם (און געוויס ניט מאַטעריאַליסטישע מעטאַפיזיק) ווי אַ באַזיס פאַר סאָציאַליסטישע פּאָליטיק." . . . „בשעת דער וועלטלעכער מאַרקסיסט באַשטייט דערויף, אַז קאַפּיטאַליזם פאַרניכטעט זיך אַליין דורך זיינע אינערווייניקסטע סתירות, האַלט דער קריסטלעכער מאַרקסיסט פאַר באַדייטונגפול דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן ניט עקזיסטירן, ווייל ער איז אַ מאָראַלער מום." (אונטערגעשטראָכן פון מיר.) *)

האָבן מיר „מאַטעריאַליסטישע מעטאַפיזיק" און „קריסטלעכן מאַרקסיזם"... און אָט די גרופּע קריסטלעכע „סאָציאַליסטן", וואָס האַלט, אַז לויט די „וועלטלעכע" מאַרקסיסטן פאַרניכטעט זיך דער קאַפּיטאַליזם „פון זיך אַליין", איז די באַדייטנדיקסטע קראַפט אויף „לינקס"! איינער פון אירע פירער, דיוויד אַללאַן, האָט אָנגעשריבן די באַרימט-געוואָרענע „פּרינציפּן-דעקלאַראַציע", וואָס דער דעטראַיטער צוזאַמענפאָר פון דער ס. פּ. האָט אָנגענומען אין יוני 1934!...

אַן אַנדער „טעאָרעטיקער" פון „לינקס" איז דער אַלטער באַקאַנטער אָסקאַר אַמערינגער. אין דעם „אַמעריקען גאַרדיען" פון 15טן יוני איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ הייסער פאַרטיידיקונג פון דער „פּרינציפּן-דעקלאַראַציע" (וועגן איר — שפּעטער). באַזונדערס פייערט אַמערינגער קעגן די „יודאַ איסקאַריאָטן", וואָס האָבן אין 1914 פאַרראַטן דעם סאָציאַליזם, און זינגט אַ לויב דער סט. לואיס'ער אַנטי-מלחמה רעזאָלוציע, וואָס די אַמעריקאַנישע ס. פּ. האָט אָנגענומען אין 1917. דערציילט אָבער דער טעאָרעטיקער פון רעכטס, אָניל, גאָרניט קיין אָנגענעמע זאַכן וועגן דעם דאָזיקן טעאָרעטיקער פון „לינקס". אין קורצן: אין פרילינג 1918 האָט אַמערינגער, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פונם דעמאָלטיקן סאָציאַליסטישן „אָקלאַהאָמאַ לידער", זיך פאַרשריבן אין אָרטיקן פּאַטריאָטישן „קאָונסיל אָוו דעפענס" (פאַרטיידיקונג-ראַט). שפּעטער איז ער אַריבער צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און האָט געהאָלפן אויסקלייבן דעם קו-קלוקסישן גאָווערנאָר וואָלטן פון אָקלאַהאָמאַ, וועלכער איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן ווי אַ כאַבאַרניק...**)

---

*) „וואָרלד טומאָראָו", יוני 14, 1934. דער זשורנאַל איז אין אויגוסט אונטערגעגאַנגען.

**) „ניו לידער", 30טן יוני, 1934.

אַ דעמאָראַליזאַציע — ווי אין אָנהויב פון איר גרינדונג

שוין די עטלעכע מוסטערן, וואָס די דיסקוסיע פאַרן און נאָכן צו־זאַמענפאָר אין דעטראָיט האָט אַרויסגעבראַכט, דערציילן אונז גענוג וועגן דער אידייאישער צעפוילונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די דיסקוסיע האָט דעם פאַקט נאָר שאַרפער אַרויסגעפירט, אָבער ניט אַנטדעקט. דער זעלביקער אָניל האָט געשריבן אין זאַמלבוך, וואָס דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן צום סוף 1931, צו זיין צענטן יובילײ:

„אין דער פּאַרטיי זיינען אַריינגעקומען גלחים, סטודענטן פון טעאָ־לאָגיע, סתם סטודענטן און בכלל מענטשן, וואָס אַרבעטן ניט פאַר אַ לוין.״
. . . „צוליב דעם האָבן אין דער פּאַרטיי גענומען אַריינשטראָמען צע־שוואומענע באַגריפן און אידייען, וואָס נעמען זיך ניט פון אַרבעטער־לעבן, נאָר וואָס שטאַמען פון די קרייזן פון די בורזשואַזע קאַלעדזשעס.״
. . . „עס האָבן זיך ווידער באַוויזן אַלע אַמאָליקע קינדערשע קראַנקהייטן פון די ערשטע צייטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָ האָבן מיר „ליבעראַליזם״, פּאָליטישן אָפּאָרטוניזם, אימפּאָסיביליזם, לעיבאָריזם, כמעט־סאָציאַליזם, אַ נייעם מין פּאָפּוליזם, סענטימענטאַלן באָלשעוויזם און פּאַציפיזם.״ *)

דאָס אַליין איז שוין כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איר רעדאַקטאָר פונם אָפיציעלן אָרגאַן, דער הויפּט־טעאָרעטיקער אויף רעכטס, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער „פאָר־ווערטס״־גרופּע, מיט די באַאמטע אין דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, קעמפט פלוצלונג קעגן אָפּאָרטוניזם... אָבער איין ריכטיקע נאָטע האָט אָניל אָנגעשלאָגן: ער האָט אין דער איצטיקער קרענק פון דער ס. פּ. דערזען סמנים פון די קראַנקהייטן פון די ערשטע צייטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זיי האָבן זיך אָבער ניט „באַוויזן״. דאָס זיינען קראַנקהייטן אָרגאַנישע, וואָס באַגלייטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — פון איר גרינדונג אין 1901 ביז היינטיקן טאָג.

אין 1901 זיינען זיך אין אינדיאַנאַפּאָליס צוזאַמענגעקומען דער אָפּגעשפּאָלטענער טייל פון דעבס'עס „סאָשיעל דעמאָקראַסי״ און די „פאָרווערטס״־גרופּע פון ניו יאָרק, פון איין זייט, און — פון דער אַנדער

*) „10 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט״ (זאַמלבוך), פאַרלאַג „וועקער״, ניו יאָרק, 1931.

זייט — די גרופן אונטער דער פירערשאַפט פון דער ניו יאָרקער דייטשער „פאָלקסצייטונג", וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער „סאָשיעליסט לעיבאָר פּאַרטי" (ס. ל. פּ.) אין 1898.*) איידער די פאַראייניקונג איז צושטאַנד־געקומען, האָבן זיך די צדדים געגעבן „קאָמפּלימענטן". מאַקס העיז, פון דעם „פאָלקסצייטונג" צד, האָט געשריבן וועגן צד נומער איינס:

„די אַנטי־פאַראייניקונג מענטשן זיינען אָנגעפירט געוואָרן דורך (וויקטאָר) בערגער, אַ סקול־לערער און רעדאַקטאָר; סטעדמאַן, אַן אַדוואָקאַט; מעק־קאַרטני, אַ גלח; עדוואַרדס, נאָך אַ רעדאַקטאָר; קאָקס, נאָך אַן אַדוואָקאַט; (לואי) מילער, נאָך אַ רעדאַקטאָר; (מאיר) לאָנדאָן, ווידעראַמאָל אַן אַדוואָקאַט; מאַרגאַרעט העיל, אַ היסטערישע פרוי, און נאָך איינער אָדער צוויי, אַלץ אַזוי־גערופענע אַקאַדעמישע סאָציאַליסטן, טעאָרעטיקער."

האָט א. ס. עדוואַרדס אָפּגעענטפערט אין „סאָשיעל דעמאָקראַטיק העראַלד":

„קיין פירושים זיינען ניט נויטיק, סיידן אפשר ציען די אויפמערקזאַמקייט צום פאַקט, וואָס (דזשאָב) האַרימאַן איז אַן אַדוואָקאַט און אַ געוועזענער גלח; (מאָריס) הילקוויט איז אַן אַדוואָקאַט; (הערמאַן) שליטער איז אַ רעדאַקטאָר; (בנימין) פייגענבוים, אַ רעדאַקטאָר; מאָרגאַן, אַן אַדוואָקאַט; (אַלעקסאַנדער) יאָנאַס, אַ רעדאַקטאָר; סטאָון, אַ רעדאַקטאָר; (פּיטער) זיסמאַן, אַן אַדוואָקאַט; בענהאַם, אַ רעדאַקטאָר; טאַפּט, אַן אַדוואָקאַט; לי, אַ רעדאַקטאָר; און צום סוף, ניט אויסציענדיק די קליינלעכקייטן צו לאַנג, מאַקס העיז אַליין, אַ רעדאַקטאָר."**)

---

*) אין יאַנואַר 1897 האָט זיך די (שפּעטערדיקע) „פאָרווערטס"־גרופּע אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) און אין יוני פון זעלביקן יאָר האָט דעבס געגרינדעט די „סאָשיעל־דעמאָקראַסי" (זע ווייטער). די „פאָרווערטס"־גרופּע און אירע פאַרבינדעטע אויסער ניו יאָרק האָבן זיך אָן דער נייער פּאַרטיי אָנגעשלאָסן. אין 1898 איז אין דער פּאַרטיי פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די אָנהייגער פון קאָלאָניזאַציע און די קעגנער, און די לעצטע (דעבס און זיינע אָנהייגער און די „פאָרווערטס"־גרופּע) האָבן געגרינדעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין זעלביקן יאָר איז פאָרגעקומען אַ נייע שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ., עס זיינען אַוועק פון דער פּאַרטיי די עלעמענטן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער דייטשער „ניו יאָרקער פאָלקסצייטונג". זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט דער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי וועגן אַ פאַראייניקונג. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך לאַנג געצויגן און זיינען פיל מאָל איבערגעריסן געוואָרן.

**) ציטירט פון נ. פאַין'ס „לעיבאָר ענד פאַרמער פּאַרטיס אין דהי יו. עס." פאַרלאַג רענד־סקול, 1928, ז. 202.

אַט די קליינבירגערלעך - אינטעליגענטיש - גלח'ישע פירערשאַפט האָט זיך באמת אַרומגעטראָגן מיט „צעשוואומענע אידייען און באַגריפן". דאָ איז געווען ליבעראַליזם, פּאַפּוליזם, אימפּאָסיביליזם, גרינבעקיזם, קאָלאָניזם, כמעט-סאָציאַליזם, פאָלקס-סאָציאַליזם, נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם. די כאַראַקטעריסטיק פון דער פירערשאַפט אין 1901 שטימט כמעט וואָרט אין וואָרט מיט דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס ווערט אונטערגעטראָגן איצט פון ס. פּ.-פירער גופא, — אפשר מיטן איינציקן אונטערשייד, וואָס אין 1901 זיינען די גלחים און אַדוואָקאַטן געווען איינגעטיילט שיר ניט גלייך אויף גלייך צווישןביידע פליגלען, בעת איצט געפינען זיך די מייסטע אַדוואָקאַטן אויף רעכטס און כמעט אַלע גלחים אויף „לינקס"...

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שטייט ביי איר אור-קוואַל. ווידעראַמאָל, זי האָט ניט געדאַרפט מאַכן קיין רייזעס אויף צוריק. ווי מיר וועלן זען ווייטער, איז זי כסדר געווען אַ סאָציאַל-רעפאָרמיסטישע פּאַרטיי, האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון פּאַרטיי-דיסציפּלין — סיידן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַזייטיקן רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, ווי צום ביישפּיל וויליאַם העיוואוד*) און זיין גרופּע אין 1913.

דע־ליאָנס ירושה

דער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1934 איז פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב די באַדינגונגען פון דער איצטיקער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם, צוליב דער עקזיסטענץ פון סאָוועטן-פאַרבאַנד און דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אָבער קאַמפן צווישן לינקס און רעכטס זיינען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ניט קיין נייעס, און געוויס איז ניט קיין נייעס די צעשוואומענקייט און די שאַרפן קעגנזעצלעכע מיינונגען, וואָס האָבן אין דער פּאַרטיי אַלעמאָל געהערשט וועגן די וויכטיקסטע פראַגן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג.

רעוואָלוציע, טרעיד-יוניאָניזם, רעליגיע, אימיגראַציע, פּרעסע, פּאַרלאַמענטאַריזם — אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז כסדר אָנגעגאַנגען אַ קאַמף וועגן די פראַגן. בעת איין טייל האָט געהאַלטן, צום

*) וועגן די און ווייטערדיקע נעמען און טערמינען — זע באַמערקונגען און ביאָגראַפישע נאָטיצן צום סוף פונם בוך.

ביישפיל, אַז די אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר איז גאָרניט קיין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (העיוואוד) און אַז מען דאַרף איר שפּאַלטן (דעבס) און אַז די וואָס שפּאַנען־איין די פּאַרטיי אין רייטוואָגן פון דער א. פ. אָוו ל. טרייבן איר צו בורזשואַזן רעפאָרמיזם (דעבס), האָבן אַנדערע געהאַלטן, אַז די א. פ. אָוו ל. איז שיר ניט די האָפענונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די א. פּ. אָוו ל. האָבן די זעלביקע צילן (הילקוויט).

עקסטרעמען, וואָס האָבן זיך אויסגעשלאָסן איינס דאָס אַנדערע — האָבן געהויזט צוזאַמען. וויכטיקע פּראָבלעמען זיינען „פּאַרריבן" געוואָרן מיט דיפּלאָמאַטישע „סאָבסטיטוט"־פאָרשלאַגן, אויף וועלכע דער אַדוואָקאַט מאָרים הילקוויט איז געווען אַ גרויסער מייסטער. דאָס האָט נאָר געהאָלפן אַריינטרייבן די פּאַרטיי אַלץ טיפער אין זומפּ פון רעפאָרמיזם און פּרינציפּן־פוילקייט, ווי דער רעקאָרד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי באַווייזט עס. איידער מיר גיבן אַ קוק אויף דעם דאָזיקן רעקאָרד מוז מען אָבער עטוואָס אָפּשטעלן זיך אויף דער ירושה, וואָס ד ע ־ ל י אָ ן און די „סאָשעליסט לעיבאָר פּאַרטי" (ס. ל. פּ.) האָבן איבערגעלאָזט. דאָס וועט געבן דעם הינטערגרונט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

דאַניעל דע־ליאָן ווערט פון געוויסע עלעמענטן באַטראַכט ווי דער „ערשטער אַמעריקאַנער באָלשעוויק". אַזוי רעקאָמענדירט אים מאָרים הילקוויט אין זיינע מעמוארן.*) עס ווערט אויך אָנגעגעבן, אַז דע־ליאָנ'ס באַגריף פון אַ מלוכה, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף די יוניאָנס, איז געווען אַן אויסדרוק פון סאָוועטישער מלוכה־פאָרם. דאָס אַלץ איז פ א ל ש.

דע־ליאָן, איינע פון די גרעסטע פיגורן אין דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט אַן צוויי־פל געקעמפט פאַר אַ פּרינציפּן־פעסטער, אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט אָן רחמנות געפירט אַ קאַמף קעגן רעפאָרמיזם. ער האָט ביטער באַקעמפט גאָמפּערס'ן און זיינע פּאַררעטערישע טעאָריעס. ער איז געווען דורכאויס גערעכט, ווען ער האָט נאָך אין 1897 באַצייכנט די איסט־בראָדוועיער, ווי ניט קיין סאָציאַליסטן. ער האָט אָבער זיין קאַמף קעגן רעפאָרמיזם געפירט אין אַזאַ פאָרם, ער האָט דער ס. ל. פּ. און זיין יוניאָן־צענטער, דעם „סאָשעליסט טרעיד ענד לעיבאָר אַלאַיענס", געגעבן אַזאַ סעקטאַנ־

---

*) „לוז ליווס פראָם עי ביזי לאַיף", מאַקמיליען פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1934. זייט 46.

טישן כאַראַקטער, אַז ער האָט דערמיט נאָר געהאָלפן דעם רעפאָרמיזם פאַרשטאַרקן. פּונקט אַזוי, אָדער נאָכמער, האָט ער געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם רעפאָרמיזם און די צעמישעניש אין דער אַרבעטער־באַוועגונג דורך זיינע טעאָריעס וועגן דער ראָל פון דער פּאַרטיי, די יוניאָנס, דורך זיין קוק אויף רעוואָלוציע, אויף דער מלוכה, דורך זיין שטעלונג צו די פּאַרמערס, צום מיטל־קלאַס. דע־ליאָנ'ס קוק אויף די אַלע פונדאַמענטאַלע זאַכן איז געווען — ווי דאָס איז פאָרמולירט געוואָרן אין אַן אויסגעצייכנטער אָפּשאַצונג וועגן דע־ליאָנ'ען *) — אַ געמיש פון מענשעוויזם און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם.

דע־ליאָן האָט, אמת, זייער אָפט גערעדט, און שאַרף גערעדט, וועגן רעוואָלוציע. ריכטיקער: ער האָט זיך פאַרנומען מיט „רעוואָלוציאָנערער" סאָפיסטיק. ער האָט ניט געזוכט צוצוגרייטן די אַרבעטער צום געוואַלטזאַמען קאַמף פאַר מאַכט. ער איז געווען קעגן גענעראַל־סטרייק. אנשטאָט גענעראַל־סטרייק האָט ער אַרויסגערוקט אַ סאָפיזם: „גענעראַל־לאַקאַוט".**) ער איז צוליב „מאָראַלע" מאָטיוון געווען קעגן באַנוצן שאַרפע מיטלען קעגן דער בורזשואַזיע (נאָכדעם ווי דער אַרבעטער וועט שוין קריגן די מאַכט). ער האָט אַנטוויקלט — אין זיין שניידנדיקער און בילדלעכער שפּראַך — אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דעם, אַז די בורזשואַזיע איז אַ פּחדנ'ישער הונט, וואָס האָט מורא צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד (דע־ליאָן: „סאָשעליסט ריקאָנסטראַקשאָן אָוו סאָסאַיעטי", ז. 45). ער האָט געהאַלטן, אַז די רעגירונג איז געוואָרן אַן אַפּאַראַט פון קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג ערשט דעמאָלט („דעמאָלט און ניט פריער", שטרייכט דע־ליאָן אונטער אין „רעפאָרם ענד רעוואָלושאָן"), ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט דערגרייכט אַ הויכע שטופע. פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס מוז נאָך דער דערפאָלגרייכער רעוואָלוציע באַלד אויפגעלייזט ווערן. די יוניאָנס, האָט ער געהאַלטן, מוזן באַלד איבערנעמען די פונקציעס פונם מלוכה־אַפּאַראַט. דאָס איז ביי אים געווען אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן דעם אַנאַרכיזם, וועלכער האָט שוין אָפּגעלייקנט די באַדייטונג פון דער

*) וואָלטער בורק אין „קאַמיוניסט", מערץ און אַפּריל 1934.

**) דעם 28טן אָקטאָבער 1905, אין פאַרבינדונג מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ער געשריבן אין „פּיפּל": „ווי אַ געווער פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז דער גענעראַל־סטרייק אַן אומגעלומפּערט געווער."

פּאָליטישער פּאַרטיי און איר באַקעמפט, און דעם מאַרקסיזם, וואָס זאָגט, אַז די פּאָליטישע פּאַרטיי קאָן אָפּגעשאַפט ווערן ערשט נאָכדעם ווי עס וועלן אָפּגעשאַפט ווערן קלאַסן. דע־ליאָן האָט אָפּגעלייגט דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם אויף מאָרגן נאָכן איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט.

דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער קוק אויף דער ראָל פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז געווען אפשר דער וויכטיקסטער ווינקלשטיין אין דע־ליאָנ׳ס טעאָריע, דאָס אויסשליסן די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, דעם פּאַרמער און די אַנדערע האָרעפּאַשניקעס פון אָנטייל נעמען אינם מלוכה־אַפּאַראַט (אויב די מאַכט זאָל באַלד איבערגיין צו די יוניאָנס), איז געקומען דערפון, וואָס דע־ליאָן האָט נ י ט אַרויסגערוקט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט ווי די איבערגאַנגס־שטופע צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. דערפאַר האָט ער אויף זיין סעקטאַנטישן אופן אַוועקגעמאַכט די פּאַרמער און די מיטל־שיכטן און ניט געטראַכט וועגן שותפים צום פּראָלעטאַריאַט. דאָ איז ער געשטאַנען אויף איין ברעטל מיט די רעפאָרמיסטן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן ניט געוואָלט ערנסט טראַכטן וועגן דער פּויערים־פּראַגע. „די הויפּט־סיבה דערפון איז, וואָס די פּאַרטייען גלויבן ניט אין דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט”, האָט עס לענין דערקלערט, אין זיין קריטיק וועגן די רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען פון צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל.

די נאַציאָנאַלע פּראַגע — אַ ווינקלשטיין פון דעם באָלשעוויזם — די נעגער־פּראַגע, האָבן פאַר דע־ליאָנען ניט עקזיסטירט.

אַזוי האָט דע־ליאָן דירעקט און אינדירעקט געהאָלפן פאַרשטאַרקן די מחנות פון די רעפאָרמיסטן. דורך זיין שמאָלן קוק אויף יוניאָנס, וועלכע זיינען ביי אים געווען אַ מין דופּליקאַציע פון דער פּאַרטיי, דורך זיין אָפּזאָגן זיך פון קאַמף פאַר טאָג־טעגלעכע געווינסן, פון מינימום־פּראָגראַם, האָט ער געהאָלפן פאַרשטאַרקן די אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר און ווידעראַמאָל די רעפאָרמיסטן. אויף אַ קאָנפערענץ וועגן סטרייק און באָיקאָט, אין 1894, האָט דע־ליאָנ׳ס דעמאָלטיקער נאָענטסטער מיט־אַרבעטער ל ו ס י ע ן ס א נ י ע ל דערקלערט, אַז אין הויך־אַנט־וויקלטע אינדוסטריען קאָנען די אַרבעטער מער ניט האָפן צו געווינען פאַרבעסערונגען דורך סטרייק אָדער באָיקאָט. אין אַ רעדע פאַר טעקסטיל־סטרייקער אין ניו־בעדפאָרד, דעם 11טן פעברואַר, 1898 (שפּעטער אַרויס אונטערן נאָמען: „וואַט מינז דהיס סטרייק?”), האָט דע־ליאָן דער־

קלערט, אַז די צייט איז פאַרביי, ווען אַ „פּיור ענד סימפּל" טרעיד־יוניאָן האָט געקאָנט די אַרבעטער עפּעס געבן. דורך דעם דאָזיקן „לינקן" אָפּאָרטוניזם זיינעם האָט ער געהאָלפן אויסהאָדעווען אָפּאָרטוניזם אויף רעכטס, און ער האָט דירעקט פאַרזייט דעם מיש־מאַש פון זיינע טעאָריעס וועגן דער פּאַרטיי, מלוכה, פאַרמער, בורזשואַזיע, גענעראַל־סטרייק, — „טעאָריעס", וועלכע זיינען מיטגעשלעפּט געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָבן נאָך דאָרטן זייער ווירקונג ביז היינטיקן טאָג.

דעבס'עס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי

צווישן דעם פּעריאָד, ווען די ס. ל. פּ. איז געשטאַנען אויף איר העכסטן פּונקט*), און דער גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געפינט זיך דעבס'עס „סאָשעל דעמאָקראַסי", וועלכע האָט באַלד געענדערט דעם נאָמען אויף: סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

די „סאָשעל דעמאָקראַסי" איז געגרינדעט געוואָרן אין יוני 1897, אויפן צוזאַמענפאָר פון דער „רעילוועי לעיבאָר יוניאָן", — דעבס'עס אָן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט אַ קורצע אָבער דראַמאַטישע עקזיס־טענץ, האָט אָנגעפירט (אין 1894) מיטן באַרימטן פולמאַן־סטרייק, צוליב וועלכן דעבס איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע. הגם ער איז אין טורמע געוואָרן אַ סאָציאַליסט, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט מאַרקס'עס ווערק, האָט דעבס אָבער ביי דער גרינדונג פון דער „סאָשעל דעמאָקראַסי" נאָך ניט געהאַט געשיידט זיך מיט די געדאַנקען פון דעם „קאָמאָנער" (פאָלקס־מענטש) וויליאַם דזשענינגס בראַיען, וועמען ער האָט פריער געהאַט געשטיצט. אַזוי ווייט איז דעבס און די גאַנצע „סאָשעל דעמאָקראַסי" געווען פון אַ קלאַסן־ליניע, אַז נאָכן צוזאַמענפאָר האָט ער זיך געווענדעט מיט פאָלגנדיקן בריוו צו דזשאָן ד. ראָקעפעלער:

„שיקאַגאָ, 19טן יוני, 1897.

„צו מר. דזשאָן ד. ראָקעפעלער, ניו יאָרק:

„ווערטער הער: איך נעם די פרייהייט אייך צו מעלדן, אַז מיר

---

*) זי האָט אַלס ריין־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קיינמאָל ניט געהאַט מער ווי 7־8 טויזנט מיטגלידער. פאַר דער שפּאַלטונג מיט די אַנאַרכיסטן, אין 1883, האָט זי געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום צען טויזנט.

האָבן היינט אָרגאַניזירט די סאָשיעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקאַ, אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט בדעה צו באַפרייען די אונטערדריקטע און ליידנדע פון אונזער לאַנד פון דער מאַכט פון אינדוסטריעלע אומשטענדן, וועלכע זיי זיינען מאַכטלאָז צו ענדערן אָדער צו קאָנטראָלירן. דער צוועק פון דער אָרגאַניזאַציע איז, קורץ געזאָגט, אויפצושטעלן אָנשטאָט דעם היינטיקן גרויזאַמען, אוממאָראַלישן און פאַרניכטענדן סיסטעם די קאָאָפּעראַטיוו קאָמאָנוועלט, וואו מיליאָנערן און בעטלער, די אונמאָראַלישע פּראָדוקטן פון אַן אונמאָראַלישער ציוויליזאַציע, וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן, און מענטשלעכע ברידערשאַפט וועט איינגעפירט ווערן צו בענטשן און פאַרשענערן די וועלט. אין דיזער שטאָט גופא, וואו דער אוניווערזיטעט, וואָס טראָגט אייער נאָמען, שטייט אַלס אַ מאָנומענט פון די טריאומפן פון אַרבעט און פון דעם פאַבלהאַפטן רייכטום פון דעם לאַנד, געפינען זיך אַכט טויזנט פאַמיליעס, וואָס האָבן קיין היים ניט און פערציק טויזנט אַרבעטער גייען כמעט אוים פון הונגער. אויב איר גלויבט, אַז דאָס איז איבערטריבן, טו בעט איך אייך איר זאָלט אַזוי גוט זיין קומען אַהער, און איך וועל אַראַנזשירן זיי זאָלן זיך צונויפקלייבן אויפן לעיק־פראָנט און דאָרטן, אונטער אונזער אַלעמענס הימל, וואָס ער איז זייער איינציקער דאַך, וועלן זייערע אויסגעדאַרטע פּנים'ער, און זייערע אָפּגעריסענע בגדים זאָגן עדות וועגן מענטשנ'ס אונמענטשלעכקייט צו מענטשן. דער בילד מוז אַפּעלירן צו יעדן מענטשן, און ווי איר זייט דאָך אַ קריסטלעכער דזשענטלמען און זייט ווייט באַקאַנט דורך אייער צדקה, טו וועט איר אפשר עס באַטראַכטן אַלס פאַסנד און אַלס פליכט צו געבן אייער שטיצן צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איר העכער צוועק איז ניט צו פיטערן און דערנידעריקן דיזע ליידענדע מיטמענטשן מיט די ברעקלעך פון טשאַריטי און צו פאַראייביקן די צושטענדע וואָס מאַכן פון זייער לעבן אַ שטענדיקע קללה, נאָר צו שטרעבן צו אַ מער געהויבענער מענטשהייט, אַ געטלעכער ציוויליזאַציע, אַזוינע ווי יעזוס האָט געפּרעדיקט, ווען ער האָט געזאָגט: פרידן אויף ערדן, גוטער ווילן אונזער מענטשן. דער נעקסטער צוועק וועט זיין צו העלפן די אַרבעטסלאָזע דורך קאָלאָניזירונג פון אַ סטעיט אין די וועסט וואו זיי זאָלן קאָאָפּערירן אין דער אָנווענדונג פון זייער אַרבעט צו די נאַטירלעכע רייכטימער, און זאָלן פאַרדינען פאַר זיך אַליין און זייערע פאַמיליען, און זאָלן אויספילן ווי מענער די פליכטן פון אַ באַפרייטער בירגערשאַפט. אין דיזער באַוועגונג איז ניטאָ קיין קלאַסן־אונטערשייד: רייכע און אָרימע

זיינען גלייך ווילקאָמען צו העלפן אַראָפּצוואַרפן גאָלד פון זיין טראָן און אויפצוהויבן די מענטשהייט. דאַן וועט דער שטאַרקער העלפן דעם שוואַכן, דער שוואַכער וועט ליבן דעם שטאַרקן, און מענטשלעכע ברידער־שאַפט וועט איבערמאַכן די ערד אויף אַן אמת'ן גן־עדן.

„צו ווידמען זיך צו אַזאַ אַרבעט איז מיין העכסטער באַגריף פון מיין פליכט צו מיר אַליין און צו מיינע מיטמענטשן. גלויבנדיק דאָס איר וועט געפינען אין אָנקלאַנג מיט אייער אייגענעם געפיל פון געזעלשאַפט־לעכער און פּאַטריאָטישער פאַרפליכטונג צו רייכן אונז די האַנט אין אונזער באַפרייענדער און פערענדעלנדער אויפגאַבע, צייכנע איך

אייער זייער אויפריכטיק,

יודזשין וו. דעבס."

דעבס' בריוו צו ראָקעפעלער'ן *) איז אַ דאָקומענט. דעבס אַליין האָט ערשט דעמאָלט געמאַכט זיינע ערשטע טריט צום סאָציאַליזם. ער האָט זיך זייער גיך אויסגעניכטערט פון דעם יעזוס־„סאָציאַליזם" און האָט גאָר גיך דערקענט ווער ראָקעפעלער, און קאַפּיטאַליזם בכלל, איז. דער דאָקומענט וואַרפט אָבער אַ ליכט אויף דעם פּעריאָד, ווען די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן, און אויף דעבס' צושטאַנד צו יענער צייט.

דער שפּעטערדיקער גרויסער רעוואָלוציאָנער דעבס, ביי וועמען רע־וואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישע טעאָריע איז אָבער אַלע מאָל געווען אַ שוואַכער פּונקט, איז דעמאָלט געווען אַן אוטאָפּיסט. ער איז געווען שטאַרק אונטערן איינפלוס פון בעלאַמי'ס „לוקינג בעקוואָרד" („אין הונדערט יאָר אַרום", ווי דער בוך הייסט אין אידיש). ער איז געווען אונטערן איינפלוס פון די אוטאָפּיסטישע דענקער ראָבערט אָוען, שאַרל פוריע. דער שטאַט, וואו דעבס איז געבוירן געוואָרן, אינדיאַנאַ, איז געווען דער אָרט, וואו ראָבערט אָוען האָט אין 1825 געגרינדעט זיין קאָמונים־טישע קאָלאָניע „ניו האַרמאָני". און פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם דורך גרינדן אַזעלכע קאָלאָניעס איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּונקטן פון דער פּראָגראַם פון דער נייער דעבס־פּאַרטיי.

אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער נייער פּאַרטיי האָט זיך

---

*) ציטירט פון די שריפטן פון י. אַ. הורוויטש (דעבס' דעמאָלטיקער פּאַרטיי־קאָלעגע), באַנד 4, זז. 101־103. ניט האָבנדיק דעם אָריגינאַל פאַר זיך האָבן מיר געלאָזט די איבערזעצונג אין הורוויטש'עס שפּראַך.

געזאָגט, אַז די קאָלאָניעס זיינען קודם אַ פאָרם פון באַלדיקער רעליף פאַרן פאָלק, ספּעציעל פאַר ארבעטלאָזע.

„פאַר אַזעלכע צוועקן זאָל איינער פון די שטאַטן פון דער יוניאָן (צפון־אַמעריקע), וואָס זאָל שפּעטער באַשטימט ווערן, אָפּגעקליבן ווערן ווי אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט פאַר אַלע אונזערע אונטערשטיצער, וואו עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע, און דערנאָך זאָל ביסלעכווייז אונז טעטיקייט אויסגעשפּרייט ווערן ביז די נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט וועט געגרינדעט ווערן.״

„מיר רופן אַלע אָרנטלעכע בירגער צו פאַראייניקן זיך אונטער דער פאָן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע, אַזוי אַז מיר זאָלן גרייט זיין צו באַזיגן דעם קאַפּיטאַליזם דורך אויסנוצן אונזער פּאָליטישע פרייהייט און דורך איבערנעמען די עפנטלעכע מאַכט.״ *)

אַלץ האָט, הייסט עס, געזאָלט געמאַכט ווערן אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה און פון דער אַמעריקאַנישער קאָנסטיטוציע. אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, אין 1898, וואו עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג צווישן די קאָלאָניזאַטאָרן און אַנטי־קאָלאָני־זאַטאָרן, האָט די קאָלאָניזאַטאָרישע מערהייט דערקלערט אין איר פּלאַטפאָרם:

„אונטער דער אַמעריקאַנישער רעגירונגס־סיסטעם זיינען די שטאַטן דער נאַטירלעכער אינסטרומענט פאַר איינפירן סאָציאַליזם.״

די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז אירע מעטאָדן זיינען „ע כ ט״־אַ מ ע ר י ק אַ נ י ש ע, צוגעפּאַסט צום אָרטיקן באָדן. ניט געקוקט אויף דעם וואָס דעבס, וועלכער איז צום אָנהויב געגאַנגען מיט דער מער־הייט, איז צוגעשטאַנען צו דער אַנטי־קאָלאָניזאַטאָרישער מינדערהייט, האָט די נייע פירערשאַפט געזוכט אוועקצומאַכן די אָפּגעשפּאַלטענע מינדערהייט מיט דער „עכט״־אַמעריקאַנישער באַמערקונג:

„די דעלעגאַטן ווינטשעווסקי, הורוויטש, באַראָנדעס, לעווין, קוהן, הונגער, מערשעל, און בערגער זיינען געווען צווישן די שפּאַלטער. פּירושים זיינען איבעריק.״ **)

אָט־די מינדערהייט, וועלכע האָט אין 1898 געגרינדעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, האָט מיט דריי יאָר שפּעטער געהאָלפן גרינדן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

---

*) ציטירט לויט י. פּאָינס „לעיבאָר ענד פאַרמער פּאַרטיס״, ז. 190.
**) דאָרט, ז. 194.

לאַסאַליאַניזם

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די דייטשן און אידן זיינען געווען צווישן די שפּאַלטער, איז אָבער זייער קלאָר צו מערקן אין דעם פּלאַן צו גרינדן די „קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט", אין די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער מלוכה, דעם איינפלוס פון פערדינאַנד לאַסאַל, מיט זיין פּלאַן צו גרינדן קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען מיט דער הילף פון ביסמאַרקן. און דאָ קומען מיר צו צו אַן אַנדער איינפלוס אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, אַן איינפלוס פאַר אָפּאָרטוניזם, פּאַרלאַמענטאַריזם, נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. מיר קומען דאָ צו אַ קוואַל פאַר דער וואולגאַריזאַציע פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, קעגן וועלכן מאַרקס איז אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן אין זיין „קריטיק פון דער גאָטאַ'ער פּראָגראַם".*)

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט איז געווען אַ דייטשע. אַ שטיק צייט איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. אַרויס אין דייטש. דער לאַסאַליאַנער סערגעי שעוויטש איז אין די 80־ער יאָרן געווען דער הויפּט־פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין דער ערשטער טרעיד־יוניאָן פאַראייניקונג, „נעשאָנעל לעיבאָר יוניאָן" (געגרינדעט אין אויגוסט 1866 אין באַלטימאָר) איז געווען טעטיק דער לאַסאַליאַנער שלעזינגער. מיט אַ יאָר פריער האָבן די לאַסאַליאַנער געגרינדעט אין ניו יאָרק דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־בונד" — אין קעגנזאַץ צו פרידריך זאָרגע'ס „קאָמוניסטישן קלוב". ביי דער גרינדונג פון דער לעיבאָר פּאַרטי אין אילינאָיז, אין 1874, האָבן די לאַסאַליאַנישע פירער פון דער נייער פּאַרטיי אַריינגעשטעלט אין דער פּראָגראַם אַ פּונקט וועגן גרינדן קאָאָפּעראַטיווע אַסאָציאַציעס. שוין די „סאָשיעל דעמאָקראַטיק וואָירקינגמענס פּאַרטי אָוו נאָרט אַמעריקאַ", פון וועלכער די ס. ל. פּ. איז אַרויסגעוואַקסן, איז געשטאַנען אונטער לאַסאַליאַנישן איינפלוס.**)

אין דער זעלביקער צייט ווען די לאַסאַליאַנער האָבן געלייגט זייער שטעמפּל, זיינען די אַנאַרכיסטישע גרופּן געווען אַן אָרגאַנישער טייל

---

*) „קריטיק פון דער גאָטאַ'ער פּראָגראַם", מיט דער קאָרעספּאָנדענץ פון מאַרקס און ענגעלס וועגן דער פּראָגראַם, דערשינען אין ענגליש אין 1933, אין פאַרלאַג „אינטערנעשאָנאַל פּאָבלישערס", ניו יאָרק.

**) בימבאַ: „היסטאָרי אָוו דהי אַמעריקן וואָירקינג קלאַס", זז. 5־164.

פון דער באוועגונג, א טייל פון דער ס. ל. פּ. (פאר דע־ליאָנ'ען). אין די אכציקער יאָרן איז דאָ אָנגעהויבן געוואָרן א שארפער קאמף קעגן דעם אנארכיזם, אָבער אין דעם קאמף האָט מען ערשט איבערגעבויגן דעם שטעקן פאר פארלאמענטאריזם, קעגן מאסן־אקציע, קעגן רעוואָלוציע.*) די ס. ל. פּ. איז נאָך דער שפּאלטונג מיט די אנארכיסטן אין 1883 גע־בליבן ביי א פארהעלטנישמעסיק הייפעלע פון 1500 מיטגלידער, כמעט אַלע דייטשן, פיל פון זיי לאסאליאנער, רעפאָרמיסטן. דאָס איז געווען דער קערן פאר דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פאר דער ס. ל. פּ. אין איר ריין־סאָציאַליסטישער פאָרם (אָן די אנארכיסטן).

עס איז אונטערגעקומען דאָס יאָר 1886, מיטן גרויסן שוואונג פונם קאמף פאר אָן 8־שעה'דיקן ארבעטס־טאָג, אָבער אויך מיט דער העי־מארקעט־געשיכטע, מיטן אַלגעמיינעם טעראָר, וואָס דער אמעריקאנישער קאפּיטאַליזם האָט פאנאנדערגעגאסן איבערן גאַנצן לאַנד. אָט אויף דעם באָדן פון צוויפאכן קאמף קעגן רעוואָלוציע — „סאָציאַליסטישער" קאמף פאר פארלאמענטאריזם און בורזשואזער טעראָר — באַגלייט פון דער סעקטאַנטישקייט און די אַנדערע אייגנשאַפטן פונם דע־ליאָניזם, וואָס האָט געטריבן צו רעפאָרמיזם, זיינען געפאַלן די קערנדלעך, פון וועלכע עס איז אויסגעוואקסן די שפּעטערדיקע סאָציאַליסטישע פּארטיי.

דאָס זיינען געווען יאָרן פון געוואַלטיקן אויפשטייג פון אמערי־קאנישן קאפּיטאַליזם. דער נאָר־וואָס אויסגעוואקסענער יונגער אמערי־קאנישער קאפּיטאַליסטישער ריז האָט אָנגעשטריינגט זיינע מוסקולן אריינצושפּרינגען אין דער וועלט־ארענא, אין קאמף פארן וועלט־מארק. דער „קלאסישער קאפּיטאַליזם" איז אריבער אין אימפּעריאַליזם. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער יונגער ריז האָט געקראָגן זיינע ערשטע אימ־פּעריאַליסטישע ביסנס. אין 1893 האָט אַמעריקע פארכאַפּט די האוואאי־אינזלען אין פּאסיפישן אָקעאַן. עס האָט זיך אונטערגערוקט דאָס יאָר פונם גרויסן אימפּעריאַליסטישן שפּרונג, 1898, ווען אַמעריקע האָט פאר־כאַפּט די פיליפּינען, קובא, גוואם, פּאָרטאָ־ריקאָ.

אויפן רעכענונג פון אימפּעריאַליסטישע געווינסן, און נאָך מער אויפן רעכענונג פון אונטערדריקטע אימיגראַנטישע און נעגערשע פּראָלע־טאַריער, האָט דער אַמעריקאַנישער קאפּיטאַליזם צוגעוואָרפן עטוואָס דעם קוואַליפיצירטן אמעריקאַנישן ווייסן ארבעטער, דעם ווייסן אמעריקאַנישן

*) זע זז. 128־129.

קליינבירגער. די לעגענדע וועגן דעם לאַנד פון „אומבאַגרענעצטע מעג־לעכקייטן” האָט געקראָגן נייע קראַפט. די דראַמאַטישע קאַמפּן פון די אַכציקער און אָנהויב ניינציקער יאָרן האָבן אַ ווייל אויפגעהערט. אַ גע־וויסער שיכט אַרבעטער איז אונטערגעקויפט געוואָרן. די אַמעריקען פעדע־רעישאָן אָוו לעיבאָר, וועלכע איז געבוירן געוואָרן ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, האָט זיך אַליץ מער באַפעסטיקט. זי האָט געוויזן, אַז זי קאָן פון קאַפּיטאַליזם יאָ קריגן געווינסן. אמת — אויפן רעכענונג פון די ניט־געלערנטע, אימיגראַנטישע, און נעגערשע מאַסן, אָבער אַ פאַקטאָר אויף פאַרשפּרייטן אילוזיעס איז די אָרגאַניזאַציע טיילווייז געווען אפילו צווישן די שיכטן.

אָט אויף דער לאַנדשאַפט האָבן די רעפאָרמיסטישע טיילן פון דער ס. ל. פּ. און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דעבס און דער „פאָרווערטס”־גרופּע געגרינדעט, אין 1901, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע.

2. קאַמף צווישן רעוואָלוציע און רעפאָרמיזם

יאָרן פון וואוקס

די פאַראייניקונג פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע גרופן אין די מזרח־שטאַטן און אין דער מיטל־וועסט האָט געעפנט די שליזן פאַר באַדייטנדיקע שיכטן, וואָס האָבן ווי געוואַרט אַריינצוגיין אין אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס זאָל ניט זיין אַזוי סעקטאַנטיש ווי די ס. ל. פּ. די מיטגלידער זיינען אָבער מייסטנס געקומען פון די ערטער וואו די איניציאַטיוו־גרופן האָבן געווירקט — פון דער „ראַדיקאַלער מיטל־וועסט", פון דעם דייטשן צענטער אין מילוואָקי, פון די אידישע צענטערן אין ניו יאָרק און אַנדערע שטעט.

די ערשטע יאָרן פונם היינטיקן יאָרהונדערט זיינען געווען יאָרן פון מאַסן־וואוקס פון די פּאַרטייען פון גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. עס זיינען געקומען די וואַל־זיגן פון די דייטשע און אַנדערע סאָציאַליסטן אין אייראָפּע, און זיי האָבן געהאַט אַ איינפלוס אומעטום, און נאָכמער אין אַמעריקע, וואו דער דייטשער איינפלוס איז געווען שטאַרק. באַזונדערס שטאַרק האָט די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 מיטגעהאָלפן דעם וואוקס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער, אָבער מער ווי אומעטום, קאָן מען זאָגן, האָט זיך געפילט איר ווירקונג אין אַמעריקע — וואו די באַוועגונג האָט אויך דירעקט געוואונען, דורך דעם גרויסן צופלוס פון אימיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד, אַ שטראָם וואָס האָט זיך געצויגן פונם אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט ביז 1914.

דאָס זיינען געווען יאָרן פון וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי!

אין צווייטן טייל פון דעם בוך („די ס. פּ. ביי דער אַרבעט") ווערן די קאַמפן, וואָס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן אין דער פּאַרטיי און האָבן אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, באַהאַנדלט אין ספּעציעלע קאַפּיטלען, יעדער ענין באַזונדער. עס האָבן זיך אַנטוויקלט קאַמפן איבער יוניאָן־פראַגן, קלאַסן־קאַמף, אימיגראַציע, מלחמה, און אַנדערע ענינים. אָבער צוזאַמען

דערמיט האָבן זיך אַלץ נייע — און פאַרשיידנאַרטיקע — עלעמענטן אַריינגעגאָסן אין דער פּאַרטיי. ממש הונדערטער טויזנטער מיטגלידער זיינען „דורכגעגאַנגען" דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די גרעסטע מערהייט האָט זיך ניט געהאַלטן, אָבער טיילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און די פּאַרטיי איז געוואַקסן. די אַכצן יאָר פון 1901 ביז נאָך דער מלחמה זיינען געווען יאָרן פון וואוקס פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי.

אַרום 10,000 מיטגלידער האָבן די פאַרשיידענע גרופּן אַריינגע־בראַכט אין דער פּאַרטיי אין 1901. די פאָלגנדיקע טאַבעלע וועט דערציילן ווי אַזוי די מיטגלידערשאַפט האָט באַלד גענומען וואַקסן און איז כסדר געשטיגן אַרויף.

(מיטגלידערשאַפט אין דער ס. פּ. צווישן 1901 און 1919)

15,975 — 1903	41,751 — 1908	95,957 — 1913	82,344 — 1918
20,763 — 1904	41,479 — 1909	93,579 — 1914	108,504 — 1919
23,327 — 1905	58,011 — 1910	79,374 — 1915	
26,784 — 1906	84,716 — 1911	83,284 — 1916	
29,270 — 1907	118,045 — 1912	80,379 — 1917	

אין 1912, אין יאָר פון דער העכסטער מיטגלידער־צאָל (118,045), האָט די ס. פּ., נאָך אַ ריי קאָמונאַלע און נאַציאָנאַלע וואַל־זיגן, פאַרמאָגט 56 מעיאָרס, העכער 300 אָלדערמען, אַ ריי אַסעמבלימען, 1 קאָנגרעסמאַן. דעבס האָט דעם יאָר געקראָגן 897,011 שטימען — קאַרגע 6 פּראָצענט (5.9) פון אַלע אָפּגעגעבענע 15,031,169 שטימען (די פרויען האָבן נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קיין וואַל־רעכט).

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אין 1912 פאַרמאָגט 5 טעגלעכע צייטונגען אין ענגליש און 8 אין אַנדערע שפּראַכן; אַ מאַסע וועכנטלעכע צייטונגען אין ענגליש און אַנדערע שפּראַכן (צווישן זיי דער פּריוואַט־סאָציאַליסטישער „אַפּיל טו ריזאָן" אין דזשיראַרד, קענזעס, מיט אַ טיראַזש פון אַ האַלבן מיליאָן, און דער פּאַרטיי־אָרגאַן, „אַמעריקען סאָ־שעליסט" אין שיקאַגאָ, מיט אַ טיראַזש פון 60,000); אַ באַדייטנדיקע צאָל מאָנאַטלעכע אויסגאַבן (צווישן זיי דער פּריוואַט־סאָציאַליסטישער „נעשאָנעל ריפּ־סאָו" אין סט. לואיס, מיט אַ טיראַזש פון 200,000).

צוויי פּאַרטייען אין איינער

יאָרן פון גרויסן וואוקס זיינען דאָס געווען! אָבער אין דער פּאַרטיי האָט געטאָטשעט אַ וואָרים. זי איז געווען צוזאַמענגעהאָפטן פון שטאָף פון אַלערליי קאָלירן. עס האָט ניט אויפגעהערט דער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע עלעמענטן.

פּונקט ווי אין 1934, אַזוי איז אין די פריערדיקע יאָרן שווער געווען צו מאַכן אַ שאַרפע איינטיילונג אויף לינקס און רעכטס. אין יעדן פליגל גופא זיינען געווען מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. דעבס און העיוואוד אויף לינקס זיינען זיך גאָר אָפט פאַנאַנדערגעגאַנגען צווישן זיך. פּונקט אַזוי איז ניט געווען קיין אויסגעהאַלטענע ליניע אויף רעכטס. עס האָבן ניט געפעלט קיין קאָמפּראָמיסלער, דיפּלאָמאַטישע פּשרה־מאַכער, און — ווידעראַמאָל — דאָ האָט זיך אויסגעצייכנט מאָרים הילקוויט. אויך וויקטאָר בערגער איז געווען אַ מאַדים אין דעם פאַך.

אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, זיינען פאַר 1914 געווען *צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אונטער איין דאַך.* דער לינקער פליגל, וואָס האָט געהאַט זיין הויפּט־קראַפט אין דער מיטל־וועסט, האָט פאַרמאָגט אַלס פירער די צוויי *אַרבעטער*־קעמפער דעבס און העיוואוד, דער ערשטער — אַ לאָקאָמאָטיוו־הייצער, דער צווייטער — אַ קוילן־גרעבער. מיט זיי צוזאַמען זיינען געווען אַ ריי פירער און אַקטיוויסטן פון דער רעוואָלוציאָנערער אינדוסטריעלער יוניאָן „וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס", וועמעס סעקרעטאַר־טרעזשורער העיוואוד איז געווען. אויך אַזעלכע ווי *טאָם מוני* זיינען געווען אין לינקן פליגל.*) די מיטל־וועסט האָט געהאַט ביי זיך די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּאַרטיי די ערשטע יאָרן און געגעבן איר דעמאָלט איר אייגנעם שטעמפּל (די הויפּט־קוואַרטיר האָט זיך צום אָנהויב געפונען אין סט. לואיס, דערנאָך אין אָמאַהאַ).

די *דאָזיקע* פּאַרטיי האָט געאָטעמט מיט דער טראַדיציע פון די גרויסע קאַמפן פון די אַמעריקאַנישע אַרבעטער. זי האָט עס דעמאָלט געגעבן דעם נאָמען „סאָציאַליסט" אַ געפערלעכן אָפּקלאַנג. ווען העיוואוד

---

*) אין 1908 איז ער געווען דער ליטעראַטור־פאַרוואַלטער אויפן ספּעציעלן פּראָפּאַגאַנדע־צוג („רעד ספּעשל"), וואָס האָט אַרומגעפירט דעם דעמאָלטיקן סאָציאַליסטישן פּרעזידענט־קאַנדידאַט, דעבס, איבערן לאַנד.

איז אַרעסטירט געוואָרן, אין 1906, און איז מיט מאָיער און פּעטיבאָן גע־שטעלט געוואָרן אונטער אַ קלאַגע פון מאָרד, איז ניט געווען אינגאַנצן קלאָר — ווי געוויסע היסטאָריקער שטרייכן אונטער — צי דער בלבול איז אויף אים געמאַכט געוואָרן ווייל ער איז געווען טעטיק אין דער דעמאָלט נאָר־וואָס אָרגאַניזירטער „אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד", אָדער ווייל ער איז געווען אַ טוער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

גאָר אַן אַנדער פּאַרטיי איז אָבער געווען אין וויסקאָנסין און אין די מזרח־שטאַטן !

דאָס איז געווען אַן אַ נ ש ט ע נ ד י ק ע פּאַרטיי! זי האָט געהאַט אַ קליינבירגערלעכע פירערשאַפט מיט הילקוויט'ן און בערגער'ן בראש. די „פאָרווערטס"-עלעמענטן האָבן זיך דאָ שאַרף געפילט. ד י פּאַרטיי איז געווען פּ אַ ר דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, קעגן רע־וואָלוציע, קעגן קאַמף, קעגן גענעראַל־סטרייק אין פאַל פון מלחמה, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער ביים דורכקוקן דעם רעקאָרד פון דער ס. פּ. און וואָס ווייטער די אַלגעמיינע פּאַרטיי האָט זיך אַנטוויקלט, אַלץ מער האָבן די אַדוואָקאַטן, גלחים און קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן פון די מזרח־שטאַטן גענומען די אויבערהאַנט.

אַן אָנשטענדיקע פּאַרטיי

מאָריס הילקוויט ברענגט אין זיינע מעמואַרן אַ לענגערע ציטאַטע פון דער „ניו יאָרק טאַימס" פון 2טן אַפּריל 1908 וועגן זיינעם אַן אַרויס־טריט אין אַסטאָר האָטעל.

די „טאַימס" האָט געשריבן :

„דער איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער לערע אויף דער אינדוס־טריע און דער געזעצגעבונג איז געווען די טעמע, וואָס איז דיסקוטירט געוואָרן נעכטן ביינאַכט אויפן יערלעכן מאָלצייט פון דעם איקאָנאָמיק קלאָב אין אַסטאָר האָטעל. דער גראַנד באַל־סאַלאָן איז געווען איבער־געפּאַקט און מען האָט געמוזט עפענען אַ דערבייאיקן צימער פאַרן איבער־פלוס פון מיטגלידער און געסט וועלכע האָבן געוואָלט צוהערן זיך צו דער דיסקוסיע איבער דער טעמע.

„מאָריס הילקוויט איז געווען דער דאָמינירנדיקער רעדנער פונם אָוונט. עס זיינען געווען פיל רעדנער צו אָפּשלאָגן זיינע געדאַנקען און אַרגומענטירן קעגן זיי. די מיטגלידער און געסט זיינען כמעט אַלע געווען אַנטי־סאָציאַליסטן.

„דער פּרעזידענט פון איקאָנאָמיק קלאָב איז א. באַרטאָן העפּבורן,

פרעזידענט פון טשעיס נעשאָנאַל באַנק. די וויס־פרעזידענטן זיינען: פראַנסיס לינדע סטעטסאָן און ע. ר. אַ. זעליגמאַן. אין דער געזעלשאַפט ביי די טישן זיינען געווען צענדליקער קאַפּיטאַלנען פון דער אינדוסטריע.

„מר. הילקוויט האָט געהאַט אַן איבער־גענוגנדיקע מעגלעכקייט צו פּרעדיקן סאָציאַליזם צו אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָט רעפּרעזענטירט רייכטום און פינאַנציעלע אינטערעסן.“

אַזוי האָט געשריבן די „טאַימס“ דעם 2טן אַפּריל 1908. הילקוויט „פּאַראַייביקט“ די ציטאַטע אין זיין בוך, מיט גאַנץ אָפענעם פאַרגעניגן. און ער רעכנט דערביי אויס נאָך אַ ריי פיינע ערטער, וואו ער האָט גערעדט וועגן סאָציאַליזם:

„אין רעפּובליקאַנישן קלוב און אין דעם אויסשליסלעכן קאָלאָני קלאָב, פאַר די טשעימבער אָוו קאָמערס און אַפילו אין פינישינג סקולס פאַר יונגע פרויליינס.“

„אַ טיפּישער ביישפּיל פונם אינטערעס צום סאָציאַליזם אין הויכע ערטער אין יענער צייט איז געווען אַ „סאָציאַליסטיש גלעזל טיי“, וואָס מרס. ריטאַ לידיג האָט געגעבן. די שיינע און פּאָפּולערע סאָסאַיעטי־דאַמע האָט איינגעלאַדן אַן אמת׳ע גאַלעריי פון באַרימטקייטן, באַנקירן, בראָוקערס, הויכע עפנטלעכע באַאַמטע און ריכטער פון סופרים קאָורט, צוצוהערן זיך צו מיין עקספּאָזיציע פון דער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע און פּראָגראַם. דאָס איז געווען, ווי איך דערמאָן זיך, אַ מין פיינ־שמעקערישע רעדע וואָס איך האָב געמאַכט פאַר דער געקליבענער פאַר־זאַמלונג, וועלכע איז פון איר ניט שטאַרק גערירט געוואָרן.“ *)

קאָן זיך ווער פאָרשטעלן דעבס׳ן אָדער העיוואוד׳ן אויף אָט אַזעלכע פאָרנעמע פאַרזאַמלונגען, אין גרויסן באַל־סאַלאָן פון אַסטאָר האָטעל, אין דעם גאַסט־צימער פון מרס. לידיג, פאַר באַנקירן, סופרים־קאָורט ריכטער, וואָס האָבן זיך ספּעציעל פאַרזאַמלט צו הערן אַן אָפיציעלן פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי?

אינגאַנצן מיט אַ קאַרגן יאָר פריער האָט דאָס פּראָלעטאַרישע אַמע־ריקע געשטורעמט מיטן היסטאָרישן העיוואוד־פּראָצעס אין באָיז, אידעהאָ. העיוואוד איז באַפרייט געוואָרן און ער האָט זיך געטראָגן איבערן לאַנד ווי אַ רעוואָלוציאָנערער שטורעם־פויגל, — בעת הילקוויט האָט גערעדט אין באַל־סאַלאָן פון אַסטאָר האָטעל...

העיוואוד זאָגט אין זיין בוך וועגן דעם סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר פון זעלביקן יאָר (1908):

---

*) „לוז ליווס“ א. אַז. וו., זז. 81-82.

„דער צוזאַמענפאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין שיקאַגאָ אין מאַי 1908, האָט אָנגענומען אַ פּלאַט־פאָרמע וואָס האָט געקלונגען מיט אַ קלאָרער שפּראַך. דער קלאַסנקאַמף איז געווען דער פונדאַמענט אירער. דאָס איז געווען דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע." *)

העיוואוד האָט דורך דער צייט וואָס ער איז געזעסן אין טורמע און דערנאָך — זיך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון דעם ענטוזיאַזם פאַר זיין באַפרייאונג, געהאַט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי. ער האָט אינגאַנצן ניט געקענט די פּאַרטיי פון די מזרח־שטאַטן. עטוואָס האָט ער שוין געהאַט דערשמעקט. אויף זייט 227 פון זיין בוך דערציילט ער, אַז אים איז עפּעס אויסגעקומען מאָדנע, וואָס עס איז געווען אַזוי שטיל אין גרענד סענטראַל סטעישאָן אין ניו יאָרק, ווען זיין צוג איז אָנגעקומען. יו. סאָלאָמאָן, דער ניו יאָרקער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, האָט אים געזאָגט, אַז מען האָט ספּעציעל ניט געלאָזט וויסן די מאַסן, אַז ער (העי־וואוד) קומט, ווייל עס וואָלט געווען צופיל מענטשן ביים סטעישאָן. „געדענקענדיק די דעמאָנסטראַציעס אין דענווער און שיקאַגאָ", זאָגט העיוואוד, „האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין די דאָזיקע שעמעוודיקייט." העיוואוד האָט ערשט אָנגעהויבן צו דערקענען די אַנדערע פּאַרטיי. און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז העיוואוד האָט באמת דערזען וואוהין די פּאַרטיי איז פאַרפירט געוואָרן, ניט געקוקט אויף דער פּאַפּירענער פּלאַטפאָרמע אין 1908.**)

אין 1910, אין קאָפּענהאַגען, איז העיוואוד אומאַנגענעם געטראָפן געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט ווי וויקטאָר בערגער האַלט אונטער די פאָדערונג פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, מען זאָל אַרויס־וואַרפן פון דער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע די אָנדייטונג אויף אַ גענעראַל־סטרייק. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו דערהערן, ווי בערגער האָט דערקלערט דעם סאָציאַליזם פון דער פּלאַט־פאָרמע פון קאָנגרעס—און דאָס איז אים ווידער ניט געפעלן געוואָרן.***)

און וועגן דעם פּאַרטיי-צוזאַמענפאַר פון דעם זעלביקן יאָר (1912) שרייבט

---

*) ביל הייוואוד'ס בוך, אינטערנעשאָנאַל פּאַבלישערס, ניו יאָרק, 1929. זייט 230.

**) דער צוזאַמענפאַר האָט, אגב, אַרויסגעזאָגט זיך קעגן אַזיאַטישער אימי־גראַציע. זע ווייטער, זייט 80.

***) זע ווייטער, זייט 131.

שוין הייוואוד, אַז דאָרט זיינען געווען „17 אָדער מער גלחים", „פּיל לאָיערס און אַ צאָל רעדאַקטאָרן". (ז. 257). אויף דעם צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן דער „באַרימטער" „אַרטיקל 2, סעקשאָן 6" פון דער קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט דערקלערט, אַז יעדער מיטגליד, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט „פאַרברעכן, סאַבאָטאַזש, אָדער אַנדערע מעטאָדן פון גוואַלד", זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. הייוואוד באַמערקט מיט ביטערניש, אַז דער „אַרטיקל 2, סעקשאָן 6" איז געווען דער פאָטער פון דעם קרימינאַל־סינדיקאַליסטישן געזעץ אין אַמעריקע מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, בעת דער מלחמה־היסטעריע.

ער האָט אַזוי אַרום צוביסלעך דערקענט די פּאַרטיי!

אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל („די ס. פּ. און רעוואָלוציע") ווערט זיך לייגנער אָפּגעשטעלט אויף די רעוויזיאָניסטישע טענדענצן פון דער פירערשאַפט פון דער ס. פּ. און אויף איר אָפּענעם אָפּזאָגן זיך אַפילו פון די ווערטער וועגן קלאַסן־קאַמף (אין 1928). אָבער שוין אין 1912 האָט זי אָפן פּראָקלאַמירט, אַז דער באַלאָט איז דער איינציקער מיטל פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דער פּאַראַגראַף וועגן „פאַרברעכן, סאַבאָטאַזש, אָדער אַנדערע מעטאָדן פון גוואַלט" האָט זיך געלייענט אַזוי:

> „יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וואָס איז קעגן פּאָליטישער אַקציע, אָדער פּרעדיקט פאַרברעכן, סאַבאָטאַזש, אָדער אַנדערע פאָרמען פון גוואַלט, ווי אַ וואָפן פון אַרבעטער־קלאַס אַלס אַ הילף פאַר זיין באַפרייאונג, זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. פּאָליטישע אַקציע זאָל אויסגעטייטשט ווערן צו באַדייטן דאָס באַטייליקן זיך אין וואַלן פאַר עפנטלעכע אַמטן און פּראַקטישע געזעצגעברישע אַרבעט לויט דער ליניע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־פּלאַטפאָרם."

די ס. פּ. האָט זיך אָפן אָוועקגעשטעלט ווי אַ „פּיור ענד סימפּל" באַלאָט־פּאַרטיי. קיין שום רעוואָלוציאָנערע אַקציע, קיין שום אַנדער פּאָליטישע אַקציע, נאָר דער באַלאָט!

אין 1912 האָט די הילקוויט־בערגער פירערשאַפט אָפן אַרויסגעוויזן איר פּנים, איינגאַנצן איבערגענומען דעם רודער, זיך שוין ניט געקימערט אַפילו וועגן פּראַזן צופרידנצושטעלן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן הינטער הייוואוד'ן און דעבס'ן. די הילקוויטס און בערגערס האָט מער געקימערט צופרידנצושטעלן די „געקליבענע" צוזאַמענקונפטן אין אַסטאָר האָטעל און ביי מרס. לידיג אין גאַסט־צימער. אין 1913 איז הייוואוד

באַזייטיקט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און אַזוי אַרום אויך פון דער פּאַרטיי, — העיוואוד און די עלעמענטן וואָס זיינען גע־גאַנגען מיט אים. און —

צווישן 1912 און 1915 האָט די ס. פּ. פאַרלאָרן קאַרגע 40,000 מיטגלידער — שוין אַראָפּרעכענענדיק די פיל טויזנטער נייע מיטגלידער, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דער פּאַרטיי אין די דריי יאָר!

הילקוויט זאָגט: דעבס איז ניט דער פירער.

ביל העיוואוד, אין זיינע איינדרוקן פון דעם ערשטן צוזאַמענפּאָר פון דער „אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד", אין 1905, פאַר־מאָגט עטלעכע שורות, וואָס כאַראַקטעריזירן דעבס'ן און — פאַרביי־גייענדיק — אויך דע־ליאָנ'ען. העיוואוד פאַרגלייכט דע־ליאָנ'ס רעדע, וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן נאָך דעבס'עס, און ער באַמערקט:

„ער (דע־ליאָן) איז געווען דער טעאָריזירנדיקער פּראָפעסאָר, בשעת דעבס איז געווען דער אַרבעטער, וועלכער האָט נאָר־וואָס געהאַט אַוועק־געלייגט זיין רידל אויפן לאָקאָמאָטיוו, ווען ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די לאָקאָמאָטיוו־הייצער. דעבס'עס אידייען, כאָטש זיי זיינען ניט געווען קלאָר אַנטוויקלט, זיינען געבויט געווען אויף זיין קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער און זייערע קאַמפן. דע־ליאָנ'ס איינציקער קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער איז געווען דורך זיינע אידייען, וואָס ער האָט געוואָלט „איינדאָקטרינירן" אין זיי, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט." *)

אין די ווערטער איז געגעבן געוואָרן דער שליסל צו דעבס'ן דעם פּראָלעטאַרישן קעמפער, דעם רעוואָלוציאָנער, און צו דעבס'ן — וועלכער איז צו אָפט געווען אַ שילד פאַר די הילקוויטס און בערגערס, די אמת'ע פירער פון דער פּאַרטיי.

די לעצטע האָבן זייער נעגנערשאַפט צו דעבס'ן ניט באַהאַלטן. זיי האָבן אים ניט געוואָלט פאַר קיין פּרעזידענט־קאַנדידאַט. אין 1904 האָבן זיי זיך ניט געקאָנט העלפן — דעבס איז געווען פון די גרינדער פון דער פּאַרטיי און איר צוציאונגס־קראַפט — און אין 1908 האָבן די אָפּאָרטוניסטן געהאַט גענוג אַרבעט ניט צו דערלאָזן, אַז דער זייער פּאָפּולערער העיוואוד זאָל נאָמינירט ווערן. דעבס איז דעמאָלט ביי זיי

*) ביל העיוואוד'ס בוך, זז. 183־184.

געווען די „קלענערע צרה" פון די צוויי. אויפן צוזאַמענפאָר אין 1912 האָבן די רעכטע שוין אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטורן פון טשאַרלז עדוואַרד ראָסעל פון ניו יאָרק און עמיל זיידעל פון מילוואָקי. ביידע האָבן אָבער געקראָגן 110 שטימען קעגן דעבס'עס 165. די אינטריגעס און אָפענע אָנצוהערענישן און די גאַנצע פּאָליטיק פון דער פירערשאַפט האָבן געווירקט, אַז דעבס זאָל אין 1916 ניט וועלן מער זיין קיין קאַנדידאַט. דעמאָלט איז נאָמינירט געוואָרן דער זשורנאַליסט אַלאַן בענסאָן און — ער האָט געבראַכט דער פּאַרטיי אַ גרויסן פאַרלוסט אין שטימען, ניט געקוקט דערויף, וואָס די אַלגעמיינע שטימען־צאָל, פון א ל ע וויילער, איז צווישן 1912 און 1916 געוואָקסן פון 15 מיליאָן אויף 18,437,446.*)

מיט צוויי יאָר פריער, אין 1914, האָט הילקוויט א פ ן דערקלערט, אַז דעבס דריקט ניט אויס די מיינונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן דער באַציאונג צו דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, קעגן וועלכער דעבס האָט שאַרף געקעמפט.

עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין ניו יאָרק דער פאַרהער פון דער „קאָמישיאָן אַן אינדאָסטריעל רילעישאָנס", וואָס ווילסאָן האָט מיט אַ יאָר פריער באַשטימט. אויף דעם פאַרהער, אין מאַי 1914, האָבן זיך הילקוויט און גאָמפּערס געשטעלט איינער דעם אַנדערן פראַגן. גאָמפּערס האָט כסדר ציטירט די מיינונגען פון דעבס'ן וועגן דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.

„ווידער און אָבער האָט ער מיר ציטירט פאַרשיידענע קאָליר־פולע אויסדרוקן פון דעם סאָציאַליסטישן פירער" — שרייבט הילקוויט אין זיין בוך — „און האָט מיר געפרעגט צי דאָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך די מיינונג פון דער פּאַרטיי. איך האָב כסדר געלייקנט און אָנגעוויזן גאָמפּערס'ן אויף די אָפיציעלע דעקלאַראַציעס פון דער פּאַרטיי אין דער

---

*) די שטימען־צאָל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין די פּרעזידענט־וואַלן איז געווען: 1904 — 402,400, 1908 — 420,820, 1912 — 897,011, 1916 — 585,113, 1920 — 919,799, 1928 — 267,420, 1932 — 884,781. דעבס איז געווען דער קאַנדידאַט אין 1904, 1908, 1912, און 1920. אין 1916 איז דער קאַנדידאַט געווען אַלאַן בענסאָן. אין 1924 האָט די ס. פּ. אונטערגעשטיצט די קאַנדידאַטור פון ראָבערט לאַפּאָלעט און קיין אייגענעם קאַנדידאַט ניט אַרויסגעשטעלט. אין 1928 און 1932 איז דער קאַנדידאַט געווען נאָרמאַן טאָמאַס. פון 1912 איז די אַלגעמיינע צאָל אָפּגעגעבענע שטימען, פון א ל ע וויילער, געוואַקסן פון 15 מיליאָן אויף 39,816,522 אין 1932.

פראַגע. דער דאָזיקער לאַנגער עקזאַמען האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם דיאַלאָג:

„מר. גאָמפּערס: באַטראַכט איר עס ווי דער אינדיווידועלער אויס־דרוק פון אַ מיינונג, ווען אַ מענטש, וועלכער איז דריי מאָל געווען דער קאַנדידאַט פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, פאָדערט אויף, אַז אַ באַוועגונג זאָל געשאַפן ווערן עס זאָל אויפגעלייזט ווערן די איינציקע אַלגעמיינע פעדע־ראַציע פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע האָט ווען עס איז עקזיסטירט אין משך פון אַ צייט־פּעריאָד, ווי די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר?

„מר. הילקוויט: איך באַטראַכט עס דורכאויס ווי אַ פּערזענלעכע מיינונג פון אַ מענטשן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גיט קיינמאָל ניט איבער איר פּראָגראַם און מיינונגען אין די הענט פון אַן איינצלנעם קאַנדידאַט. זי רעדט פאַר זיך אַליין אויף אירע צוזאַמענפאָרן.

„מר. גאָמפּערס: און דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון אייער פּאַר־טיי דריקט ניט אויס די געפילן און מיינונגען פון דער פּאַרטיי גופא?

איז דאָס דער אויספיר, וואָס מען דאַרף מאַכן פון אייער ענטפער?

„מר. הילקוויט: איר קאָנט מאַכן דעם דאָזיקן אויספיר, אַז ווען נאָר אַ קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר פּרעזידענט אָדער פאַר עפּעס אַנדערש ווענדט זיך אָפּ פון די דעקלאַרירטע פּרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, רעדט ער ניט פאַר דער פּאַרטיי, נאָר ער רעדט אינגאַנצן אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט." *)

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס הילקוויט האָט „פאַר־אייביקט" אין זיין בוך!

אויבערפלעכלעך קלינגט דאָ הילקוויט זייער אויסגעהאַלטן. פּאַקטיש אָבער איז גאָמפּערס געווען גערעכט, ווען ער האָט געפרעגט ווי עס קומט, אַז דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין משך פון דריי וואַל־קאַמפּאַניעס זאָל ניט אויסדריקן די מיינונג פון דער פּאַרטיי!

דעבס איז דאָך ניט געווען סתם עפּעס אַ קאַנדידאַט, וואָס האָט צופעליק ניט אויסגעדריקט די מיינונג פון דער פּאַרטיי אין אַזאַ וויכ־טיקער פראַגע. אפילו אין אַזאַ פאַל דאַרף דאָך די פּאַרטיי רעאַגירן, אויב זי האָט טאַקע אַנדערע, פעסט־דעקלאַרירטע, פּרינציפּן. דעבס איז דאָך אָבער פאַר 1914 דריי מאָל געווען פּרעזידענט־קאַנדידאַט (אין 1904, 1908 און 1912) און איז אין משך פון אַלע יאָרן שאַרף אַרויס־געטראָטן קעגן דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, — דאָס הייסט,

---

*) „לוז ליווס פראָם עי בּיזי לאַיף", ז. 100.

קענן דער פּאַרטיי, א ו י ב ע ס א י ז א מ ת, אַז זי האָט געהאַט אַפּן־אויסגעדריקטע א נ ד ע ר ע פּרינציפּן.

מיט זיין ענטפער האָט הילקוויט אונטערשטראָכן די דעמאָראַליזאַציע אין דער פּאַרטיי. אָבער ער האָט דערמיט אויך אָפן אויסגעדריקט זיין פאַראַכטונג פון דעבס'ן. ער האָט אָפן דערקלערט, אַז דעבס איז ניט דער פירער פון דער פּאַרטיי, בלויז „עפּעס" אַ קאַנדידאַט! הילקוויט האָט דאָ ניט געזוכט צו „פּאַררייבן", ווי זיין דיפּלאָמאַטישע טבע איז אַלע מאָל געווען. ער האָט דאָס מאָל אָפן אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן דעבס'ן, אויף וויפיל אַזאַ דיפּלאָמאַט־אַדוואָקאַט ווי ער האָט עס בכלל געקאָנט טאָן!

דער פירער פון דער פּאַרטיי איז ב א מ ת געווען הילקוויט, דער רעדנער פון אסטאָר האָטעל און פון די „גלעזלעך טיי" ביי פּאַרנעמע לעידים.

מיר וועלן אים לאָזן נאָך עטוואָס ריידן, כדי עס זאָל נאָך קלאָרער ווערן דער פּאָליטישער כאַראַקטער פון אָט־דעם לאַנגיאָריקן ס. פּ.־קאַפּיטאַן, וועלכער האָט אין פעברואַר 1917 זיך אַרויסגעזאָגט קעגן שטערן דער רעגירונג אין איר מלחמה־אַרבעט, און האָט מיט צוויי חדשים שפּע־טער, אונטערן דרוק פון דער מיטגלידערשאַפט, אַליין אַריינגעטראָגן די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע אויפן צוזאַמענפאָר אין סט. לואיס, און איז מיט דריי יאָר שפּעטער געווען „גרייט" — אונטערן זעלביקן דרוק פון די מיטגלידער — צו אַנשליסן די פּאַרטיי אָן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָ־נאַל, און . . . אין 1928 האָט אָן ס. פּ.־צוזאַמענפאָר, אונטער זיין פירער־שאַפט, אַרויסגענומען די ווערטער „קלאַסן־קאַמף" פון דער מיטגלידער־אַפּליקאַציע!...

הילקוויט'ס פּנים איז געווען דער פּנים פון דער פּאַרטיי. לאָמיר כאַפּן נאָך אַ קוק אויף אים.

אין די ערשטע קאַפּיטלען פון זיינע מעמוארן, וואָס זיינען אַרויס אין אָנהויב 1934 — לאָמיר ניט פאַרגעסן: ער איז דעמאָלט געווען דער פּאָרזיצער פון דער פּאַרטיי! — רעדט ער וועגן אַ בעקער־סטרייק אויף דער איסט־סאַיד אין 1889. אַ געוויסער ריכטער פעקהאַם, און אַנדערע ריכטער, האָבן זיך ניט גוט באַצויגן צו די סטרייקער. באַמערקט הילקוויט — א י ן 1 9 3 4, נאָך פינף־און־פערציק יאָר ס. פּ.־דערפאַרונג:

„איך האָב מיך אָפט געוואונדערט אויב מר. ריכטער פעקהאַם און זיינע פיר איינשטימיקע מיטריכטער וואָלטן געהאַט אַזאַ זיכער געפיל

> וועגן דער מעגלעכקייט פון די בעקער צו באַנוצן זייער רעכט און אויס־דריקן „זייער אומאָפּהיינגיקייט פון מיינונג און אַקציע", אויב זיי (די ריכטער) וואָלטן געזען די אידישע בעקער אויף זייער בירזשע, אין דעם לודלאָו סטריט קאָרנער סאַלון." . . . „און איך וואונדער מיך נאָך אַליך פאַרוואָס עס זאָל דערלויבט ווערן עטלעכע טעאָריע־מענטשן (טהעאָריסטס), וועלכע ווייסן ניט וועגן די טאָג־טעגלעכע קאַמפן און ליידן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, צו באַשליסן וועגן אינדוסטריעלע באַ־ציאונגען, סאָציאַלע קאָנפליקטן, און מענטשלעכע רעכט, ניט געקוקט אויף דער עפנטלעכער מיינונג און אויף די געזעצן פון געזעצגעבנדיקע קער־פּערשאַפטן, וואָס זיינען אויסגעוויילט פון פאָלק." *)

אַזעלכע ווערטער וואָלטן דערשטוינט — אפילו ווען זיי וואָלטן געקומען פונם מויל פון אַ ליבעראַל. אָבער אַזוי רעדט דער פּאָרזיצער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און מיטגליד פון דער ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אין 1934!

די ריכטער זיינען נ י ט אינסטרומענטן פון קאַפּיטאַליזם, נאָר זיי ווייסן פּשוט ניט וועגן די ליידן פון די מאַסן! און דער פּאָרזיצער פון דער ס. פּ. וואונדערט זיך, פאַרוואָס די „עפנטלעכע מיינונג" און די געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן פון „פּאָלק" דערלויבן עפּעס עטלעכע צו־פעליקע „טעאָריע־מענטשן", נודניקעס, צו באַגיין זיך אַזוי ניט אָנ־שטענדיק . . .

דאָס זיינען רייד פון איינעם, וועלכער האָט אין 1917 (אין סט. לואיס) און אין 1920 געפּרעדיקט ר אַ ד י ק אַ ל ע ווערטער. לאָמיר עס געדיינקען — כדי צו קאָנען אָפּשאַצן דעם ווערט פון די רייד פון די שפּעטערדיקע פירער פון דער פּאַרטיי, טאָמאַס, האָאַן, קזשיצקי, קריגער און אַנדערע.

---

*) דאָרט, ז. 28.

3. דער קראַך פון דער ס. פּ. אין 1919

די יאָרן פון דער מלחמה

דער קראַך פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1914, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן אין דייטשן רייכסטאַג האָבן געשטימט פאַר דעם מלחמה־בודזשעט. עס איז אויף א דראַמאַטישן אופן פאָרגעקומען א פּרינציפּן־קראַך אין די מייסטע מלחמה־לענדער. די שפּאַלטונגען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די לענדער האָבן דעם קראַך נאָכגעפאָלגט אין משך פון דער מלחמה. אנדערש איז געווען מיט דער אמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די שפּאַלטונגען, וועלכע האָבן זיך, בכלל גענומען, פאַרשפּעטיקט (זע קאַפּיטל: „צוויי וועגן"), האָבן נאָכגעפאָלגט אין אמעריקע מיט נאָך א גרעסערער פאַרשפּעטיקונג.

די פירערשאַפט פון דער ס. פּ. האָט גוט געוואוסט ווי צו מאַסקירן זיך אין אנטי־מלחמה פראַזן אין משך פון די ערשטע עטלעכע יאָר, ביז 1917, ווען זי האָט אויפן אָרט גופא, דאָ אין לאַנד, געקאָנט אויסמיידן צו נעמען א שטעלונג. די פירערשאַפט האָט ניט געזשאַלעוועט קיין פּאַפּירענע מעשים, פאַרן רעקאָרד. ווען נויטיק, קאָן זי נאָך איצטער אָנווייזן די אנטי־מלחמה־עלעמענטן אויף דעם רעקאָרד. דעם 12טן אויגוסט 1914 האָט זי אין א מאַניפעסט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן מלחמה. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט זי אַרויסגעלאָזט אן אנדער מאַני־פעסט, געפאָדערט אַז די רעגירונג זאָל קאָנפיסקירן אַלע פאַבריקן און אנדערע אונטערנעמונגען וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער העכע־רונג אויף די פרייזן אויף אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך, און האָט געפאָדערט מען זאָל פאַרווערן אַרויסשיקן פון לאַנד אַמוניציע און פאָנדן פאַר מלחמה־צוועקן. אין סעפּטעמבער (1914) האָט זי אַרויסגעלאָזט א רוף צו די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פאַר אן אינטער־נאַציאָנאַלן קאָנגרעס. זי האָט דערמאָנט די רעזאָלוציע פון שטוטגאַרט און גערופן צו העלפן מאַכן א סוף צו דער מלחמה. אין דער ס. פּ. איז אַפילו דורכגעגאַנגען אין 1915 א צוגאָב צו דער פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע,

וואָס האָט פּאַרוועדט יעדן אויסדערוויילטן סאָציאַליסט צו שטימען פאַר מיליטערישע אָדער מלחמה־ביודזשעטן. א מיטגליד וואָס וועט שטימען פאַר אַזעלכע ביודזשעטן וועט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי, האָט דער נייער צוגאָב צו דער קאָנסטיטוציע דערקלערט (אָנגענומען אין אַ רעפערענדום מיט 11,041 קעגן 782). און — די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע אויפן צוזאַמענפאָר אין סט. לואיס, אין אַפּריל 1917!

אַ שיינער פּאַפּירענער רעקאָרד! אָבער וואָס פאַר אַ מעשים האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אונטערגענומען אין קאַמף קעגן מלחמה? וואָס האָבן געטאָן אירע פאָרשטייער אין די יוניאָנס און אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס? וואָס האָבן געשריבן אירע רעדאַקטאָרן? ווי האָבן גע־האַנדלט אירע פאָרשטייער אין קאָנגרעס און אַסעמבלים (שטאַט־פּאַרלאַ־מענטן)? און וואָס פאַר אַ מיטלען האָט די פּאַרטיי אָנגענומען קעגן אירע אייגענע פירער, וואָס האָבן אַליין פאַרבראָכן קעגן די מאַניפעסטן, קאָנסטיטוציע־צוגאָבן און רעזאָלוציעס, וואָס זיי האָבן אָפּט אַליין פאַר־פאַסט?

פאַקטיש האָט די לאַגע אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי אויפן פּאַפּיר!

צוליב סאָצ.־דעמאָקראַטישער טראַדיציע, צוליבן געוויכט פון דייטשע בירגערלעכע עלעמענטן אין מילוואָקי און אידישע (פון צאַרישן רוסלאַנד) אין ניו יאָרק, זיינען פיל פירער און אָרגאַנען פון דער ס. פּ. — דער „מילוואָקי לידער" אין מילוואָקי און דער „פאָרווערטס" אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ — געווען אַנטשיידן און ווילד (ריידנדיק וועגן „פאָרווערטס") פּראָ־דייטש. עס האָט געהייסן, אַז עס קומט פאַר אַ קאַמף קעגן צאַריזם, צו אייןהיטן די דייטשע צוויליזאַציע, די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.*)

עס זיינען אויך געווען פּראָ־עלאַיס (פאַר דער אַנטאַנט). אַלאַן ל. ב ע נ ס אָ ן, דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי אין 1916, האָט דעם 6טן אויגוסט, 1914, געשריבן אין דעם וועכנטלעכן „אַפּיל טו ריזאָן" (אַ מאַסן־צייטונג מיט אַ האַלב־מיליאָניקן טיראַזש):

„דאָס בעסטע וואָס קאָן פּאַסירן מיטן דייטשן פאָלק איז באַזיגט צו ווערן. ערשטנס, דאַרפן זיי קריגן אַ לעקציע — אויב ניט וועגן די רעכטן פון אַנדערע, איז צום ווינציקסטן וועגן דער גרויסער געפאַר און

*) די דייטשע פעדעראַציע פון דער פּאַרטיי איז געווען קעגן דער מלחמה, קעגן די שוידעמאַנס, פאַר ליבקנעכט'ן. חבר'טע אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַי, וועלכע איז דאָ געווען אין 1916-1917, איז פאַר דער פעדעראַציע אַרומגעפאָרן אויף אַ לעקציע־טור.

> פאַרברעכן קעגן די דאָזיקע רעכטן. צווייטנס, די צעשמעטערנדיקע מפּלה פון די דייטשע אַרמייען וועט געבן דעם דייטשן פאָלק אַ מעגלעכקייט צו פאַרניכטן די מיטלאַלטערלעכע אינסטיטוציעס, אונטער וועלכע זיי לעבן.״

בענסאָן איז דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט אַרויסגעגאַנגען פונם שטאַנד־פּונקט, אַז מען דאַרף אַרבעטן פאַר דער מפּלה פון דער אייגענער בורזשואַזיע. ער האָט געוואָלט די מפּלה פון י ע נ ע מ ס בורזשואַזיע, פון דייטשלאַנד, צוליב די אייגענע „נאַציאָנאַלע אינטערעסן״ — די אינטערעסן פון דער אַמעריקאַנישער בורזשואַזיע!

דער מענטש וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פראַנצויזישע סאָציאַל־פּאַטריאָטן, און האָט אויסגעדריקט זיין שטעלונג מיט אַזעלכע כאַראַקטעריסטיש־קלייבנבירגערלעכע ווערטער (דאָס דייטשע „פ אָ ל ק״ דאַרף קריגן אַ לעקציע פאַר אָנטרעטן אויף די רעכטן פון אַנדערע), איז פונדעסטוועגן מיט צוויי יאָר שפּעטער געווען דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי...

די מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי איז אָבער געווען דורכאויס קעגן מלחמה. דאָס האָט באַוועגט דער פירערשאַפט צו אָנהאַלטן איר נייטראַל־פּאַציפיסטישע פּאָזיציע. זי האָט מאַנעווורירט לויט אַ צענטריסטישער ליניע. און זי איז געווען נייטראַל צווישן אירע פּראָ־דייטשן און פּראָ־אַנטאַנט מענטשן...

הילקוויט גיט איבער אין זיינע מעמואַרן אַן עפּיזאָד, וואָס כאַראַקטעריזירט אויסגעצייכנט די שטעלונג פון דער ס. פּ.־פירערשאַפט.

ער דערציילט, אַז אין מאַי 1915 האָט די ס. פּ. אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט פאַר שלום אָן קאָנטריבוציע און אַנעקסיע. ער, דזשעימס מאורער און דער דעמאָלטיקער קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן זיינען אַוועק צו פּרעזידענט ווילסאָן וועגן דעם ענין. הילקוויט דערציילט:

> „דער פּרעזידענט האָט אונז אויפגענומען אין ווייסן הויז צו דער באַשטימטער שעה, צווישן פיל אַנדערע דעלעגאַציעס, וואָס זיינען אים געקומען זען וועגן פאַרשיידענע ענינים. ער האָט אויסגעקוקט פאַרנומען און מיד, און איז צום אָנהויב געווען גענויגט צו געבן אונז אַ קורצן און פאָרמעלן פאַרהער; אָבער וואָס מער מיר האָבן אַנטוויקלט אונזער אַרגומענט אַלץ מער איז ער געוואָרן פאַראינטערעסירט און אויפגעלעבט, און אונזער אינטערוויו האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן ע ר נ ס ט ן און קאָנפידענציעלן ש מ ו ע ס. נאָך אַ געוויסער אַלגעמיינער דיסקוסיע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע און די טערמינען פון אונזער שלום־פּראָגראַם האָט אונז מר. ווילסאָן אינפאָרמירט, אַז

ער האָט געהאַט געטראַכט וועגן אַן ענלעכן פּלאַן, אָבער ער האָט זיך גע'ישוב'ט וועגן שטעלן אים אויף דער פּראָבע, ווייל ער איז ניט געווען זיכער ווי אַזוי די אַנדערע נייטראַלע נאַציעס וועלן אים אויפנעמען.

„'דער פאַקט איז', האָט ער געזאָגט, 'אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דאָס איינציקע לאַנד, וואָס קאָן אויף זיך זאָגן, אַז דאָס איז נייטראַל און ניט־פאַראינטערעסירט. אַלע אַנדערע נייטראַלע לענדער זיינען פאַקטיש אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן פאַרבונדן מיט אַ געוויסער מלחמה־האַלטנדיקער מאַכט און זיינען מיט איר פאַרבונדן'." (אונטער־געשטראָכן פון מיר.)

די וויטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן באַוויזן וויפיל אמת עס איז געווען אין ווילסאָנ'ס פרידנס־פּלענער און אויף וויפיל דאָס אַמעריקאַנישע „לאַנד" (און ביי ווילסאָנ'ען האָט עס געהייסן: דער קאַפּיטאַליזם און זיין רעגירונג) זיינען געווען „ניט פאַראינטערעסירט". אָבער באַמערקט ווי דער פּלאַן פון דער ס. פּ.־פירערשאַפט האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט זיינעם! באַמערקט אויך, ווי הילקוויט האָט געפונען פאַר נויטיק דעם פאַל צו „פאַראייביקן"!

אַז די הויפּט־פירער פון דער ס. פּ. האָבן ווילסאָנ'ען געגלויבט, באַ־ווייזן די פאָלגנדיקע, שיר ניט רירנדיקע, הילקוויט'ס ווערטער:

„איך משך פון גאַנצן אינטערוויו בין איך געווען דער וואָרט־זאָגער (ספּאָוקסמען) פון אונזער קאָמיסיע; אָבער ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט, גרייט צו נעמען אָפּשייד, האָט דזשעימס מאורער, קוקנדיק אויפן פּרעזידענט מיט אַ פעסטן און פאָרשנדיקן בליק, אויסגעדריקט אין אַ נידעריקן און זיכערן טאָן דעם פאָלגנדיקן געפיל:

'אייער צוזאָג קלינגט גוט, מר. פּרעזידענט, אָבער דער טראָבל (צרה) מיט אייך איז, וואָס איר זייט אַרומגערינגלט מיט קאַפּיטאַליסטישע און מיליטאַריסטישע אינטערעסן, וועלכע ווילן אַז די מלחמה זאָל פאַר־געזעצט ווערן; און איך האָב מורא, אַז איר וועט אַרונטערפאַלן אונטער זייער איינפלוס'."*)

הילקוויט באַמערקט, אַז אָפט, ווען ער האָט פון דעם אינטערוויו געטראַכט, האָט ער זיך „געוואונדערט", צי מאורער איז ניט אַמאָל געווען גערעכט...

---

*) „לוז ליווס פראָם עי ביזי לאַיף", זז. 161־162.

די ציטאַטן, וואָס דריקן אַזוי שאַרף אוין בילדלעך אוים די שטעלונג פון דער ס. פּ.־פירערשאַפט בעת דער וועלט־מלחמה, צו ווילסאָנ'ען, און וואָס אילוסטרירן אין דער זעלביקער צייט איר אָפּשאַצונג פון דער ראָל פון קאַפּיטאַליסטישן מלוכה־אַפּאַראַט (ווילסאָן איז נעבעך געווען „אַרומ־געריגגלט"), נויטיקן זיך באמת ניט אין קיין שום פירושים. אַלץ וואָס מען דאַרף אפשר באַמערקן איז, אַז צו רוזוועלט'ן האָט די ס. פּ.־פירערשאַפט אַן ענלעכע באַציאונג. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס הילקוויט האָט אין זיין בוך ניט באַוויזן צו דערציילן עפּעס וועגן דעם קאָנפידענציעלן אינטערוויו, וואָס ער און נאָרמאַן טאָמאַס האָבן אין זעלביקן ווייסן הויז געהאַט מיט ווילסאָנ'ס געוועזענעם געהילף פלאָט־מיניסטער, פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, אין 1933, נאָכן געבורט פון דער נ.ר.א....

טשאַרלז ע. רוטענבערג

אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל („די ס. פּ. און מלחמה") ווערט גענויער גערעדט וועגן דעם רעקאָרד פון די מעשים פון די סאָציאַליסטישע פירער אין דער וועלט־מלחמה פון 1914־1918, און וועגן זייער באַציאונג צו מלחמה און מיליטערישע צוגרייטונגען בכלל. אָבער די אַנטי־מלחמה שטימונג פון די מיטגלידער, וועלכע האָט געשאַפן אַן אַלגעמיינע מיינונג, אַז „די ס. פּ. איז קעגן מלחמה", האָט אָפּגעשטעלט דעם באַרג־אַראָפּ גאַנג פון דער מיטגלידער־צאָל. אין 1916 האָט זי זיך אַפילו עטוואָס געהויבן. גלייכצייטיק דערמיט איז אָבער געוואָקסן די אומ־צופרידנקייט פון די מיטגלידער מיט דער אָפיציעלער שטעלונג פון דער פּאַרטיי. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאָרמירן דער לינקער פליגל, וועלכער האָט שפּעטער, אין 1919, געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל.

דער פירער פון דעם קאַמף קעגן מלחמה — און קעגן דער הילקוויט־בערגער פירערשאַפט, איז געווען חבר טשאַרלז ע. רוטענבערג, פאַרשטאָרבענער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען טעטיק אין דער אינדוסטריעלער שטאָט קליוולענד. אין דער ס. פּ. האָט ער דעמאָלט פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי אין שטאַט אָהייאָ. ער איז שפּעטער, אין 1918, געווען צווישן די ערשטע פּאָליטישע אַרעסטירטע פאַר אַרויס־

טרעטן קעגן מלחמה.*) אין 1915 האָט ער אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע, אַז די אַמעריקאַנישע ס. פּ. זאָל שטיצן די צימערוואַלדער פּראָגראַם. שפּעטער האָט ער געהאָלפן מאָביליזירן די מיטגלידער אין די וואַלן פאַר דעלעגאַטן צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין סט. לואיס, אין אַפּריל 1917.

דאָ איז ער געשטאַנען בראָש פון אַ ציל־באַוואוסטער אַנטי־מלחמה פראַקציע פון העכער זעכציק דעלעגאַטן (פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 193). שוין ביי די וואַלן פאַר מיטגלידער פון דער קאָמיסיע וועגן מלחמה און מיליטאַריזם האָט די פראַקציע אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז יעדער קאַנדידאַט זאָל ענטפערן „יאָ" אָדער „ניין" אויף דער פראַגע: „זייט איר קעגן יעדער פאָרם פון מיליטאַריזם און קעגן יעדער מלחמה, סיי אַן אָנגרייפנדיקע און סיי אַ פאַרטיידיקנדיקע, חוץ דער מלחמה פון אַרבעטער־קלאַס קעגן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס?" אויף אָט דער שאַרף־אויסגעשפּראָכענער רעוואָלוציאָנערער דעקלאַראַציע, וואָס די פראַגע האָט אין זיך פאַרמאָגט, האָט די פראַקציע געקראָגן 66 שטימען. די מערהייט האָט געקראָגן 96 שטימען. די אַלגעמיינע שטימונג קעגן מלחמה איז קלאָר געוואָרן פון סאַמע אָנהויב, אויב פאַר אַזאַ „עקסטרעמען" פאָרשלאַג האָבן זיך געקאָנט געפינען אַזוי פיל דעלעגאַטן.

די רעזאָלוציע קעגן מלחמה, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם דראַנג פון דער מיטגלידערשאַפט. איינער פון די דריי, וואָס האָבן די רעזאָלוציע פאַרפאַסט, איז געווען חבר רוטענבערג (די אַנדערע צוויי — הילקוויט און לי). די פירערשאַפט האָט זיך „אונטערגעגעבן". זי האָט „אָנגענומען" דעם ווילן פון דער מאַסע. הילקוויט „אַליין" האָט די רעזאָלוציע פאָרגעלייענט אין נאָמען פון דער קאָמיסיע. דורך אָט־דער טאַקטיק פון „אונטערגעבן" זיך איז די פירערשאַפט געבליבן ביי דער מאַכט — כדי צו ניש ט צו מאַכן די רעזאָלוציע!

מען פאַרשפּאָרט גאָר פאַרלאָזן זיך אויף די אָפענע רייד פון די ס. פּ.־

---

*) נאָך זיין אַרעסט איז דעבס געקומען אַהין און האָט דעם 16טן יוני (1918) געהאַלטן אַן אַנטי־מלחמה רעדע און דערפאַר פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער אַטלאַנטאַ־טורמע אויף צען יאָר. ווילסאָן, וועגן וועמען הילקוויט האָט נאָך אין 1934 גערעדט אַזוי סימפּאַטיש, האָט ניט געוואָלט דעבס'ן באַפרייען. ערשט אונטער האַרדינג'ס רעזשים האָט זיך וואַשינגטאָן געמוזט בויגן פאַרן ווילן פון די מאַסן, דעבס'ן אַרויסגעלאָזט, אָפּנעמענדיק דערביי זיין בירגערשאַפט.

היסטאָריקער, וועלכע גיבן איצט צו, אַז די רעזאָלוציע איז געבליבן אַ שטיק פּאַפּיר, אויף וועלכן מען האָט באַלד אָנגעהויבן טרעטן.*) די מ ע ש י ם פון די ס. פּ.־פירער ריידן פאַר זיך אַליין. (זע אויך קאַפּיטל: „די ס. פּ. און מלחמה".) קלאָר איז, אַז די מיטגלידערשאַפט האָט ניט געטאָרט לאָזן די אַלטע פירער ביי דער מאַכט. די אָפּאָרטוניסטן האָבן פשוט דורך זייערע ווערטער אָ פּ ג ע נ אַ ר ט די מיטגלידער!

נייע ווערטער — „באָלשעוויסטישע"

די פּאַרטיי האָט אָבער ניט אויפגעהערט וואַקסן. עס האָט זיך אונטערגערוקט, ווי אין 1905, אַן אייראָפּייאישער פאַקטאָר, וואָס האָט אָנגעפילט די אַמעריקאַנישע אַרבעטערשאַפט און די מיטגלידערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט באַגייסטערונג — אויף נאָך אַ גרעסערן מאַסשטאַב ווי אין 1905. די מאַסן זיינען געווען אָנגעפילט מיט ענטוזיאַזם פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פאַר די באָלשעוויקעס!

דאָס פאָלגנדיקע וועט אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן כאַראַקטעריזירן די שטימונג. די ניו יאָרקער טעגלעכע סאָציאַליסטישע „קאָל" („רוף") האָט דעם 5טן יאַנואַר 1919 געהאַט אַ באַריכט וועגן אַ וואַל־מיטינג אין קאָליסעאום אין שיקאַגאָ (שטאָטישע וואַלן). זאָגט דער דעמאָלטיקער אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי:

„אַכט טויזנט סאָציאַליסטישע שטימען האָבן היינטיקן נאָכמיטאָג אין קאָליסעאום געשריען ביז צום הייזעריק ווערן יעדעס מאָל ווען מען האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „באָלשעוויקי". די געלעגנהייט איז געווען — דער אָנהויב פון דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר מעיאָר... קעיט ריטשאַרדס אָהעיר און עלאַ ריווס בלור זיינען געווען די הויפּט־רעדנער.

*) נ. פּאַין, אין זיין „לעיבאָר ענד פאַרמער פּאַרטיס", אַרויסגעגעבן פון רענד־סקול אין 1928, ריידנדיק וועגן דעם „פּיפּלס קאונסיל", וואָס די ס. פּ. פירער האָבן אָרגאַניזירט אין סעפּטעמבער 1917, זאָגט (ז. 322): „די פּראָגראַם פון דעם פּיפּלס קאונסיל איז ניט געווען די פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון 1917. אויף אַזוי ווייט האָט די לעצטע אויפגעגעבן די סט. לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע." . . . „דער אמת איז דעריבער, אַז סיי אַלס אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפט און סיי דורכן ליבעראַלן און פּאַציפיסטישן פּיפּלס קאונסיל, וואָס זי האָט געגרינדעט און געשטיצט, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין 1918 ניט געשטאַנען אויף דער זעלביקער פּאָזיציע, וואָס אין 1917." (דער שרייבער פאַרגעסט, אַז דער קאונסיל איז געגרינדעט געוואָרן, ווי געזאָגט, נאָך אין 1917).

„דזשאָן קאָלינס, קאַנדידאַט פאַר מעיאָר, האָט אויפגעשטורעמט דעם זאַל דורך צופעליק דערמאָנען די רוסישע באָלשעוויקעס. פון יענעם מאָמענט אָן ביז דעם סוף פון דעם מיטינג האָט אויסגעזען, אַז דער ריזיקער עולם שווינקט מער אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס עס קומט פאָר אין סיביר, ווי צו דער מוניציפּאַלער פּלאַטפאָרמע, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן פון דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט פאַר מעיאָר אין שיקאַגאָ."

ווי עס איז צו זען, האָט דער פירערשאַפט ניט זייער שטאַרק געשמעקט דער אומגעהויערער ענטוזיאַזם פון די מאַסן פאַר די באָלשעוויקעס. אָבער זי האָט זיך „געבויגן" און — דעם ענטוזיאַזם אויסגענוצט. אַט דער ענטוזיאַזם האָט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געגעבן שטימען. דער גרויסער זיג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו יאָרק, אין נאָוועמבער 1917, איז געווען אַ רעזולטאַט פון די געשעענישן אין רוסלאַנד.*) און אַט־די געשעענישן זיינען אויך געווען די סיבה דערפון, וואָס די מיטגלידערשאַפט איז צווישן 1917 און 1919 געוואָקסן אויף דרייסיק טויזנט.

אָבער די מיטגלידער האָבן געפאָדערט רעוואָלוציאָנערע אַקציע. דער לינקער פליגל האָט געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך שטעלן אויפן באָדן פון רעוואָלוציע, זאָל אָרגאַניזירן די מאַסן פאַר רעוואָלוציע, און זאָל זיך אָנשליסן אָן דריטן (קאָמוניסטישן) אינטערנאַציאָנאַל. די פירערשאַפט אָבער האָט מיט אַלע „דערלויבטע" און אומדערלויבטע מיטלען באַקעמפט דעם ווילן פון די מיטגלידער. עס פּאַסירט ניט אַזוי אָפט אפילו צווישן די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אַז אַן איבערוועגנדיקע מערהייט מיטגלידער זאָל שטיין אין אָפענעם קאַמף קעגן אַן אָפּאָרטוניסטישער פירערשאַפט און יענע זאָל מיט אַזעלכע ווילקירלעכע מיטלען אָנהאַלטן די הערשאַפט.

די פירערשאַפט האָט פשוט גענומען אויסשליסן די „ווידערשפּעניקע" מיטגלידער אין די צענדליקער טויזנטער! אַזוי האָט זי זיך געגרייט צום ספּעציעלן צוזאַמענפאָר, וואָס זי האָט פאַררופן אויפן 30טן אויגוסט (1919). ניט ווינציקער ווי זעכציק טויזנט

---

*) די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויסגעוויילט צען אַסעמבלימען און ניין אָלדערמען. פענקין איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ריכטער. הילקוויט, דער מעיאָר־קאַנדידאַט, האָט געקראָגן 145,332 שטימען (פון אַן אַלגעמיינער צאָל פון 671,223).

מ י ט ג ל י ד ע ר זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן! ביי די פאָלגנדיקע זיבן נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס האָט מען אָפּגענומען זייער רעכט („סוס־פּענדירט”): רוסישע, אוקראַאינישע, פּוילישע, אונגאַרישע, דרום־סלאַווישע, לעטישע, ליטווינישע. מען האָט אָרגאַניזאַציאָנעל פּשוט פּאָגראָמירט יעדן אָפּטייל, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער „לינקער מגפה”, און מען האָט געפירט אַ ליניע פון פּשוט אָפּלאַכן פונם ווילן פון דער מיטגלידערשאַפט. מען איז געגאַנגען קעגן ווילן פון דער מיטגלידערשאַפט אין דער באַציאונג צו דער מלחמה, און מען האָט פון איר פּשוט חוזק געמאַכט אין דער פראַגע וועגן אָנשליסן זיך אָנ'ם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, כאָטש כמעט די ג אַ נ צ ע מיטגלידערשאַפט, ווי מיר וועלן באַלד זען, איז געווען דערפאַר!

די זעלביקע פירערשאַפט, וועלכע האָט געשריען „טרי טשירס פאָר דהי באָלשעוויקי” (דריי מאָל הורא פאַר די באָלשעוויקעס), האָט אין פעברואַר 1919 געשיקט פאָרשטייער קיין ב ע ר ן, צו דער באַראַטונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, און נ י ט קיין מאָסקווע, וואו עס איז מיט אַ חודש שפּעטער געגרינדעט געוואָרן דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז געווען איין אַקט פון זייער אַ סך, וואָס האָבן אויפגעצאָרנט די מיטגלידער.

דער קאַמף פון דער מיטגלידערשאַפט קעגן דער פירערשאַפט האָט געפלאַקערט איבערן לאַנד. דער לינקער פליגל האָט זיך אָרגאַניזירט צו דעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר, און אַזוי האָט זיך אָרגאַניזירט די פירערשאַפט. הילקוויט איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ גיפטיקער בראָשור קעגן לינקן פליגל („דהי אימידיעיט אישיו”), וואו ער האָט געזוכט צו וואַרפן די שולד פאַרן קראַך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין 1914 אויף די... אַרבעטער! די שיידעמאַנס און נעדס און וואַנדערוועלדעס האָבן, הייסט עס, זיך אַריינגעוואָרפן אין מלחמה אונטערן „דרוק” פון די אַרבעטער, „צוליב זייערע באַלדיקע אינטערעסן (ווי זיי האָבן זיי פאַרשטאַנען).”

דאָ האָט זיך אָבער ניט געהאַנדלט וועגן דער שטעלונג צו מלחמה אַליין. אין 1919 — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — איז געקומען, אונטער דער ווירקונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צו זיין העכסטן אויסדרוק דער יאָרן־לאַנגער קאַמף צווישן די „צוויי פאַרטייען” אין דער ס. פּ., דער קאַמף צווישן רעוואָלוציע און רעפאָרמיזם. דער „מאַניפעסט און פּראָגראַם פון לינקן טייל פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פון

ניו יאָרק", אַרויסגעגעבן בשעת דעם קאַמף פונם לינקן פליגל קעגן דער הילקוויט־בערגער־גערבער פירערשאַפט, זאָגט בפירוש, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַ מיינונג־פאַרשיידנהייט וועגן דער אָדער יענער פראַגע, וועגן וועלכער עס איז באַזונדערער טאַקטיק, וועגן די אָדער יענע פער־זענלעכקייטן, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן אַ „פונדאַמענטאַלן אונטערשייד אין דעם קוק אויף פּאַרטיי־פּאָליטיק און פּאַרטיי־טאַקטיק. און מיר גלויבן, אַז דער אונטערשייד איז אַזוי אומגעהויער גרויס, אַז לויט אונזער שטאַנד־פּונקט איז נויטיק אַ ראַדיקאַלער איבערבראָך אין דער פּאָליטיק און אין דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי."*) עס איז געווען אַ קאַמף פון רעוואָ־לוציע קעגן רעפאָרמיזם, פון דעם לאָזונג דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קעגן בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, פון קלאַסן־קאַמף קעגן קלאַסן־מיט־אַרבעטערשאַפט.

אַ צעבראָכענער שאַרבן

ווען דער היסטאָרישער צוזאַמענפאָר פון 1919 האָט זיך פאַר־זאַמלט אין שיקאַגאָ, איז קלאָר געווען, אַז דער לינקער פליגל פאַרטרעט שיר ניט דריי־פערטל פון דער מיטגלידערשאַפט. אָבער די פירערשאַפט, מיט דעם אַלטן מאַניפּולאַטאָר דזשוליוס גערבער, סעקרעטאַר פון לאָקאַל ניו יאָרק, בראָש, האָט געטאָן אַ ל ץ צו בלייבן ביי דער מאַכט. ווען די אויסשליסונגען פאַרן צוזאַמענפאָר און די מאַניפּולאַציעס בשעת דעם צוזאַמענפאָר האָבן ניט געהאָלפן, האָט די פירערשאַפט (גערבער) גע־בראַכט פּאָליציי, צו באַזייטיקן פון זאַל אַ צאָל פירער פון לינקן פליגל.

דער ווייסער טעראָר פון דער ווילסאָן־רעגירונג קעגן „רויטע" האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעהויבן. די ס. פּ.־פירערשאַפט האָט דעמאָלט געהאַט גאָר אַ לייכטע אַרבעט איינצושפּאַנען די שיקאַגער פּאָליציי אין קאַמף קעגן לינקן פליגל. בעת די רעכטע זיינען באַשיצט געוואָרן, איז דער צוזאַמענפאָר פון די אָפּגעשפּאָלטענע לינקע באַפאַלן געוואָרן, פּאָג־ראָמירט געוואָרן, און אייניקע דעלעגאַטן זיינען געוואָרן אַרעסטירט.

די פירערשאַפט האָט צ ע ב ר אָ כ ן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַבי ניט אָפּגעבן די מאַכט, אַבי ניט דערלאָזן, אַז די מיטגלידער זאָלן געווינען. געטאָן האָט מען דאָס אין נאָמען פון — דעמאָקראַטיע...

*) ציטירט לויט א. ביטעלמאַנ׳ס „15 יירס אָוו דהי קאָמוניסט פּאַרטי" (15 יאָר קאָמוניסטישע פּאַרטיי), פאַרלאַג „וואָירקערס לאַיברערי פּאָבלישערס", זייט 10.

אויף וויפיל די הילקוויטס האָבן פאַרטראַטן אַ נישטיקע מינדערהייט איז קלאָר ניט נאָר פון דעם פאַקט, וואָס אין 1920 האָט די ס. פּ. אָנגעציילט 26,766 מיטגלידער אין פאַרגלייך מיט די 108,504 מיטגלידער אין 1919. אָט דער שרייענדיקער פאַקט זאָגט נאָך ניט אַלץ. זייער אַ גרויסע צאָל פון די קאַרגע 27 טויזנט פאַרבליבענע זיינען פאַרבליבן אויס אינערציע, אויס „ניט וועלן שפּאַלטן", כאָטש זיי זיינען געווען קעגן דער פירערשאַפט. דאָס ווערט באַשטעטיקט דורכדעם, וואָס שוין נ אָ ך דער שפּאַלטונג האָט די מיטגלידערשאַפט דורך אַ רעפערענדום באַשלאָסן, אַז די פּאַרטיי זאָל צושטיין צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל!

און הילקוויט, וועלכער האָט פריער געשריבן בראָשורן קעגן רעוואָלוציע און קעגן לינקן פליגל, האָט זיך ווידער „אונטערגעגעבן" און האָט זיך געווענדעט קיין מאָסקווע...

ווידער ווערטער, כדי אָפּצונאַרן די מיטגלידער, כדי זיי צו פאַרראַטן. אָבער מאָסקווע האָט אָפּגעענטפערט מיט די 21 פּונקטן.*) באַלד האָט הילקוויט אַליין באַשטעטיקט די ליגנערישקייט פון דעם „אונטערגעבן" זיך פון דער פירערשאַפט. עס איז אָנגעשטאַנען אין אָלבאַני דער פּראָצעס פון די אויסגעשלאָסענע פינף אַסעמבלילייט פון ניו יאָרק, און הילקוויט, אין זיין פאַרטיידיקונג פאַר דער אַסעמבלי־קאָמיטע, האָט אונטערגעטראָגן זיין „סאָשעליזם סאָמד אָפּ", צו באַווייזן, אַז די ס. פּ. איז קעגן רעוואָלוציע און האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו נעמען אַ ביקס און פאַרטיידיקן דאָס לאַנד — אויב די „סאָוועטן" וועלן דערויף אָנפאַלן...*)

דער זעלביקער, וואָס האָט „געוואָלט" אריין אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל!

האָט דאָס יאָר 1921 שוין באַוויזן די ציפער — 13,484 מיטגלידער. אָבער אין דעם יאָר איז פאָרגעקומען נאָך אַ שפּאַלטונג אין דער ס. פּ. עס זיינען אוועק די לינקע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געהאַט אָרגאַניזירט אין די „וואָירקערס קאָונסילס", און דער גרעסטער טייל פון דער דעמאָלטיקער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. אין 1922 האָט שוין די ס. פּ. פאַרמאָגט 11,019 מיטגלידער. און אַזוי איז עס געגאַנגען אַלץ באַרג־אַראָפּ, ביז עס האָט אין 1926 געהאַלטן ביי אַ הייפעלע פון אַן ערך זעקס טויזנט. פון דער פריערדיקער מעכטיקער פּאַרטיי איז געבליבן אַ צעבראָכענער שאַרבן.

---

*) זע באַמערקונגען און ביאָגראַפישע נאָטיצן צום סוף פונם בוך.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דער פּירערשאַפט, וואָס זי וואַרפט די שולד אויף די „פּרעמדע". הילקוויט, אין זיין לעצטן בוך, און די ס. פּ.־היסטאָריקער (פאַין און אַנדערע), זוכן צו באַווייזן אַז דער לינקער פליגל איז אין 1919 געווען שטאַרק, ווייל אין די שפּראַך־פעדע־ראַציעס איז געווען העכער 53 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי. די „עכטע" אַמעריקאַנער — הילקוויט, גערבער, בערגער — האָבן פאַרגעסן, אַז אפילו די פאַרבליבענע האָבן געשטימט פאַרן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אויף וויפיל עס איז אמת, אַז אַרויס זיינען די „פּרעמדע" און געבליבן זיינען די אַמעריקאַנער געבירטיקע קאָן אויך באַווייזן די מיטגלידער־צאָל פון דער ס. פּ. שוין אין 1933, ווען זי האָט אָפיציעל געהאַט 16 טויזנט מיטגלידער. די צאָל מיטגלידער אין די דרום און מערב שטאַטן באַווייזט צו קלאָר אויף ווי ווייט די פּאַרטיי איז גראָד אין אָט די שטאַטן אָפּגעווישט געוואָרן.*)

*) די ס. פּ. האָט אין 1933 געהאַט מיטגלידער אין: אַלאַבאַמאַ — 22, אַריזאָנאַ — 56, אַרקענסאָ — 49, קאָלאָראַדאָ — 78, דזשאָרדזשיאַ — 15, אַייאָוואַ — 84, קענטאָקי — 39, לואיזיאַנאַ — 48, מינעסאָטאַ — 89, מיסיסיפּי — 1, נעבראַסקאַ — 32, נעוואַדאַ — 6, נאָרט דאַקאָטאַ — 1, אָקלאַהאָמאַ — 111, סאַוט קעראָלאַינאַ — 3, טענעסי — 64, טעקסאַס — 58, יוטאַ — 16, ווירדזשיניאַ — 33, וואַיאָמינג — 56.

4. נייע צייטן — נייע ווערטער

די דעטראַיטער דעקלאַראַציע

ווי דער ציקלישער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, וואָס מאַכט זיין קרייז, לאָזט אַ וועג פאַרן „נאָרמאַלן" פעריאָד, ווען די קעגנזאַצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט ווערן פאַרריבן, ביז זיי ווערן ווידער פאַרשאַרפט און דער קריזיס ברעכט ווידער אויס, — אַזוי מיט די ציקלישע קריזיסן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי.

די שאַרפע קעגנזאַצן אין דער פאַרטיי — און אין גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל — האָבן אין 1905, אָן צווייפל אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָלוציע, געבראַכט אין דער פאַרטיי די גרויסע דעבאַטע וועגן דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר און די אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד; אין 1912-1913 — דער סיכסוך אַרום דער באַזייטיקונג פון ביל העיוואוד פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע (און פון דער פאַרטיי); אין 1917 — אַרום דער סט. לואיסער רעזאָלוציע; אין 1919-1920 — אַרום לינקן פליגל און דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אפילו אין די ווייטערדיקע יאָרן, ווען געבליבן איז באמת אַן אומבאַדייטנדיק הייפעלע, זיינען געווען קריזיסן — אַרום אַ לעיבאָר־פּאַרטי, אַרום ענדערן דעם נאָמען פון דער פאַרטיי (אַראָפּנעמען דאָס וואָרט: „סאָציאַליסטישע"), אַרויסנעמען די ווערטער „קלאַסן־קאַמף" פון דער אַפּליקאַציע פאַר נייע מיטגלידער (ווי דאָס איז געשען אויפן צוזאַמענפאָר אין 1928). אין 1934, אין דעם פעריאָד פון אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, האָט אויסגעבראָכן אין דער ס. פּ. אַ נייער קריזיס.

צווישן 1920 און 1929 זיינען געווען פעריאָדן, ווען די פאַרטיי האָט פּאַקטיש ניט עקזיסטירט. אין די פּרעזידענט־וואַלן פון 1924 האָט זיך די פאַרטיי „געראַטעוועט" דערמיט, וואָס זי איז צוגעשטאַנען צו דער לאַפאָלעט־באַוועגונג און האָט קיין אייגענעם קאַנדידאַט ניט געהאַט. מיטן אויפשוואונג פון דעם לינקן פליגל אין אַ ריי יוניאָנס, באַזונדערס אין די נאָדל־פאַכן אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט, אין דער מאַינערס (קוילן־גרעבער) יוניאָן, צווישן די טעקסטיל־אַרבעטער (פּאַסעיק,

גאַסטאָניאַ און אַנדערע צענטערן פון קאַמף), האָט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אומגעקוקט אויף דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אָנגעהויבן מיטהעלפן אויפבויען איר. בעת די קאַנדידאַטן פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן פון איר גרויסקייט פלעגן פאַרשוויגן ווערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, האָבן די קאַנדידאַטן אירע אין דעם פּעריאָד פון איר נידעריקסטן פּונקט פאַרנומען אַן אָרט אין דער פּרעסע באַלד נאָך די קאַנדידאַטן פון די צוויי אַנדערע פּאַרטייען. באַזונדערס האָט די פּרעסע געגעבן אָרט איינעם פון די נייע פירער פון דער פּאַרטיי, נאָרמאַן טאָמאַס, וועלכער האָט נאָך אַ שטיק צייט, נאָכדעם ווי ער איז ארויסגערוקט געוואָרן ווי דער פּאָנען־טרעגער פון דער פּאַרטיי, אָנגעהאַלטן זיין מיטגלידערשאַפּט אינם (רעליגיעזן) צעך פון די פּרעסביטעריאַנישע גלחים.

אין די יאָרן פון דער „פּראָספּעריטי“ איז די פּאַרטיי געווען אַן איבערוועגנדיק קליינבירגערלעכע. קיין וואונדער ניט, וואָס איר שטעלונג איז געווען די זעלביקע ווי די שטעלונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (ריכטיקער: פון גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל) — אַז דעם קאַפּיטאַליזם איז געלונגען צו אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט, לייזן די פּראָבלעמען פון ארבעטלאָזיקייט און פון דער פּאַפּעריזאַציע פון די מאַסן.*) די „טעאָריע“ האָט אָבער אין 1929 מיאוס געקראַכט. אין דער ס. פּ. האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן הערן אַנדערע טענער. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן איינאָרדענען הונגער־מאַרשן, ריזן־דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן געהאַט זייער הויך־פּונקט דעם 6טן מערץ 1930. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אומגעקוקט, אַז מען דאַרף עפּעס „טאָן“. זי האָט זיך גענומען אויספּילן איר ראָל פאַרן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס: ווידער שפּאַלטן די ארבעטער־רייען, אָפּהאַלטן די ארבעטער פון קאַמף דורך אירע אייגענע לאָזונגען און דעקלאַראַציעס.

אין די יאָרן פון קריזיס האָט זיך איינגעגעבן דער ס. פּ. אריינצוציען געוויסע ארבעטער־עלעמענטן. אין דער זעלביקער צייט האָבן אָנגעהויבן צופליסן צו איר דעקלאַסירטע קליינבירגער און פאַרשיידענע אינטעליגענטן, איינגעשלאָסן גלחים, וואָס האָבן די דאָזיקע דעקלאַסירטע פאַרטראָטן. עס זיינען אָנגעוואָקסן די באַדינגונגען פאַר אַ נייעם פּרינציפּן־כאַאָס אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

דער אויסדרוק דערפון איז: די „פּרינציפּן־דעקלאַראַציע“, וואָס דער

*) זע קאַפּיטל „די ס. פּ. און רעוואָלוציע“.

סאָציאַליסטישער צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט האָט אָנגענומען, און דער קאַמף אַרום איר.

נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם

דער צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דעטראָיט, דעם 1טן—3טן יוני 1934, האָט שאַרף אַרויסגערוקט די צעמישעניש אין דער פּאַרטיי, די זיך־אויסשליסנדיקע עקסטרעמען, וואָס הויזן צוזאַמען אין דער פּאַרטיי.

וועגן די עקסטרעמען איז שוין גערעדט געוואָרן צום סאַמע אָנהויב. דער דערמאָנטער טעאָרעטיקער פון רעכטן פליגל, דזשעימס אָניל, רעדאַקטאָר פון „ניו לידער", רעכנט אויס די פאָלגנדיקע זעקס ריכטונגען — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — אויפן צוזאַמענפאָר:

„1) אָקלאַהאָמער פּאָפּוליזם, 2) רעוואָלוציאָנערע פּאָליסי קאָמיטע, 3) טאָמאַס־מיליטאַנטן, 4) אַנטי־טאָמאַס מיליטאַנטן, 5) אומאָפּהייִנגיקע, 6) די אַלטע גוואַרדיע." *)

דאָס איז געווים נאָך ניט אַלץ. אָניל אַליין, איינער פון דער אַלטער גוואַרדיע — און זיין ביטערע שנאה צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד שטעלט אים אַוועק אין דעם לאַגער מיט ביידע פיס — האַלט פונדעסטוועגן, אַז זיין ריכטונג איז אַן אַנדערע, ווי וואַלדמאַנ'ס און סאָלאָמאָנ'ס. דאָ איז אויסגעלאָזן געוואָרן די מילוואָקיער „ריכטונג", וועלכע צייכנט זיך אויס מיט אַזאַ מין אומבאַשטימטקייט, וואָס מען דאַרף צוליב באַקוועמלעכקייט אָנרופן „מוניציפּאַליזם" און „פּראָ־דייטשער פּאַציפיזם". און געווים האָט דער רעדאַקטאָר פונם פּאַרטיי־אָרגאַן אין ניו יאָרק אויסגעלאָזן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, די *נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע*, אָדער נעאָ־סאָציאַליסטישע, ריכטונג.

זי איז פאַרטראָטן, פון איין זייט, דורך אַפּטאָן סינקלעיר. אמת, דער איז שוין געוועזן אויף יענער זייט פון דער פּאַרטיי פאַרן צוזאַמענפאָר. אָבער דזש. סטיט ווילסאָן פון קאַליפאָרניע, איינער פון די עלטסטע און וויכטיקסטע פירער אויפן פּאַסיפישן ברעג, איז נאָך בעת דעם צוזאַמענפאָר געוועזן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי און האָט זיך נאָך אין סוף יוני באַטייליקט אין „ניו לידער" אין דער דיסקוסיע וועגן דער דעטראָיטער

*) „ניו לידער", 23טן יוני, 1934.

דעקלאַראַציע. אין יולי איז ער שוין אָבער געווען אויף יענער זייט, מיט סינקלעיר׳ן.

אַן אַנדער פאָרשטייער פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז געווען דער פּאָרזיצער פון דער פּאַרטיי אין שטאַט אָהאַיאָ, דזשאָזעף וו. שאַרטס, געוועזענער סאָציאַליסטישער גאָווערנאָר־קאַנדידאַט אין דעם שטאַט, וועלכער האָט אין משך פון דער דעבאַטע איבער דער „פּרינציפּן־דעקלאַראַציע" דערקלערט, אַז:

„ער האָט ליב אַמעריקע מער פון אַלץ און אַז ער וועט זיך ניט האַלטן געבונדן דורך „רויטע אינטערנאַציאָנאַליסטן" און וועט שטיין מיט זיין לאַנד ווי ער וועט געפינען פאַר נויטיק." *)

צוזאַמען מיט אַזעלכע עלעמענטן, און צוזאַמען מיט דער אַלטער גוואַרדיע, הילקוויטיאַנער און „פאָרווערטס"־מענטשן, וועלכע קעמפן קעגן די קאָמוניסטן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט די מיטלען פון צאַרישע וויים־גוואַרדייער, איז אויפן צוזאַמענפאָר געווען די „רעוואָלושאָנערי פּאָליסי קאָמיטע", וואָס האָט אין מערץ (1934) געהאַט אַרויסגעלאָזט דעם אַפּיל צו דער מיטגלידערשאַפט, אין וועלכן עס האָט זיך גערעדט וועגן „דורכפאַל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" אין דייטשלאַנד, וועגן איינפירן די אַרבעטער־רעפּובליק דורך דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועגן פאַרוואַנדלען די קומענדיקע אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ קלאַסן־מלחמה, וועגן דער נ.ר.א. וואָס איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון „די מעכטיקסטע פינאַנסירן און אינדוסטריעלע מאַגנאַטן", און וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד — „דאָס לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור", וואָס דאָרטן („נאָר דאָרטן") „זיינען די אַרבעטער אין מאַכט און בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט".

אַ ספּעקטאַקל פון פאַנאַנדערפאַלונג

עס איז קלאָר, אַז די „רעוואָלושאָנערי פּאָליסי קאָמיטע", פּונקט ווי די טאָמאַס־ און אַנטי־טאָמאַס־„מיליטאַנטן", דריקן אויס מיט זיך די שטימונגען פון באַדייטנדיקע טיילן פון דער מיטגלידערשאַפט, אויף וועמען דער רעזולטאַט פון די צוויי וועגן — דער וועג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד, עסטרייך, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער, וואו זי האָט געהאַט די מאַכט, און דער וועג פון דער קאָמוניסטישער

*) „ניו לידער", 9טן יוני, 1934.

פּאַרטיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס איינציקע לאַנד וואו די אַרבעטער זיינען ביי דער מאכט און בויען סאָציאַליזם, — האָט געמוזט מאכן אַ טיפן איינדרוק. די ר ע ז ו ל ט א ט ן פון דער נ.ר.א. האָבן געוויס אויך ניט פאַרפעלט צו מאכן אַן איינדרוק אויף באַדייטנדיקע טיילן פון דער מיט־גלידערשאַפט. די קאַמפּס־לוסט פון דעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער האָט געענטפערט דער נ.ר.א. מיט אַ כוואַליע סטרייקס, האָט אויך טיילן פון דער ס. פּ. מיטגלידערשאַפט אָנגעשטעקט. פון דער אַנדערער זייט זיינען אין דעטראָיט געקומען צום אויסדרוק יענע קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וואָס ווערן פאַשיזירט, ווערן אַלץ מער אָרומגעכאַפּט פון נאַציאָנאַליזם.

ווי אַזוי האָט דער דעטראָיטער צוזאַמענפאָר רעאַגירט אויף דער געשאַפענער לאַגע? ווי אַזוי האָט ער געענטפערט אויף דער פאָדערונג פון דער „רעוואָלושאָנערי פּאַליסי קאָמיטע" אַזוי קלאָר צו פאָרמולירן די ליניע פון דער פּאַרטיי, אַז „עס זאָל אין דער צוקונפט זיין אוממעגלעך פאַר פּאַרטיי־מיטגלידער צו האַלטן זיך אָן דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע פּרינציפּן"?

דער צוזאַמענפאָר, טריי צו דער ס. פּ. טראַדיציע פּרינציפּלאָז צו פאַררייבן פּראָבלעמען, האָט פּרובירט אַלעמען צופרידנשטעלן. דעם ערשטן טאָג האָט ער מיט 8,344 שטימען קעגן 7,831 אָפּגעוואָרפן דעם „לינקן" באַריכט פון דער מערהייט פון דער דעלעגאַציע צו דער פּאַריזער קאָנפערענץ אין אויגוסט 1933 (קריגער, פּעליקס, לעווינסאָן, סיניאָר), ניט אָננעמענדיק אויך אין דער זעלביקער צייט דעם באַריכט פון דער מינדערהייט פון דער דעלעגאַציע (פּענקין און קאָבע). דער מערהייט־באַריכט האָט קריטיקירט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קריטיקירט די „מיטלען" פון די פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל קעגן מלחמה (הענדערסאָנ'ס באַזוך ביי היטלער'ן), און האָט אָנגעוויזן, אַז אין די קאָמיסיעס פון דער קאָנפערענץ האָט מען ניט גערעדט וועגן קאַמף קעגן מלחמה. פאַרקערט, האָט דער באַריכט אָנגעוויזן, עס האָבן זיך גאָר געהערט טענער (באַקאַנטע זינט 1914) פאַר „פּאַרטיידיקונג"־מלחמה.

דער דעטראָיטער צוזאַמענפאָר האָט די קריטיק אָפּגעוואָרפן.

נאָרמאַן טאָמאַס האָט געזאָגט, אַז עס איז פּשוט „געשפּילט זיך מיט פייער", ווען מען באַנוצט די „פראַזעאָלאָגיע וועגן דיקטאַטור" בשעת מען גייט אַרויס צו די אַרבעטער. דאַניעל האָאַן, דער מעיאָר פון מילוואָקי,

האָט אין זיין אָנפאַל אויף דער רעזאָלוציע גאָר דערקלערט: „אויב עס וועט אזוי ווייטער אָנגיין, וועל איך פאָרשלאָגן, אז מיר זאָלן מער ניט שיקן קיין דעלעגאַטן קיין איראָפּע צו ברענגען סיכסוכים צוריק קיין אמעריקע.״ *)

אויפן דריטן טאָג פונם צוזאמענפאָר האָבן די זעלביקע צוויי פירער גערעדט פאר דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, וועלכע זאָגט זיך, הייסט עס, ארויס פאר „מאסן־ווידערשטאַנד״ אין פאַל פון מלחמה און פאר איבער־נעמען די מאכט אפילו ווען מען איז ניט אין דער מערהייט.

מיר וועלן באַלד זען, אז ביידע זאכן האָט די „פּרינציפּן־דעקלאַראַ־ציע״ ניט אין זינען. טאַמאַם מיט האַנס'ען—געוויס ניט. אָבער אָט האָט מען זיך דאָך „געשפּילט מיט פייער״, באַנוצט „פראַזעאָלאָגיע וועגן דיק־טאַטור״ און וועגן „מאסן־קאַמף״.

שוין אין דעם פאָרמולן אופן פון באַהאַנדלען פראַגן, פון באַשליסן היינט אזוי און מאָרגן אנדערש, האָט זיך ארויסגעוויזן צעמישעניש און פּרינציפּנלאָזיקייט. פונקט אזוי האָבן זיך אָט־די מאָמענטן ארויסגעוויזן אין דעם נ י ט באַהאַנדלען אזעלכע פראַגן ווי ארבעטלאָזיקייט, פאַשיזם, דער סקאַטסבאָראָ־ענין און די נעגער־פראַגע בכלל, פּאַראייניקטער פראָנט, סאָוועטן־פאַרבאַנד...

עס איז אומגלויבלעך, אָבער אזוי איז עס געווען — אין א צייט פון פאַשיזם אין א גאַנצער ריי לענדער, איינגעשלאָסן דייטשלאַנד און עסטרייך, און פון פאַשיסטישע באַוועגונגען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינגעשלאָסן אמעריקע! אזוי איז עס געווען — אין א מאָמענט פון העכער פופצן מיליאָן ארבעטלאָזע אין אמעריקע און פון קאַמף פאַר סאָציאַלע און ארבעטלאָזיקייט פאַרזיכערונג. דאָס זעלביקע וועגן די אַנדערע פראַגן, אין וועלכע די ברייטסטע מאסן ארבעטער זיינען פאַר־אינטערעסירט.

די „לינקע״ רעזאָלוציע־קאָמיטע האָט יאָ אָנגענומען א רעזאָלוציע וועגן פּאַראייניקטן פראָנט — א רעכטע, אין דער ליניע פון דער רעזאָ־לוציע פון דער אַלטער גוואַרדיע אין ניו יאָרק, קעגן „קאָמוניסטישער ברעכעריי און אינטריגעס״, אָבער אויפן צוזאמענפאָר האָט מען זי ניט געבראַכט. וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען אָנגענומען א „לינקע״ רעזאָלוציע — און אויך ניט אריינגעבראַכט צום צוזאמענפאָר! — אין

*) „ניו לידער, 9טן יוני, 1934.

וועלכער מען באַגריסט, און אַזוי ווייטער, און מען דריקט אויס די מיינונג, אַז איצט מעג מען שוין אָפּשוואַכן די דיקטאַטור און לאָזן עקזיסטירן אַנדערע פּאַרטייען וואָס אָנערקענען די סאָוועטן־מאַכט. דער־מיט האָט מען געגעבן אָנצוהערן, אַז פריער האָט מען די אַנדערע פּאַרטייען נים געדאַרפט לאָזן עקזיסטירן, און אויך איצט דאַרף מען ניט לאָזן עקזיסטירן די פּאַרטייען, וואָס אָנערקענען ניט די סאָוועטן־מאַכט. אָבער די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע „פּערזענלעך" האָבן גראָד אַן אַנדער מיינונג. אַזוי האָט דער „לינקער" „טעאָרעטיקער" קאָנטאָראָוויטש גע־שריבן אין „וועקער" דעם 28טן אַפּריל, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד הערשט „דער רויטער טעראָר", עקזיסטירט „די הערשאַפט פון אַ קליקע" און אַז „סטאַלין הערשט מיט אַן אייזערנער האַנט אין רוסלאַנד, ניט דערפאַר ווייל דאָס איז נויטיק פאַר דער רעוואָלוציע, נאָר ווייל עס איז נויטיק כדי אָנצוהאַלטן סטאַלינ׳ס מאַכט". דאָס איז געווען איין זאַך, אין דער רעזאָלוציע־קאָמיטע האָט ער געשטימט פאַר אַן אַנדער זאַך, און איז געווען אין איין בלאָק מיט דעיוויד פעליקס פון פילאַדעלפיע, וועלכער האָט אונטערגעשריבן דעם „אַפּיל" פון דער „רעוואָלושאַנערי פּאַליסי קאָמיטע", וואו עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז סאָוועטן־פאַרבאַנד איז „דאָס לאַנד פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", וואָס דאַרטן („נאָר דאַרטן") בויט דער אַרבעטער דעם סאָציאַליזם... און צום צוזאַמענפאָר האָט מען די רעזאָלוציע סיי־ווי ניט געבראַכט!

וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקל פון פאַנאַנדערפאַלונג!

פאַנאַנדערפאַלונג — ביז פּערזענלעכער פּאָליטישער קאָרופּציע, ביז „דאַבל־קראָסינג", ביז קליקע־מאַנעוורעס און אַלדאָס שמעקעדיקע וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער דיסקוסיע נאָכן צוזאַמענפאָר, לויט דער ליניע פון די „אויפדעקונגען" פון אָנגיל׳ן קעגן אַמערינגער׳ן, וואָס מיר האָבן דערמאָנט צום אָנהויב.*)

„אויב" און „ניט איצט"

אַרויסברענגענדיק די קעגנזעצלעכע רייד און מעשים פון די פירער, באַזונדערס פונם „לינקן" פליגל, וואָס האָט אין דעטראָיט איבערגענומען די מאַכט, און באַזונדערס טאָקע די מ ע ש י ם, איז וויכטיק. אָבער וואָס שייך די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע גופא, איז זי אַליין, ווי זי שטייט

*) זע זייט 13.

און גייט, אַ מוסטער פון צעמישטקייט, פאַנאַנדערלייגונג און פון אויס־דריקלעכער אָפּנאַרעריי.

די „שטאַרקסטע" פּאַראַגראַפן פון דער דעקלאַראַציע, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די דיסקוסיע, זיינען די צוויי פּאַראַגראַפן, וואָס ריידן וועגן מלחמה און „אַרבעטער־דעמאָקראַטיע". דער פּאַראַגראַף וועגן מלחמה לייענט זיך:

„די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז קעגן מיליטאַריזם, אימפּעריאַליזם, און מלחמה. איר צוועק איז אָפּצושאַפן די שטענדיקע עקאָנאָמישע מלחמות פון קאַפּיטאַליזם, וואָס די פרוכט דערפון איז אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפליקט. מלחמה קאָן ניט טאָלערירט ווערן דורך סאָציאַליסטן, און אויך ניט צוגרייטונגען צו מלחמה. זיי וועלן פּאַראַיוניקט זוכן צו אַנטוויקלען פּאַרטרויענסווערטע אַרבעטער־קלאַס אינסטרומענטן פאַר דער פרידלעכער ליזונג פון אינטערנאַציאָנאַלע סיכסוכים און קאָנ־פליקטן. זיי וועלן זוכן צו אָפּשאַפן מיליטערישע לימודים אין די סקולס, קאָלעדזשעס און קעמפּס. זיי וועלן זיך שטעלן קעגן מיליטערישע מוש־טירונגען, פּאַראַדן און אויסגאַבן, סיי דירעקט פאַר מלחמה־צוגרייטונגען, אָדער פאַר מיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, סיי אין צייט פון מלחמה, ווי אויך אין צייט פון פרידן. זיי וועלן לאָיאַל אונטערשטיצן אין טראַגישן פאַל פון מלחמה יעדן איינציקן פון זייערע חברים, וועלכער וועט צוליב אַנטי־מלחמה־טעטיקייטן, אָדער צוליב אָפּזאָגן זיך צו אויס־פילן מלחמה־דינסטן, קומען אין קאָנפליקט מיט דער עפנטלעכער מיינונג אָדער מיטן געזעץ. נאָכמער, אָנערקענענדיק דעם זעלבסט־מערדערישן כאַראַקטער פון מאָדערנע מלחמות און די רעזולטאַטן פון מלחמות, אויפן אַרבעטער־קלאַס, וועלן זיי זיך קאָלעקטיוו אָפּזאָגן צו סאַנקציאָנירן אָדער שטיצן וועלכע עס איז אינטערנאַציאָנאַלע מלחמה; זיי וועלן, פאַרקערט, דורך אַגיטאַציע און קעגנערשאַפט טאָן אַלצדינג ניט געבראַכן צו ווערן דורך דער מלחמה, נאָר צו זען אַז די מלחמה זאָל געבראָכן ווערן. זיי וועלן באַגעגענען מלחמה און די דעמאָליזירטע פלענער פאַר מלחמה, וואָס זיינען שוין אויסגעלייגט געוואָרן דורך די מלחמה־מאַכנדיקע אָרימס פון דער רעגירונג, דורך מאַסנהאַפטן מלחמה־ווידערשטאַנד, אָרגאַניזירט, אויף אַזויפיל ווי דאָס וועט זיין פּראַקטיש, אין אַ גענעראַל־סטרייק פון די אַרבעטער־יוניאָנס און אינטעליגענץ־גרופּן, אין אַ פּאַראייניקטער אָנ־שטרענגונג צו מאַכן דאָס פירן מלחמה פאַר אַ פּראַקטישער אוממעגלעכקייט און צו פאַרוואַנדלען דעם קאַפּיטאַליסטישן מלחמה־קריזיס אין אַ זיג פאַרן סאָציאַליזם."

דער פּאַראַגראַף קלינגט „שטאַרק". די רעכטע, וועלכע האָבן דער־קלערט, אַז די דעקלאַראַציע איז אַ „פּראָוואָצירנדיקע, אַנאַרכיסטישע, אומלעגאַלע און קאָמוניסטישע דאָקטרין" (לואיס וואַלדמאַן), פייערן

באַזונדערס קעגן דעם אויסדרוק, אַז די פּאַרטיי וועט פּאַרטיידיקן יעדן מיטגליד וואָס וועט צוליב זיין מלחמה־טעטיקייט קומען אין קאָנפליקט מיטן געזעץ. קוקט מען זיך אָבער צו נעענטער, זעט מען ווי די „שטאַרקע" פראַזן פון דער דעקלאַראַציע זיינען נאָר אַ מיטל צוצודעקן דעם אָפּאָרטוניזם, וואָס שטעקט הינטער די ניט צו קלאָרע ווערטער.

די דעקלאַראַציע רעדט וועגן גענעראַל־סטרייק מיט אויסריידעניש („ווי ווייט מעגלעך", כדי צו האָבן אַ פּאַרטיקן בריק אָפּצוטרעטן פון דעם באַשלוס). די דעקלאַראַציע זאָגט גאָרניט וועגן ק ל אַ ס ן ־מלחמה, וועגן בירגער־קריג, און פאַרשווייגט אינגאַנצן דעם ענין „פּאַרטיידיקונג"־מלחמות! דאָ איז די מורא'דיק „לינקע" („פּראָוואָצירנדיקע" און אַזוי ווייטער) דעקלאַראַציע אַ טראָט אויף צוריק פון דער סט. לואיסער רעזאָלוציע, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גופא האָט אָנגענומען. דאָרט זאָגט זיך:

„דער איינציקער קאַמף, וואָס וואָלט באַרעכטיקט דעם אַרבעטער צו נעמען זיך פאַרן געווער, איז דער גרויסער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט צו באַפרייען זיך פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און פּאָליטישער אונטערדריקונג, און מיר וואָרענען באַזונדערס די אַרבעטער קעגן דעם חוזק און דער פאַרבלענדעניש פון די אַזוי־גערופענע פאַרטיידיקונג־מלחמות."

ווי דאָס איז צו זען, האָט די סט. לואיסער רעזאָלוציע יאָ אין זינען געהאַט ביידע זאַכן — סיי די קלאַסן־מלחמה, אין וועלכער דער אַרבעטער דאַרף יאָ קעמפן, און סיי די „פּאַרטיידיקונג"־מלחמות — דער ערשטער תירוץ פון אַלע פאַררעטער, ווען זיי שטעלן זיך צום דינסט פון דעם אימפּעריאַליסטישן אָנגריף פון „זייער" בורזשואַזיע. אָן די צוויי פּונקטן איז יעדע רעזאָלוציע קעגן מלחמה אַ פאַרבלענדעניש, דעמאַגאָגיע, נ י ט קיין אינסטרומענט אין דעם קאַמף קעגן מלחמה, נאָר אַן אינסטרומענט אָפּצונאַרן די מאַסן, זיי זאָלן מ י י נ ע ן , אַז מען גרייט זיך זיי צו פירן אין אַזאַ קאַמף. דער אַנטי־מלחמה פּאַראַגראַף פון דער דעטראָיטער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פאַרמאָגט נ י ט די צוויי פּונקטן.*)

*) נאָרמאַן טאָמאַס האָט אין „ניו לידער" פון 16טן יוני פאַרטײטשט דאָס דאָזיקע שווייגן. ער האָט דערקלערט: „אויב עס זאָל דורך אַ נס זיין אינגאַנצן אַן אַנדער סאָרט מלחמה (ווי די לעצטע), וועט זיין גענוג צייט, אין ליכט פון אונזערע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, צו ענדערן אונזער שטעלונג." און דאָס איז קלאָר, אַז „אַן אַנדער סאָרט מלחמה" הייסט — אַ „פּאַרטיידיקונג"־מלחמה.

וויכטיקער איז אָבער, וואָס די דעטראָיטער דעקלאַראַציע קעגן מלחמה זוכט אָפּצוקומען מיט אַלגעמיינע פראַזן און דרייט זיך אַרויס פון וועלכע עס איז קאָנקרעטע מאָמענטן. די דעקלאַראַציע — אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע! — פאַרמאָגט ניט קיין שום אַנאַליז פון דער וועלט-לאַגע, פאַרמאָגט ניט קיין אַנאַליז פון די פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטישע כחות, וואָס טרייבן איצט צו מלחמה. דאָס וויכטיקסטע: עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט דער „איינגענער", דער אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם!

דער צוזאַמענפאָר האָט ניט דערמאָנט דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם אַפילו אין דער רעזאָלוציע וועגן „פּאַן־אַמעריקאַנישע סאָציאַליסטישן באַציאונגען". ניטאָ דאָ אַפילו אַ וואונק וועגן די מעשים פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם אין לאַטיין־אַמעריקע!

דאָס איז אַ פּרוביר־שטיין! דאָס גיט דעם ענטפער אויף וויפיל די פירער, וואָס האָבן אין דעטראָיט באַנוצט אַלגעמיינע פראַזן קעגן מלחמה, ווילן דערפילן דעם הויפּט־באַדינג וואָס לענין האָט אַוועקגעלייגט פאַר אמת'ע קעמפער קעגן מלחמה — קעמפן פאַר אַ מפּלה פון דער „איינגענער" קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג!

דאָס אַליין מאַכט צונישט דעם אַנטי־מלחמה פּאַראַגראַף און שטעלט אים אַרויס ווי אַ פאַרפירערישן. מיר'ן איצט איבערגיין צום הויפּט־טעזיס פון דער דעקלאַראַציע, די פּאַראַגראַפן וועגן דעמאָקראַטיע און אַרבעטער־מאַכט.

די דעקלאַראַציע פאַרענדיקט זיך אַזוי:

„אין דעם קאַמף פאַר אַ נייער געזעלשאַפט וועט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זוכן צו דערגרייכן אירע צוועקן דורך פרידלעכע און אָרדנונגפולע מיטלען."... „די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּראָקלאַמירט פון דאָס ניי איר גלויבן אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, אָבער זי שטעלט זיך אָן וואַקלעניש פאַר דער אויפגאַבע צו פאַרביטן די כלומרשטע דעמאָקראַטיע פון קאַפּיטאַליסטישן פּאַרלאַמענטאַריזם מיט אַן אמת'ער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע. קאַפּיטאַליזם איז פאַר'משפּט צום אונטערגאַנג. אויב ער וועט קאָנען אָפּגעשאַפט ווערן דורך אַ מאַיאָריטעט־אָפּשטימונג, וועט זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פרייען. אויב דער קריזיס וועט קומען דורך דעם, וואָס מען וועט אָפּנעמען ביי דער מערהייט אירע רעכט, נאָכדעם ווי די ווילער וועלן אונז האָבן געגעבן אַ מאַנדאַט, וועלן מיר זיך ניט וואַקלען און צע־

> ברעכן דורך אונזער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט די הפקר'דיקע קרעפטן פון רעאַקציע און וועלן קאָנסאָלידירן די סאָציאַליסטישע מלוכה. א ו י ב די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם זאָל צוזאַמענברעכן אין אַלגעמיינעם כאַאָס און צעמישעניש, וואָס דאָס קאָן ניט דערלויבן קיין אָרדנונגפולע האַנד־לונג, וועט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, צי זי וועט זיין אין אַ מערהייט אָדער ניט, זיך ניט צוריקציען פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו אָר־גאַניזירן און אויפהאַלטן אַ רעגירונג אונטער אַרבעטער־הערשאַפט. אמת'ע דעמאָקראַטיע איז אַ ווירדיקער מיטל צו פּראָגרעס; אָבער אמת'ע דעמאָ־קראַטיע מוז באַשאַפן ווערן דורך די אַרבעטער פון דער וועלט." (אומעטום אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

די דעקלאַראַציע, ווי דאָס איז צו זען, שטרייכט אונטער די ליניע פון דער ס. פּ. צו דערגרייכן סאָציאַליזם דורך „פרידלעכע און אָרדנונג־פולע מיטלען" און דריקט אויס „פון דאָס ניי" איר גלויבן אין „עקאָ־נאָמישער און פּאָליטישער דעמאָקראַטיע". און דאָ הויבט זיך אָן אַ סעריע „אויב"ס, וואָס שטעלן ווידעראַמאָל אַרויס דעם אינהאַלט פון דער דע־קלאַראַציע, און שטרייכן ווידעראַמאָל אונטער די צעמישעניש אין דער ס. פּ. פירערשאַפט.

„א ו י ב" קאַפּיטאַליזם קאָן אָפּגעשאַפט ווערן דורך אַ מאַיאָרי־טעט־אָפּשטימונג, זאָגט די דעקלאַראַציע. און ווי מיינען די פאַרפאַסער פון דער דעקלאַראַציע? ווי האָט געמיינט דער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט די דעקלאַראַציע אָנגענומען? קאָן מען, אָדער קאָן מען ניט, טאָר מען, אָדער טאָר מען ניט, אויסרעכענען אויף אָפּשאַפן קאַפּיטאַליזם דורך אַ מאַיאָריטעט־אָפּשטימונג פון אַלע בירגער פון לאַנד?

די „לינקע" פירער, וועלכע ווילן, אַז די אַרבעטער זאָלן זיי נאָכגיין, ווייסן ניט. אָבער האָפן האָפן זיי פונדעסטוועגן. ווען מען זאָגט „אויב" — הייסט עס, אַז דאָס איז מעגלעך. זיי פאַרפירן דעריבער די מאַסן פונקט ווי די הילקוויטס און שיידעמאַנס האָבן עס געטאָן.

דאָ איז בשום אופן ניט קיין פראַגע פון טשעפּען זיך צו ווערטער. דאָ האַנדלט זיך וועגן זייער אַ פונדאַמענטאַלן ענין!

אין „מלוכה און רעוואָלוציע" ווייזט אָן חבר לענין:

> „מיר האָבן שוין פריער געזאָגט און וועלן גענויער אָנווייזן אין דער ווייטערדיקער אָפּהאַנדלונג, אַז די לערע פון מאַרקס און ענגעלס וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ געוואַלטזאַמער רעוואָלוציע באַציט זיך צו דער בורזשואַזער מלוכה. זי ק אָ ן נ י ט פאַרביטן ווערן מיט דער מלוכה פון פּראָלעטאַריאַט (דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט) לויט דער ליניע פון „אָפּשטאַרבן", נאָר קאָן דאָס, אַלס אַלגעמיינער כלל, באַווייזן

דורך אַ געוואַלטזאַמער רעוואָלוציע." . . . „די נויטווענדיקייט צו דער ציען די מאַסן לויט אַזאַ און נאָר לויט אַזאַ קוק אויף דער געוואַלט־זאַמער רעוואָלוציע, איז דער יסוד פון דער גאַנצער לערע פון מאַרקס און ענגעלס. דער פאַרראַט פון זייער לערע מצד די איצטיקע הערשנדיקע סאָציאַל־שאָוויניסטישע און קאַוטסקיאַנישע שטרעמונגען דריקט זיך באַזונדערס בולט אויס דורך דעם פאַקט, וואָס סיי די ערשטע און סיי די צווייטע האָבן פאַרגעסן אָן אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע, אַזאַ אַגיטאַציע." *)

אָט װעגן װאָס עס האַנדלט זיך! דער פאַרראַט פון די שײדעמאַנס און קאַוטסקיס אין זייער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פאַר 1918 האָט געפירט צום פאַרראַט בשעת דער רעוואָלוציע אין 1918. די „לינקע" אין דער ס. פּ. פירערשאַפט האָבן אין דעטראַיט געטאָן — און טוען — דאָס זעלביקע, װאָס די שײדעמאַנס און קאַוטסקיס האָבן געטאָן.

װײטער. די דעקלאַראַציע זאָגט: „אויב" דער קריזיס װעט קומען דורכדעם, װאָס מען װעט ביי די סאָציאַליסטן צונעמען די מערהייט אין קאָנגרעס. װאָס זײנען די אויסזיכטן פאַר אַזאַ מערהייט? װעט מען זי צונעמען אָדער ניט? װאָס האָבן דאָ די פירער צו זאָגן די מאַסן?

און נאָך װײטער. „אויב" די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם זאָל צוזאַמענברעכן „אין אַלגעמיינעם כאַאָס און צעמישעניש", װעט מען „קאָנסאָלידירן" אַ רעגירונג „אונטער" אַרבעטער־הערשאַפט. דער סטיל איז דאָ מטושטש — װײל דער אינהאַלט איז מטושטש, װײל מען װיל דאָ עפּעס פאַרדרײדן און ניט באמת דערקלערן. און דער עיקר איז װידעראַמאָל דער „אויב" ביי די „לינקע", צי דער קאַפּיטאַליזם װעט ערשט צוזאַמענברעכן. און אויב אַפילו יאָ — איז נאָך, הייסט עס, אַ פראַגע, צי ער װעט צוזאַמענברעכן אין . . . פולשטענדיקער אָרדענונג, אָדער „אין אַלגעמיינעם כאַאָס און צעמישעניש".

דאָ האַנדלט זיך װעגן אַזוינס, װאָס איז פיל מער װי כאַאָס און צעמישעניש — אין די מוחות פון די ס. פּ. פירער! דאָ האַנדלט זיך װעגן דער אַלט־נייער ליניע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, װאָס קריכט אַרויס פון צװישן דעם גאַנצן װערטער־כאַאָס!

װאָס הייסט עס — װאַרטן אויפן מאָמענט, אויף דער שעה, װען

---

*) לענין: „מלוכה און רעוואָלוציע", באַנד 21, ז. 383, צווייטע אויסגאַבע (רוסיש).

דער קאַפּיטאַליזם וועט צוזאַמענברעכן? דער צוזאַמענברוך פון קאַפּי־טאַליזם איז אַ פּ ר אָ צ ע ס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שוין, פאַר אונזערע אויגן. די אויפגאַבע פון אמת'ע רעוואָלוציאָנערן איז — אונטער־שטופּן דעם קאַפּיטאַליזם אין קבר אריין, מיטהעלפן דעם צוזאַמענברוך דורך אָרגאַניזירן די מאַסן צו איבערנעמען די מאַכט, דורך צוגרייטן זיי צו דער רעוואָלוציע, צו דיקטאַטור פון ארבעטער־קלאַס, און אַלץ אויפן באַזיס פון איצטיקע, טאָג־טעגלעכע, קאַמפן! אָבער גראָד דאָס דאָזיקע — דעם צוזאַמענברוך פון קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז ש וי ן אַ שטיקווירקלעכקייט, און דאָס צוגרייטן די מאַסן צו רעוואָלוציע, וואַרפט אָפּ די דעטראָיטער דעקלאַראַציע!

„אויב", זאָגט זי! דערמיט זאָגט זי דאָס אייגענע, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אַלע מאָל געזאָגט וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועגן סאָציאַליזם. העט־העט, ווען עס איז, ווען עס וועט זיך שאַפן אַזאַ און אַזאַ סיטואַציע, אין דער ווייטער צוקונפט, וועלן מיר, אפשר . . . און „דערווייל" — פּאָליטישע און עקאָנאָמישע דעמאָקראַטיע, וואַרטן אויף דער מערהייט אין פּאַרלאַמענט.

נ י ט א י צ ט, האָט געזאָגט דער נייער פירער פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי, דער געוועזענער פּרעסביטאַרישער גלח נאָרמאַן טאָמאַס. אין דער דעבאַטע איבער דער דעקלאַראַציע האָט ער דערקלערט פון דער טריבונע פון צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט:

„דאָס איז אַ קלאָרע דעקלאַראַציע וואָס צו טאָן — ניט איצט — נאָר אין פאַל ווען מלחמה וועט אויסברעכן." *)

נ י ט א י צ ט, — דאָ איז דער טשוואָק פון דער גאַנצער דע־קלאַראַציע, פון דעם גאַנצן אָפּאָרטוניזם פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. סאָציאַליזם, רעוואָלוציע, קאַמף קעגן פאַשיזם, פאַר ארבעטער־מאַכט — ניט איצט! קאַמף קעגן מלחמה — ניט איצט! קאַמף קעגן פאַשיזם, פאַר ארבעטער־מאַכט — ניט איצט! ווי מורא'דיק באַקאַנט דאָס אַלץ מוז זיין די עסטרייכישע ארבעטער, וועלכע האָבן פון די אָטאָ באַוערס טויזנט מאָל געהערט רייד וועגן „רעוואָלוציע", מיטן אונטערשלאַק „ניט

*) „דעטראָיט ניוס", 4טן יוני, 1934. די צייטונג האָט דעם 7טן פון דעם חודש געדרוקט אַ בריוו פון דר. וו. ג. בערגמאַן, „אַלגעמיינער פּאָרזיצער" פונם צוזאַמענפאָר, אין וועלכן די צייטונג איז באַדאַנקט געוואָרן פאַר איר „גענויקייט און פאַרשטענדעניש" אין אירע באַריכטן פונם צוזאַמענפאָר.

איצט”, — ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די דעטראָיטער רעזאָלוציע איז א האַמעטנע קאָפּיע פון איינער פון באַוערס טויזנט דעקלאַראַציעס!

נאָרמאַן טאָמאַס

ווערטער באַדייטן ג אָ ר נ י ט — אפילו ווען זיי זיינען פאָרמולירט קלאָר און קלינגען באמת רעוואָלוציאָנער. די סט. לואיסער רעזאָלוציע האָט גאָרניט באַדייט — אין הילקוויט׳ס הענט. די „רעוואָלוציאָנערע” דעקלאַראַציעס פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן גאָרניט באַדייט אין די הענט פון באַוער און דויטש.

די פראַגע וועגן פירערשאַפט איז איינע פון די פונדאַמענטאַלסטע פראַגן פון רעוואָלוציע. די אַלטע אָפּאָרטוניסטישע פירער קאָנען אָפּהאַלטן פון רעוואָלוציע, טאַקע דורך באַנוצן רעוואָלוציאָנערע פראַזן, ווען די מאַסן רייסן זיך צום קאַמף. אין 1917, ווען די מיטגלידערשאַפט איז געווען קעגן מלחמה — האָט די ס. פּ. פירערשאַפט באַנוצט אַנטי־מלחמה ווערטער און געטאָן פּונקט דעם היפּוך... צום סוף 1917, ווען די מיטגלידער זיינען געווען ענטוזיאַסטיש פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן די פירער געשריען הורא פאַר די באָלשעוויקעס און געטאָן פּונקט דעם היפּוך, געשפּאָלטן די פּאַרטיי. אין 1920, ווען די מיטגלידער האָבן פאָרט באַשלאָסן אָנשליסן זיך אָן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן די פירער זיך „אונטערגעוואָרפן”, כדי באַלד באמת אַרויסצואווייזן זייער אָפּאָרטוניזם.

מיט דער אַלטער, אָפּאָרטוניסטישער, פּרינציפּלאָזער פירערשאַפט קאָן מען ניט דורכפירן קיין נייע ליניע, אפילו ווען די ליניע איז קלאָר און באמת־רעוואָלוציאָנער אָנגעצייכנט!

דער זיבעטער פון די 21 פּונקטן, וואָס דער דריטער (קאָמוניסטישער) אינטערנאַציאָנאַל האָט אין 1920 אַרויסגעשטעלט די פּאַרטייען, וואָס ווילן זיך אָן אים אָנשליסן, האָט דערקלערט, אַז די דאָזיקע פּאַרטייען מוזן באַזייטיקן די אַלטע פירער, די הילקוויטס, לאָנגעס, מאַקדאָנאַלדס.*) די פראַגע וועגן פירערשאַפט איז א פונדאַמענטאַלע פראַגע פון רעוואָלוציע, ניט קיין פּערזענלעכער ענין. אָט אין דעם זין מוז באַטראַכט ווערן אַלץ וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרן וועגן

*) זע זייט 171.

הילקוויט'ן. אין דעם זין מוז באַטראַכט ווערן אַלץ וואָס ווערט געזאָגט וועגן נאָרמאַן טאָמאַס, דאַניעל האָאַן, לעאָ קזשיצקי, מעינאַרד קריגער, דזשעימס אָניל און אַלע מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין דעטראָיט.*)

די בורזשואַזיע פאַרשטייט אויסגעצייכנט דעם ווערט דערפון, וואָס די פירער פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע בלייבן די זעלביקע — ווען די אַרבעטער צווינגען זיי אָנצונעמען אַ נייע ליניע. דאָס האָט אָפן דער־קלערט דער אָרגאַן פון וואָל סטריט, „ניו יאָרק טאַימס", דעם 5טן יוני (1934).

קודם האָט די צייטונג ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם „אויב" פון דער דעקלאַראַציע. זי זאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל:

„עס איז אַלע מאָל דאָ אַ סך גוטער ווילן אין אַן „אויב", און עס איז דאָ זייער אַ סך ספּעציעל אין דעם „אויב". אָן ספק וועט די רעזאָ־לוציע דורכגיין אַ סך מעטאַפיזישע אויסטייטשונגען ביז זי וועט קנאַפּ וואָס באַדייטן.

די „טאַימס" פאַרשטייט דעם אמת'ן ווערט פון דער דעקלאַראַציע. ווי זי פאַרשטייט די לאַגע פון דער פירערשאַפט. אָט וואָס זי זאָגט ווייטער אין דעם לייט־אַרטיקל:

„מען קאָן פאַרשטיין דעם ד ר ו ק, וואָס טאָמאַס האָט געהאַט אויסצושטיין. דער אינגערער און מער ראַדיקאַלער עלעמענט אין דער

*) אין דעטראָיט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן עקזעקוטיווע פון די פאָלגנ־דיקע פּערזאָנען: לעאָ קזשיצקי, פּאָרזיצער, אַן אָנגעשטעלטער אָרגאַנאַיזער און וויצע־פּאָרזיצער פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס (מענער־קליידער אַרבעטער יוניאָן), מעינאַרד קריגער, פּראָפעסאָר אין שיקאַגער אוניווערזיטעט, דזשעימס ד. גרעהעם, פּאָרזיצער פון דער מאָנטאַנאַ סטעיט פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, דאַרלינגטאָן הופּס, פון פּענסילווייניא, פראַנק דאַניעל, אַן אָרגאַנאַיזער אין דער אַמאַלגאַמעיטעד אין פילאַדעלפיע; אַלבערט ספּרעיג קולידזש, פּראָ־פעסאָר אין האַרוואַרד אוניווערזיטעט, ביי באָסטאָן; דאַניעל האָאַן, מעיאָר פון מילוואָקי; נאָרמאַן טאָמאַס; דר. מ. שעידיד, פון אָקלאַהאָמאַ, אַ טוער אין דער פּאַרמערס יוניאָן; פּאַוערס האַפּגוד, פון אינדיאַנאַפּאָלים; דזשעימס אָניל, רע־דאַקטאָר פון „ניו לידער" אין ניו יאָרק. דאָ איז ניט פאַראַן קיין איין אַר־בעטער, קיין איין נעגער. אינגאַנצן זיינען אויפן צוזאַמענפאָר געווען צוויי נעגער־דעלעגאַטן. דער פּאָפּולערער סאָציאַליסטישער רעדנער, דער נעגער פראַנק ד. קראָסוועיט, וועלכער ווערט אָפט אַרויסגעשטעלט פאַר אַרבעטער, ווען ניטיק, האָט געקראָגן די סאַמע קלענסטע צאָל שטימען — 5,977 (די העכסטע צאָל איז געווען 15,351).

סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איבט איצט אויס כסדר אַ דראַנג קעגן דעם וואָס זיי באַטראַכטן ווי די אָפּגעלעבטע „אידעאָלאָגיע" פון די עלטערע פירער. ווען עס האָט אויסגעקוקט, אַז די אומגעדולדיקע סאָציאַליסטן און די וואָס זוכן דעם קירצערן וועג האָבן געקראָגן אַ מערהייט אויף דעם סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר, האָט מר. טאָמאַס אַפּנים זיך געפילט געצוואונגען מיטצוגיין מיט זיי." (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

די האַרציקע און פאַרשטענדיקע געפילן, וואָס דער אָרגאַן פון וואָל סטריט ווייזט דאָ אַרויס דער „לינקער" פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיינען באמת רירנדיק.

די „טאַימס" ווייס וואָס זי רעדט. זי האָט געלערנט פון די דערפאַרונגען מיט די פירער אין 1917 און 1920...

טאָמאַס גופא האָט זיך געאיילט צו זאָגן אין אַ דערקלערונג אין דער „טאַימס" פון 7טן יוני — און די „טאַימס" האָט אָפּגעדרוקט די לאַנגע דערקלערונג וואָרט אין וואָרט — אַז די ס. פּ. וועט זוכן צו דערשלאָגן זיך די מאַכט „דורכן באַלאָט" און „דורך מעטאָדן, וואָס צווינגען ניט מען זאָל אָנקומען צו אַלגעמיינע געוואַלט־מעשים און דיקטאַטור"... דאָס האָט דער פירער פון דער פּאַרטיי דערקלערט ערשט מיט עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי ער האָט געקעמפט פאַר אַ דעקלאַראַציע, וואָס האָט גערעדט וועגן „קאָנסאָלידירן" אַ רעגירונג „אונטער אַרבעטער־הערשאַפט", אַלץ איינס צי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט זיין אין דער מערהייט, אָדער אין דער מינדערהייט!

אַזוי האָט טאָמאַס „דערקלערט" סיי דעם מלחמה־פּאַראַגראַף און סיי דעם „אַרבעטער־הערשאַפט"־פּאַראַגראַף. דער דאָזיקער ווייך־צונגיקער און פיל־פּנים'דיקער געוועזענער גלח איז באמת אַ צוגעפּאַסטער פירער פאַר אַ פּאָליטיש־דעגענערירטער פּאַרטיי!

אָבער וואונדערן זיך איז ניטאָ וואָס, ווייל טאָמאַס, ווען ער האָט אין דעטראָיט געקעמפט פאַר דער דעקלאַראַציע, האָט דאָך ניט צוריקגעצויגן וואָס ער האָט געזאָגט די גאַנצע צייט.

אין זיין בוך „אַמעריקאַ'ס וועי אַוט" (דער אויסוועג פאַר אַמעריקע) רעדט ער וועגן דעמאָקראַטיע אַזוי (זייט 129):

„מיט אַלע אירע פעלערן איז פאָרט ניטאָ קיין בעסערע פּאָליטישע אָרדענונג. אין די מערב־לענדער זיינען די אויסזיכטן פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פון דער סאָציאַלער פּראָבלעם אַם בעסטן, טאַקע דערפאַר וואָס די

> דאָזיקע לענדער האָבן אַ דעמאָקראַטישע סיסטעם. דער וואָס וויל טאָן נוצלעכע אַרבעט, דאַרף ניט אָפּלאַכן פון דער דעמאָקראַטיע, נאָר אָנצייגן, ווי אַזוי די דעמאָקראַטישע סיסטעם דאַרף אויסגעבעסערט און אויס־געמענטשלט ווערן."

דאָס זיינען רייד פון אַ רעפאָרמער „פיור ענד סימפל". איר האָט דאָ אַ געזאַנג פאַר דעמאָקראַטיע ווי די בעסטע סיסטעם. איר האָט דאָ „אויסזיכטן פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פון דער סאָציאַלער פּראָבלעם" (וואָס פאַר אַן איידעלער לשון! קיין קלאַסן־קאַמף איז אַפּנים ניטאָ!), און אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן איז — רעפאָרמירן די דעמאָקראַטיע.

אין זיין לעצטן בוך, „דהי טשאָים ביפאָר אָס" (דער אויסוואַל פאַר אונז), זאָגט ער (זייט 195):

> „נאָר איין זאַך העלפט דער אַנטוויקלונג פון אַ פאַשיסטישן גייסט ביי אונז אין אַמעריקע. און דאָס איז דער געפיל פון פאַראַכטונג, וואָס אַנטוויקלט זיך אין געוויסע קרייזן קעגן דער פּאָליטישער סיסטעם, וואָס מיר באַצייכענען מיטן וואָרט דעמאָקראַטיע."

ניט אַז פאַשיזם איז אַן *אַרויסוואוקס פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע*, אָדער ווי טאָמאַס אַליין האָט שוין אין דעטראָיט—אין זיין פלאַכן סטיל—אָנגערופן: געבלאָפּטע דעמאָקראַטיע. ניט אַז פאַשיזם ווערט *אַרויסגערוקט פונעם קאַפּיטאַליזם*, ווי אַן אינסטרומענט אין אַ פּעריאָד פון צעפוילונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. „נאָר איין זאַך" — איין זאַך! — העלפט דער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם, דאָס געפיל פון פאַר־אַכטונג צו דעמאָקראַטיע!

טאָמאַס האָט אין דעטראָיט *ניט אָפּגעזאָגט זיך* פון דעם וואָס ער האָט געשריבן און „פּאַראַייביקט" אין זיינע ביכער! באַלד אויף מאָרגן נאָך דעטראָיט האָט ער זיך אָפּן אומגעקערט צו דער זעלביקער שטעלונג, דורך זיינע דערקלערונגען אין דער „ניו יאָרק טאַימס", אויף וויפיל ער האָט עס נאָר געקאָנט אָפּן טאָן.

און נאָרמאַן טאָמאַס איז ניט דער איינציקער צווישן די פירער פון דער ס. פ. מיר וועלן שפּעטער נאָך האָבן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די ווערטער און מיט די מעשים פון די אַנדערע פירער. דער עיקר די *מעשים*, וועלכע גיבן דעם שליסל צו דעם גאַנצן אָקעאַן פאַרשיידנאַרטיקע ווערטער, וואָס פליסט פון די פאַרשיידענע „ריכטונגען" אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי — די דעטראָיטער דעקלאַראַציע, די

קעגן־דעקלאַראַציע, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון שטאַט ניו יאָרק האָט אָנגענומען, די „סאָבסטיטוט"־דעקלאַראַציע, אויפן באַזיס פון דער דעטראָיטער, וואָס א פשרה-מאַכערישע ריכטונג אין דער פּאַרטיי האָט אַרויסגערוקט, און אַז. וו., און אַז. וו. *)"

א מבול פון ווערטער, א מבול פון ריכטונגען. די צעמישעניש איז אַזוי גרויס ווי זי איז געווען זינט 1901 און די מעטאָדן זיינען די אייגענע וואָס פאַר דער מלחמה, בשעת דער מלחמה און נאָך דער מלחמה.

*) „סאָבסטיטוט" צו דעקלאַראַציע אין „ניו לידער" פון 14טן יולי, ניו יאָרקער (שטאַט) דעקלאַראַציע אין „ניו לידער" פון 21טן יולי.

צווייטער טייל

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ביי דער אַרבעט

1. די ס. פּ. און די אַמעריקן פּעדערעישאַן אָוו לעיבאָר

דער דין וחשבון

דער קראַך פון דער ס. פּ. אין 1919—אַ פענאָמענאַלער קראַך אין דער געשיכטע פון פּאָליטישע פּאַרטייען—איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ ד י ן־ו ח ש ב ו ן אויף אַ גאַנצער ריי פּונקטן. די מיטגלידערשאַפט, די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט מיט דער פּאַרטיי אין 1919 אונטערגעצויגן אַ רעכענונג.

דער גאַנצער רעכענונג צווישן צוויי ליניעס: ר ע װ א ָ ל ו צ י ע, אָדער ר ע פ אָ ר מ י ז ם, איז אונטערגעצויגן געוואָרן.

די פּאַרטיי האָט דעם רעכענונג נים געקאָנט צאָלן. זי האָט באַנק־ראָטירט.

אַ פּאַרטיי איז געוואָקסן אין משך פון אכצן יאָר, האָט אָנגעקליבן פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן פּאַרמעגן, און ווען דער מאָמענט פון רעכענונג איז געקומען איז זי אָפּגעווישט געוואָרן!

ביזן דעטראָיטער צוזאַמענפאָר, אין 1934, האָט איר געדויערט פ ו פ צ ן י אָ ר צו קומען עטוואָס צו זיך. אָבער עס איז קלאָר פון די רייד פון אירע אייגענע פירער אין 1934 — און מיר האָבן געבראַכט נאָר מוסטערן — אַז זי איז געפערלעך קראַנק, אָרגאַניש קראַנק. אַ הייפעלע אין פאַרגלייך מיט איר אַמאָליקער גרויסקייט, אָן מאַסן־אַרבעט, אָן אַ פּרעסע, אָן אַ פּאַרטיי־ליטעראַטור, אָן אַ ליניע. אַ נעבעכדיקער אָנדיינק פון דער אַמאָליקער אָרגאַניזאַציאָנעל־גרויסער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

ביז איצט זיינען אין קורצע שטריכן אָנגעוואָרפן געוואָרן די סיבות פון דעם קראַך. עס וועט אָבער וויכטיק זיין צו אַריינגיין עטוואָס גענויער אין די פאַרשיידענע פאַזן פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי, פון 1901 ביז 1934, צו דערזען בעסער די סיבות פון איר קראַך אין די יאָרן נאָך דער מלחמה און די אינערלעכע אָרגאַנישע פעלערן, פון וועלכע זי ליידט ביז היינטיקן טאָג. דער רעקאָרד וועט

קאָנען דינען ווי אביישפּיל ווי אזוי א פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי דאַרף זיך ניט פירן. און אויף וויפיל די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זעצט פאָר צו גיין אין דעם וועג, אויף וועלכן זי איז געגאַנגען, איז קלאָר וואָס פאַר א פּערספּעקטיוו זי האָט פאַר זיך.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע איז אָפּגעווישט גע־וואָרן, כאָטש עס איז קלאָר פון אויבן אויף, אַז די זינד פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער זיינען געוועזן ניט לייכ־טער, צום טייל שווערער, ווי אירע זינד. אָבער דאָך האָבן זיך יענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געהאַלטן, און האַלטן זיך, און פאַרמאָגן נאָך אין געציילטע לענדער, א מאַסן־באַזע. דאָס איז דערפאַר, וואָס צוליב היסטאָרישע באַדינגונגען איז די יוניאָן־באַוועגונג אין יענע לענדער געבויט געוואָרן, אָדער איבערגענומען געוואָרן, פון סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך באַזירט אויף דער טאָג־טעגלעכער מאַסן־אַרבעט אין די געווערקשאַפטן, אין פאַבריק. מיט דער הילף פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס האָט זיך איינגעגעבן (אין דייטשלאַנד און עסט־רייך) און עס גיט זיך נאָך איין צו אָנהאַלטן די באַזע, די געווערקשאַפטן, וואָס אויף איר שטיצט זיך די אָרטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

אַנדערש איז אויסגעפאַלן אין אַמעריקע. דער אָטאָפּיזם און די אַנדערע עלעמענטן פון די ערשטע יאָרן פון דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג האָבן אויף דער ס. פּ. געלייגט א שטעמפּל, אַנטוויקלט איר אין אַ ג י ט א צ י ע־פּאַרטיי און ניט אין א פּאַרטיי פון קאַמף. פון דער ס. ל. פּ. האָט זיך איר מיטגעשלעפּט „דואַל יוניאָניזם", און אַט דאָס האָט געשאַפן די קעגן־שטרעמונג: „ניט מישן זיך אין די יוניאָנס". דער צושטאַנד פון דעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס, מיט גרויסע טיילן ניט־געלערנטע אימיגראַנטישע אַרבעטער, נעגער־אַרבעטער, וואָס אויף זייער רעכענונג האָט מען געזוכט צו אונטערקויפן דעם אַמערי־קאַניש־געבוירענעם געלערנטן אַרבעטער אין דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, און דער אויפשטייג פון דעם מעכטיקן אַמעריקאַנישן אימ־פּעריאַליזם, וואָס איז אויסגעפאַלן אין דער זעלביקער צייט ווען די היגע יוניאָן־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, האָט געהאָלפן שאַפן א טרעיד־יוניאָן פירערשאַפט, וואָס האָט די מילדע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע פראַזן פון אירע ערשטע יאָרן אוועקגעוואָרפן.

עס איז פאָרגעקומען אַן אַרבעט־צעטיילונג. די יוניאָן־פירערשאַפט

האָט נעטאָן די אַרבעט און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך פאַר־נומען מיט ריידן. אָבער אויב די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין באַזע אין די יוניאָנס (מיטן אויסנאַם, אין אַ געווינסן זין, פון די נאָדל־יוניאָנס) און איז, בכלל גענומען, ניט געווען קיין פּאַרטיי פון מאַסן־אַקציע, האָט זי אָבער געזוכט צו שאַפן קאָנטאַקט מיט דער פּ י־ר ע ר ש א פ ט פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, דינען איר, צודעקן איר דאָרט וואו מען האָט געדאַרפט די סאָציאַליסטישע פּראַזע. פאַר די ביידע זאַכן האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געמוזט, און מוז, צאָלן.

די באַציאונג צו דער פירערשאַפט פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר איז אַ פּרוביר־שטיין פאַר דעם רעפאָרמיזם פון דער פירער־שאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

גאָמפּערס

די פירערשאַפט פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, ווי זי איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער פּערזאָן פון סעמיועל גאָמפּערס*), האָט אָנגעהויבן מיט רייד וועגן אָפּשאַפן די קאַפּיטאַליסטישע געזעל־שאַפט (זע ערשטע קאַפּיטלען פון גאָמפּערס'עס „סעווענטי יירס אין דהי סוירווים אָוו לעיבאָר"), האָט אָנגעפירט מיט דער קאַמפּאַניע פאַרן אַכט־שעה'איקן אַרבעט־טאָג, האָט פּראָקלאַמירט דעם ערשטן מאַי ווי אַ קאַמף־טאָג אין דער קאַמפּאַניע. דאָס איז געווען פאַר דער שפּאַלטונג מיט די אַנאַרכיסטן אין די יוניאָנס, פאַרן ריס צווישן גאָמפּערס'ן און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג (ס.ל.פּ.). צוזאַמען מיט דער טעראָר־כוואַליע, נאָך די העימאַרקעט־געשעענישן, און — דער עיקר — מיטן אויפשטייג פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט אונטערגעקויפט געוויסע טיילן פון די קוואַליפיצירטע אַרבעטער, איז די פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע פון אָט־די אַרבעטער, פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, אַלץ מער און אַלץ אָפענער אַריבער אין דינסט פון קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע פירערשאַפט האָט געזוכט און זוכט צו אָנהאַלטן די אָרגאַני־זאַציע ווי אַן אינסטרומענט פאַרן קאַפּיטאַליזם. זי שפּאַלט די רייען פון

*) זע באַמערקונגען און ביאָגראַפישע נאָטיצן צום סוף פון בוך.

די אַרבעטער אנשטאָט זיי צו פאַראייניקן. דער לאַנגיאָריקער רעקאָרד פון דער פירערשאַפט איז אַ רעקאָרד פון פאַרראַט און דעזאָרגאַניזאַציע.

סעמיועל גאָמפּערס, וועלכער האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויף דער א. פ. אָוו ל. און אין וועמענס פוס־טריט די איצטיקע פירער פון דער אָרגאַניזאַציע גייען, האָט געלייקנט דעם קלאַסן־קאַמף. מיטן אויסנאַם פון זיינע רייד אין די ערשטע יאָרן, ווען דער דאָזיקער קלאַסישער אָפּאָרטוניסט האָט געזוכט צו איינקויפן זיך צווישן די אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען סאָציאַליסטיש און אנאַרכיסטיש געשטימט, האָט גאָמפּערס גערעדט און געשריבן ווי אַ רעאַקציאָנער. ער איז געווען, אין געוויסע הינזיכטן, לויטן אויסדרוק פון וויליאַם ז. פאָסטער אין „דהי בענקראָפּסי אָוו דהי אַמעריקן לעיבאָר מואוומענט" (באַנקראָט פון דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג), „אפילו רעאַקציאָנערער ווי די קאַפּיטאַליסטן אליין". ער איז געווען איינער פון די הויפּט וואַך־הינט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ער איז געווען אַ פּאַטריאָט־מיליטאַריסט פון שאָוויניסטישסטן סאָרט.

אונטער אַ מאַסקע פון „קיין פּאָליטיק אין די יוניאָנס" האָט גאָמפּערס אנטוויקלט זיין לאָזונג: „באַלוין די פריינט און באַשטראָף די פיינט". ער האָט אויף אַזאַ אופן געשטעלט די א. פ. אָוו ל. אויף דער פּלאַטפאָרמע פון די צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע. ער איז געווען דער מוסטער־טיפּ פונם „לעיבאָר־פּאָליטישן", פונם „לאָבי־פּאָליטישן", האָט געזוכט דורכצופירן מיט דער הילף פון די קאַפּיטאַליסטישע געזעצגעבער „אַרבעטער־געזעצן". די דאָזיקע גראָבסטע פאָרם פון אָפּאָרטוניזם און קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט אויף וועלכער גאָמפּערס איז געווען פּייאַיק, האָט אַריינגעבראַכט אין דער יוניאָן־באַוועגונג פּאָליטישע קאָרופּציע, האָט אַריינגעפירט קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיק און פּאָליטישנס אין די יוניאָנס, האָט געבראַכט אומצאָליקע מפּלות דער אַרבעטער־באַוועגונג. גאָמפּערס'עס פּרינציפּנלאָזיקייט און קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט איז אַוועק אַזוי ווייט ווי אַקטיוו מיטצואַרבעטן מיט דער „סיוויק פעדערעישאָן", אָרגאַניזאַציע פון די רעאַקציאָנערסטע טיילן פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל.*)

גאָמפּערס האָט געהאַלטן, אַז דער אַרבעטער האָט אַן אינטערעס אין

*) זע באַמערקונגען און ביאָגראַפישע נאָטיצן צום סוף פון בוך.

דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע. דער ארבעטער דאַרף זיך, הייסט עס, דינגען מיט זיין „שותף״, דעם קאַפּיטאַליסט. גאָמפּערס האָט אוועק־געשטעלט דעם יוניאָניזם אויף דער מדרגה פון אַ ביזנעס. און ווייל די יוניאָנס זיינען לויט אַט דער טעאָריע ניט געווען קיין אינסטרומענטן פון קאַמף נאָר אַגענטורן אויף טאָן ביזנעס, איז אויפגעהאַלטן געוואָרן די צעך (קרעפט)־סיסטעם, לויט וועלכער אין איין פאַך האָט עקזיסטירט מער ווי איין יוניאָן — אָפטמאָל צענדליקער יוניאָנס אין איין פאַך! און עס איז געוואָרן אַ פּראַקטיק, אַז איין יוניאָן זאָל האָבן אַן אַנדער קאָנטראַקט ווי די אַנדערע יוניאָן און זאָל ברעכן דעם קאַמף פון דער אַנדערער יוניאָן דורך צווינגען „אירע״ ארבעטער צו ארבעטן, ווען די ארבעטער פון יענער יוניאָן סטרייקן.

דער גאָמפּערסיזם האָט געלייגט אַ פינצטערן שטעמפּל אויף דער אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר און אויף דער גאַנצער ארבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער גאָמפּערסיזם איז געוואָרן אַ זייל פונם קאַפּיטאַליזם. דער גאָמפּערסיזם איז געוואָרן אַ קוואַל פון טאָג־טעגלעכן פאַררעט פון די אינטערעסן פון די ארבעטער, פון גרעפט און קאָרופּציע, פון אריבערלויפן טאָן ביזנעס מיט די באַלעבאַטים אַלס זייערע דירעקטע אַגענטן. יוניאָן־באַאַמטע זיינען געלאָפן הין און צוריק — היינט אָנפירער פון דער יוניאָן, מאָרגן — דירעקטע אָנגעשטעלטע פון די באַלעבאַטים, און אַזוי פאַרקערט. אין די יוניאָנס האָבן זיך געשאַפן קליקעס, וואָס האָבן געהערשט מיט דער הילף פון טעראָר, פון דער אונטערוועלט. גאָמפּערס אַליין האָט אויף אַ פּרינציפּנלאָזן אופן, דורך אַ קליקע־סיסטעם, אָנגעהאַלטן זיין פּרעזידענטשאַפט פּעריאָדיק יאָר — אויפן גאַנצן לעבן.

דעבס און גאָמפּערס

קיין אמת'ער סאָציאַליסט האָט ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דער סיטואַציע. פאַר יעדן אמת'ן סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער האָט געמוזט זיין קלאָר, אַז מיט אַזאַ פירערשאַפט אָן דער שפּיץ פון דער טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע פון די אַמעריקאַנישע ארבעטער (און אַן אָרגאַני־זאַציע, וואָס האָט שטענדיק געהאַט באַ זיך זייער אַ קליינע מינדערהייט פון אַלע לוין־ארבעטער און האָט ניט געוואָלט אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע) פאַרמאָגט דער קאַפּיטאַליזם אַ צו גרויסע קראַפט אין

די רייען פון די ארבעטער גופא, זעצט פאָר צו האַלטן דעם ארבעטער־קלאַס אומאָרגאַניזירט. עס איז קלאָר געווען פון סאַמע אָנהויב פון דער פאַרעטערישער ארבעט פונם גאָמפּערסיזם, אַז עס איז ניט מעגלעך צו ריידן וועגן אָרגאַניזירן די מאַסן צום זיג איבערן קאַפּיטאַליזם, איבער־לאָזנדיק די דאָזיקע קראַפט אין איר צושטאַנד.

אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד", אין יוני 1905, האָט דעבס דערקלערט:

„די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג איז איצטער אונטערן קאָנטראָל פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. זי פּרעדיקט קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמישע טעאָריעס, זי דינט קאַפּיטאַליסטישע צוועקן. . . . אַלע וויכטיקסטע סטרייקן פאַר די לעצטע צוויי אָדער דריי יאָר זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. . . . עס איז קיין פראַגע ניט,אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיט יענער פאָרם פון יוניאָניזם, וואָס קריגט איר גרעסטע שטיצע אין דער פּרעסע, וואָס פאַרטרעט דעם קאַפּיטאַליזם; עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיט יענער פאָרם פון יוניאָניזם, וואָס פאָרמירט אַ פאַרבאַנד מיט אַזאַ קאַפּיטאַ־ליסטישער קאָמבינאַציע ווי די סיוויק פעדערעישאָן." *)

ניט אריינגייענדיק דאָ אין דער פראַגע פון גרינדן יוניאָנס אין זעלביקן פאַך וואו עס זיינען דאָ יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל.**), אויך ניט אריינגייענדיק אין אַ באַטראַכטונג פון דער גרינדונג און עקזיסטענץ פון דער „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד" און פון דעבס'עס שטעלונג אין דער יוניאָן־פראַגע, איז אָבער קלאָר, אַז דעבס האָט געהאַט גענוג גרונט צו כאַראַקטעריזירן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג — ריכטיקער: די פירערשאַפט — אין דעם ליכט ווי ער האָט דאָס געטאָן אויף דעם דערמאָנטן צוזאַמענפאָר.

דעבס האָט געהאַט זיינע דערפאַרונגען מיט דער אמעריקן פעדערעי־שאָן אָוו לעיבאָר אין 1894, ווען דער סטרייק פון די פּולמאַן באַן־ארבעטער איז בלוטיק אונטערדריקט געוואָרן און די א. פ. אָוו ל. פירערשאַפט האָט אָפּגעהאַלטן די שיקאַגער ארבעטער פון ארויסגיין אין אַ גענעראַל־סטרייק.

---

*) ביל העיוואוד'ס בוך, ז. 183.

**) די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַנטשיידן קעגן גרינדן אַזעלכע יוניאָנס. דאָס איז געווען און איז איר פּאָליטיק די גאַנצע צייט. יוניאָנס פון דער טרעיד־יוניאָן יוניטי ליג האָבן זיך אָרגאַניזירט ענטוועדער אין פאַכן וואו עס זיינען קיין יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. ניט געווען, אָדער כמעט ניט געווען, אָדער עס זיינען אין דער יוניאָן פון דעם פאַך פאָרגעקומען מאַסן־אויסשליסונגען פון גרויסע טיילן פון דער מיטגלידערשאַפט.

אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע האָט זי אַרויסגעלאָזט, אין וועלכער זי האָט גערופן צוריק צו דער אַרבעט יענע מאַסן אַרבעטער, וואָס האָבן אַליין געוואָרפן די אַרבעט.

אַלדאָס רעוואָלוציאָנערע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַלע וואָס האָבן געאָטעמט מיט די קאַמף־טראַדיציעס פון אַמעריקאַנישן אַר־בעטער־קלאַס האָבן באַגריפן, וואָס פאַר אַ פינצטערע קראַפט די פירער־שאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. שטעלט מיט זיך פאָר. אָבער די פ י ר ע ר־ש אַ פ ט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז צו אָפט געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט גאָמפּערס'ן נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי, און איז אינגאַנצן אַריבער צו גאָמפּערס'ן און זיינע נאָכפאָלגער, וויליאַם גרין און מעטיו וואָל, די לעצטע יאָרן.

און דאָס אַלץ ניט געקוקט אויף דעם, וואָס גאָמפּערס האָט אין זיין קאַמף קעגן דעבס'ן און די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער ס. פּ. ניט געשאַנעוועט די ס. פּ. גופא! אין 1908, ווען דעבס, דער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט, איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד אין דעם „רעד ספּעשל" (רויטן צוג), און האָט מיט דער הילף פון אַזעלכע עלעמענטן ווי טאָם מוני פאַרשפּרייט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, האָט גאָמפּערס געפרעגט אין „אַמעריקן פעדערעישאָניסט":

„מען זאָגט, אַז דער צוג קאָסט $23,000 פאַרן קעמפּעין. וואָלטן מיר געוואָלט אַ פרעג טאָן ווער עס פינאַנסירט דעם סאָציאַליסטישן קעמ־פּעין?" . . . „פאַרוואָס ניט פאַרעפנטלעכן אַ ליסטע פון אייערע קעמפּעין־ביישטייערונגען, מר. דעבס? עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך ווער עס טראָגט צו די $23,000 פאַרן קעמפּעין־צוג. עס איז דאָ אַ שטאַרקער פאַרדאַכט אין די מוחות פון פיל מענטשן, אַז דאָס געלט פאַר־מאָגט די זעלביקע קוואַל־ענלעכקייט ווי די אַטאַקעס. אין אַנדערע ווערטער, אַז די אינטערעסן הינטער דער פּערי־פּאָוסט־וואַן־קליוו־טאַפט־דעבס אָפּאָ־זיציע צו די יוניאָנס טראָגן צו דאָס געלט פאַר יעדן צוויג פון דער קאַמ־פּאַניע, וואו מען קאָן דערוואַרטן צו טאָן דעם גרעסטן שאָדן די יוניאָנס און זייערע פּרוינט." *)

אָט־די געמיינע אַטאַקע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גיפטיקער און פינצטערער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געפירט די א. פ. אָוו ל. פערציק יאָר צייט, האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן דער פירערשאַפט פון דער ס. פּ. און די „סאָציאַליסטישע" יוניאָן־טוער פון דולדן גאָמ־

*) „אַמעריקן פעדערעישאָניסט", אָקטאָבער 1908.

פּערס'עם פּאָליטיק, אָדער גאָר גיין האַנט אין האַנט מיט אים. אַזוי, אַז מיט אַ יאָר שפּעטער איז דעבס געווען געצוואונגען צו דערקלערן:

„די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זוכט שוין צופיל צו געפעלן דער א. פ. און ל., און עס איז קיין ספק ניט, אַז עס וועט מוזן געמאַכט ווערן אַ סוף דערצו. . . . אויב מען וואָלט די „אָרומפּוצער" געלאָזט, וואָלטן מיר דעגענערירט אין בורזשואַזע רעפאָרמיסטן." *)

באַציאונג צו נעגערס און אימיגראַנטן

אָבער קיין סוף איז ניט געמאַכט געוואָרן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געטאָן אַלצדינג צוצופּאַסן זיך צו דער פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.

דאָ זיינען וויכטיק צוויי מאָמענטן: די באַציאונג צו דער נעגער־פראַגע און צו אימיגראַציע.

די באַציאונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו דער נעגער־פראַגע איז געווען — און איז — נאָר איין שטריך פון איר ווייסן שאָוויניזם און פון איר גאַנצן אַמעריקאַניש־אימפּעריאַליסטישן קוק אויף דער קאָלאָניאַלער פראַגע, פון די ערשטע טעג אירע ביז היינטיקן טאָג.

דער קוק האָט צוזאַמענגעפירט די פּאָליטיק פון דער פירערשאַפט פון דער ס. פּ. מיט דער ליניע פון גאָמפּערס, וואָל און גרין. פאַרמאָגט די ס. פּ. באַזונדערע ברענטשעס פאַר נעגערשע מיטגלידער. ווערן נעגערס ניט אַרויסגערוקט אין דער פירערשאַפט. מיר האָבן געזען ווי דער „לינקער" דעטראָיטער צוזאַמענפאָר האָט געהאַנדלט. אין „בעסטן" פאַל איז די באַציאונג צו די נעגערס אַ פילאַנטראָפּישע, אַ באַציאונג צו „אומגליקלעכע ברידער". פון אַרויסרוקן די נעגער־פראַגע, ווי אַ זאַך, וואָס פאָדערט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, איז קיין רייד ניט. די ס. פּ. איז קעגן דעם.

די ס. פּ. האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אָנטייל נעמען אין דעם קאַמף צו באַפרייען די סקלאַוון־באָרע אינגלעך — אַ שרייענדיקער אַקט, וואָס אילוסטרירט די באַציאונג פון דער ס. פּ. צו דער נעגער־פראַגע.

אָבער שרייענדיקער נאָך איז געווען די באַציאונג פון דער פירערשאַפט פון דער ס. פּ. צו דער אימיגראַציע־פראַגע — ווען מען וועט

*) פּאַין, „פאַרמער ענד לעיבאָר פּאַרטיס", ז. 297.

נעמען אין אכט, אז הילקוויט, בערגער, און אנדערע זיינען אליין געווען אימיגראַנטן!

אַט אויף ווי ווייט עס איז געגאַנגען די מיטאַרבעטערשאַפט מיט די גאָמפּערסעס!

הילקוויט האָט דערשטוינט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם (1904), ווען ער האָט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָ־לוציע פאַר באַגרענעצן די „צוריקגעשטאַנענע אימיגראַציע" קיין אַמעריקע. די באַטראַכטונג פון דער רעזאָלוציע איז אָפּגעלייגט געוואָרן, ווייל מען האָט דאָ געהאַט צו טאָן — באמת! — מיט אַ נייער זאַך. אָבער צום קאָנגרעס אין שטוטגאַרט (1907) האָט הילקוויט נאָכאַמאָל אַריינגע־בראַכט די רעזאָלוציע, אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי.*)

די רעזאָלוציע איז פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אָפּגעוואָרפן געוואָרן. האָט די פירערשאַפט פון דער ס. פּ. דערקלערט אַ מלחמה דעם אינטערנאַציאָנאַל. וויקטאָר בערגער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו שרייבן אין „סאָשיעל דעמאָקראַטיק העראָלד":

„מיר האָבן ווילקאָמען געהייסן זעקס מיליאָן אימיגראַנטן אין די לעצטע זעקס יאָר. די מערסטע פון זיי זיינען געווען סלאַוון, גריכן, איטאַליענער און רוסישע אידן. זיי זיינען אַלע פרעמד צו אונזער אַרט דענקען און אונזער אַרט לעבן. נאָר אַ משוגענער אָדער אַ שופט קאָן באַ־הויפּטן, אַז דאָס האָט ניט אַרונטערגעדריקט דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון דעם

---

*) אין דער בונדישער בראָשור „אימיגראַציע און עמיגראַציע" (פאַרלאַג „די וועלט", 1907) האָט דער פּאַרפעסער דערציילט, אַז הילקוויט'ס רעזאָלוציע וועגן אימיגראַציע איז אין שטוטגאַרט געווען די איינציקע, וואָס האָט קאָנ־קורירט מיט דער רעזאָלוציע פון „בונד" פאַר פרייע אימיגראַציע. דער פאַר־פאַסער באַמערקט: „אונז, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דער עמיגראַנטן־מאַסע נאָך אין דער היים, האָט ווי מיט אַ מעסער געשניטן די צעטיילונג אויף עמי־גראַנטן מיט אַ ריינעם געוויסן און מיט אַ ניט־ריינעם געוויסן".

דע־ליאָן דערציילט אין זיין „פלעשעס אָוו דהי אַמסטערדאַם קאָנגרעס" (נייע אויסגאַבע, ניו יאָרק, 1929), אַז די רעזאָלוציע צו באַגרענעצן די אימי־גראַציע פון „אַ ר ב ע ט ע ר פ ו ן צ ו ר י ק ג ע ש ט א נ ע נ ע ר א ס ן (כ י נ ע ז ע ר, נ ע ג ע ר, א ו ן א ז. וו.)" איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון צוויי האָלענדישע דעלעגאַטן, איין אויסטראַלישן און דריי אַמערי־קאַנישע: הילקוויט, לי, און שליטער (פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון דער געוועזענער „ניו יאָרקער פאָלקס־צייטונג").

„פונדעסטוועגן האָבן די אָרגאַניזירטע . . . אַמעריקאַנישן אַרבעטער." אַרבעטער עס דערלאָזן. אָבער אַלע אַרבעטער, אָרגאַניזירטע און אומאָרגאַניזירטע, וועלן ציען די גרענעץ קעגן אַזיאַטישע אימיגראַציע." *)

בערגער האָט דערקלערט דעם פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון דעם פּראָלעטאַריאַט — שרייבט י. א. הורוויטש, פון וועמענס ווערק מיר ברענגען די ציטאַטע, — ווי אַ „פּוסטע פראַזע פון אינטעליגענטן".

נאָכמער. בערגער איז געווען צופרידן מיט די פּאָגראָמען אויף יאַפּאַנעזער און כינעזער אין דעם שטאַט וואַשינגטאָן (אויפן פּאַסיפישן ברעג) און אין דער שכנות'דיקער בריטיש קאָלאָמביאַ, קאַנאַדע. בערגער האָט געשריבן:

„עס איז גוט, וואָס דיזע רויע ווערסטלעכע אַרבעטער האָבן אויף זייער אייגענעם אופן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און בריטיש קאָלאָמביאַ צו דער אַזיאַטישער פּראַגע. . . .
„דער קערן פון דער פראַגע איז, צי זאָלן די פאַראייניקטע שטאַטן בלייבן אַ ווייסע לאַנד אָדער זיי זאָלן באַזעצט ווערן פון אַ געלבלעך שוואַרצער ראַסע אָביסל פּאַרווייסט." **)

אויפן צוזאַמענפאָר אין 1908, אין שיקאַגאָ, האָבן זיך אַ מערהייט רעדנער אַרויסגעזאָגט קעגן „געלער" אימיגראַציע און קעגן אימיגראַציע בכלל. זייער שאַרף איז אַרויסגעטראָטן מאַקס העיז, וויצע־פּרעזיצער פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.***) אָבער די מורא פאַר די אידישע מאַסן אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ — און אידישע אַרבעטער האָבן אָנגעפילט די גאַלעריע פון זאַל און האָבן אַפּלאָדירט די רעדנער פאַר פרייע אימיגראַציע — האָט געצוואונגען דער פירערשאַפט צו באַשטימען אַ קאָמיסיע: 4 פון די וואָס האָבן גערעדט פאַר באַגרענעצן די אימיגראַציע און איינער וואָס האָט זיך אינגאַנצן ניט אַרויסגעזאָגט...

אויפן צוזאַמענפאָר אין 1910 האָט הילקוויט „געלייזט" די פראַגע מיט אַ קאָמפּראָמיס, וועלכער האָט גאָרניט געלייזט. הילקוויט האָט שוין

---

*) י. א. הורוויטש, שריפטן, באַנד 1, זייט 137. ניט האָבנדיק דעם אָריגינאַל פאַר זיך, לאָזן מיר איבער הורוויטש'עס שפּראַך אין דער איבערזעצונג.

**) דאָרט, זייט 138.

***) מאַקס העיז איז עטלעכע מאָל געווען אַ קאַנדידאַט קעגן גאָמפּערס'ן אויף די צוזאַמענפאָרן פון דער א. פ. אָוו ל. אין 1912 האָט ער געקראָגן 5,075 שטימען פאַר פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל. קעגן גאָמפּערס'עס 11,974.

אין 1908 געהאַט דערפילט אויף זיך דעם צאָרן פון די מאַסן אויף דער איסט סאַיד, אין ניו יאָרק. אין זיין וואַל־קאַמפּאַניע אַלס קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעס פון דעם דיסטריקט — און די קאַמפּאַניע איז געווען אַ באַ־זונדערס הייסע, מען האָט זיך געריכט הילקוויטן צו דערווייל\ן — האָט הילקוויט, צוליב זיין רעזאָלוציע אין שטוטגאַרט, פּ א ר ל אָ ר ן טויזנט שטימען אין פאַרגלייך מיט זיין שטימען־צאָל אין דעם דיסטריקט מיט צוויי יאָר פריער... די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען געצוואונגען הילקוויט'ן אינגאַנצן אַרויסצונעמען פון דעם דיסטריקט (און פון די ניו יאָרקער וואַלן בכלל, ביז 1916). אויף דער איסט סאַיד איז אַרויס־געשטעלט געוואָרן מאיר לאָנדאָן, וועלכער איז אין 1914 דערווייל\ט געוואָרן.

הילקוויט, וועלכער דערציילט אין זיינע מעמואַרן וועגן די גלעזלעך טיי ביי מאַדאַם לידיג, דערציילט, אַגב, גאָרניט וועגן אָט־דער וויכטיקער פאַזע אין זיין קאַריערע...

בערגער האָט אָבער וויניקער מורא געהאַט, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין שטאַט וויסקאָנסין (וואו מילוואָקי געפינט זיך) האָט אָנ־גענומען, אין 1910, אַ רעזאָלוציע קעגן „אַזיאַטישער אימיגראַציע". אין 1915 איז טשאַרלז עדוואַרד ראַסעל אויפגעטראָטן אין וואַשינגטאָן אין נאָמען פון דער ס. פּ. און אַרויסגעזאָגט זיך קעגן דעם „ליטעראַסי טעסט" (עקזאַמען אויף שרייבן און לייענען) און האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז פאַר באַגרענעצונגען בכלל איז ער יאָ. בערגער איז אָבער געווען אַפילו פאַרן „ליטעראַסי טעסט". אין זיין „מילוואָקי לידער" האָט ער דעם 30טן יאַנואַר 1915 אויסגעדריקט די שרעק פאַר אַ גרויסער אימיגראַציע נאָך דער מלחמה און האָט דערקלערט:

> „דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז ניט מחויב צו פאַר־זאָרגן מיט אַ היים די קרבנות פון דער מלחמה אין אייראָפּע."

אויב עס וואָלט ניט געווען קיין אַנדער זאַך אויף כאַראַקטעריזירן אָט דעם לאַנגיאָריקן פירער פון דער ס. פּ. און איר דעלעגאַט אויף אינטער־נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן, וואָלט זיין האַלטונג אין דער אימיגראַציע־פראַגע געווען גענוג. דאָס איז אָבער, ווי מיר האָבן געזען און ווי מיר וועלן ווייטער זען, נאָר איין בלימל פון אַ גאַנצן בוקעט.

ווי שוין געזאָגט, איז די שטעלונג פון דער ס. פּ. אין דער פראַגע געווען אַ טייל פון איר ווייסן שאָוויניזם, פון איר אימפּעריאַליסטישן קוק.

דירעקט, אוממיטלבאַר, האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל די פירערשאַפט פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, איר טיפע שנאה צו אימיגראַציע. מאַקס העיז האָט אויפן צוזאַמענפאָר אין 1908 אָפן אויסגעדריקט די שנאה. און די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן, יוניאָן־טוער, אויף די צוזאַמענפאָרן פון דער א. פ. אָוו ל., פלעגן שטימען — און שטימען עד היום — פאַר אַלע אימיגראַציע־באַגרענעצונגען. זיי האָבן זיך אפילו אויפגעהערט אויס־דרייען פון אָנטייל נעמען אין דער אָפּשטימונג. אפילו אַזעלכע אידישע אימיגראַנטן, ווי ב. שלעזינגער, פירער פון „פאָרווערטס", האָבן געשטימט אין 1915 פאַר אַלע באַגרענעצונגען, איינגעשלאָסן דעם „ליטעראַסי טעסט", קעגן וועלכן זייער אייגענע פּאַרטיי האָט כלומרשט פּראָטעסטירט...

דערפאַר האָט גאָמפּערס — אליין אויך אַ אידישער אימיגראַנט, פון לאָנדאָנער „וועיטשעפּל" — באַלד באַלוינט שלעזינגער'ן פאַר זיין קרבן און אים באַשטימט אלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס פון די ענגלישע יוניאָנס...

די פריינטשאַפט מיט גאָמפּערס'ן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. לויט די ווערטער פון דעבס'ן: די פירערשאַפט פון דער ס. פּ. האָט אַלץ מער דעגענערירט.

ווי מיר האָבן שוין געזען אויף זייט 36, האָט הילקוויט, אין זיין פריינטלעכער דיסקוסיע מיט גאָמפּערס'ן, אין 1914, פּשוט זיך אויס־געלאַכט פון דעבס'עס רייד. הילקוויט האָט דערקלערט, אַז דעבס פאַר־טרעט נ י ט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס גאָמפּערס האָט אין דער דיסקוסיע געזוכט צו פאַרטיידיקן זיין אָנטייל אין דער סיוויק פעדערעישאָן אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט שאַרף אַרויסגעשטעלט זיין קאָרופּט־אָפּאָרטוניסטישע „טעאָריע" („איך וועל אַפּעלירן אפילו צום טייוול און זיין שוויגער, כדי צו העלפן לעיבאָר", האָט גאָמפּערס געענטפערט הילקוויט'ן), דערציילט פונדעסטוועגן היל־קוויט, אַז ער האָט בשעת דער דאָזיקער דיסקוסיע געזוכט צו באַווייזן די קרובה'שאַפט צווישן דער ס. פּ. און דער א. פ. אָוו ל., אַז ביידע באַ־וועגונגען האָבן דעם זעלביקן „ענדגילטיקן סאָציאַלן צוועק, אָדער אידעאַל". און הילקוויט פירט אויס: „טעאָרעטיש איז די נאָענטע פאַרוואַנדשאַפט פון צילן און אינטערעסן צווישן דער סאָציאַליסטישער און טרעיד־יוניאָן באַוועגונג אויף אַזאַ אופן (דורך דער דיסקוסיע) נאָכאַמאָל שאַרף פעסטגעשטעלט געוואָרן." *)

---

*) הילקוויט, „לוז ליווס פראָם עי ביזי לאַיף", ז. 105.

ניט נאָר טעאָרעטיש — טאַקע פּאַקטיש. און הילקוויט אַליין איז געווען אַ מוסטער. הילקוויט (ווי וואַלדמאַן, סאַלאָמאָן, פּענקין און אַנדערע „סאָציאַליסטישע" אַדוואָקאַטן־פירער) איז געווען פאַרבונדן מיט די יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. אַלס אַדוואָקאַט, און זייער אַ הויך־באַצאָלטער אַדוואָקאַט. ער איז געווען דער „מאַרך־טראָסט" פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן (דאַמען־קליידער פּאַראיין). פאַר דער ליניע פון דער דאָזיקער יוניאָן, וועלכע שטייט אונטער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט און גייט געטריי אין די וועגן פון גרין און מעטיו וואָל, פאַר איר גאַנצער פּאָליטיק פון קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט, מיטאַרבעטערשאַפט מיטן נ.ר.א.־אַפּאַראַט, אויסשליסן לינקע מיטגלידער און גאַנצע לאָקאַלן און דזשאָינט באָארדס*), פאַר איר גענגסטעריזם און געפעלשטע וואַלן, — אַלץ לויט די „בעסטע" טראַדיציעס פון דער א. פ. אָוו ל. — טראָגט ער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע שטייען אין דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן.

מעטיו וואָל און די ס. פּ.

אויב מיט גאָמפּערס'ן זיינען די סאָציאַליסטישע פירער געשטאַנען נאָר אין קרובה'שאַפט, אָדער אין טיילווייזער שותפות (הילקוויט זאָגט אין זיינע מעמוארן, ז. 96: „פּערזענלעך האָב איך געטראָפן גאָמפּערס'ן ביי פיל און פאַרשיידנאַרטיקע געלעגנהייטן, אַמאָל ווי אַ קעגנער, מייסטנס ווי אַ פאַרבינדעטן."), געפינען זיי זיך מיט גאָמפּערס'עס גייסטיקן יורש, און פאָרשטייער פון דער א. פּ. אָוו ל. אין דער סיוויק פעדערעישאָן, מעטיו וואָל, אין אַ ברידערלעכן בונד.

מעטיו וואָל, איינער פון די ביטערסטע שוואַרץ־מאה'ניקעס אינם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן צו ראַטעווען די „סאָציאַליסטישע" פירערשאַפט אין די נאָדל־יוניאָנס, ספּעציעל אין פוטערוואַרג (פּאָר) פאַך, האָט מאָביליזירט די גאַנצע א. פ. אָוו ל. פירערשאַפט אין ניו יאָרק הינטער איר.

די פריינטשאַפט מיט מעטיו וואָל גייט אַזוי ווייט, אַז די ס. פּ. אין

---

*) זע באַמערקונגען צום סוף פון בוך.

ניו יאָרק האָט אים אין פעברואר 1934 איינגעלאַדן צוריידן אויף אירן א מיטינג צום שוץ פון דעם אויפשטאַנד אין עסטרייך...

אויף ווי ווייט די פירערשאַפט פון דער ס. פּ. איז איינגעשפּאַנט אין דעם רייטוואָגן פון דער א. פ. אָוו ל. האָט באַוויזן דער צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט. אין דער רעזאָלוציע וועגן דער נ.ר.א., וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, איז געווען אַזאַ פּאַראַגראַף, וואָס די רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגן:

„די נ.ר.א. האָט אויך אַרויסגעוויזן די פונדאַמענטאַלע שוואַכקייטן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. קלאָרער ווי וועלכע עס איז אַנדער פּאַסירונג, האָט זי אַרויסגעוויזן די אָפּגעלעבטע אידעאָלאָגיע פון דער א. פ. אָוו ל. די פּיל פאַלן, ווען די פירער האָבן געהייסן אַרבעטער ניט סטרייקן, אָדער אַפילו באַפוילן זיי צו גיין צוריק צו דער אַרבעט ניט געקוקט אויף דעם פאַרלאַנג פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט אַרבעטער צו סטרייקן, האָבן באַוויזן, אַז זיי האָבן אויפגעגעבן דעם גלויבן אין יוניאָנס אַלס קעמפנדיקע אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט באַוויזן, אַז די סטרוקטור פון דער א. פ. אָוו ל. איז ניט צוגעפּאַסט צו אָרגאַני־זאַציאָנעלער אַרבעט, און באַוויזן דעם פּאָזיטיוון שאָדן פון דער צעך (קרעפט) פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע.״ (**

איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע קריטיק איז געווען ו ו י י ט צ ו מ י ל ד אין פאַרגלייך מיט די פאַררעטערישע און אָפן־סטרייקברעכערישע מעשים פון דער א. פ. אָוו ל. פירערשאַפט, וועלכע האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר רוזוועלט'ן און זיין פּראָ־גראַם. אָבער דער „לינקער״ צוזאַמענפאָר האָט אויסגעשטראָכן דעם פאַראַגראַף פון דער רעזאָלוציע. „מיר זיינען אין דער זעלביקער שיף, וואָס די א. פ. אָוו ל.״ (די פירערשאַפט, הייסט עס), האָט דערקלערט איינער פון די רעדנער קעגן דעם פאַראַגראַף, ב. וולאַדעק. דער צוזאַמענ־פאָר האָט מיט אים מסכים געווען.

אָט־די ה א נ ד ל ו נ ג האָט אין דעטראָיט שאַרף אונטערשטראָכן דעם ווערט פון די „לינקע״ ר י י ד.

קאָרופּציע

לויט דער ליניע פון ב ר ו ד ע ר ש א פ ט מיט וויליאַם גרין און מעטיו וואָל האָט די ס. פּ. פרעסע ניט קריטיקירט די פאַררעטערישע

(** ציטירט פון דער אָפיציעלער קאָפּיע פון דער רעזאָלוציע, ווי זי איז אָנגענומען געוואָרן אין דער קאָמיסיע, מ י ט ן פאַראַגראַף.

האַנדלונגען פון די א. פ. אָוו ל. פירער בנוגע דעם גענעראַל־סטרייק אין סאַן פראַנציסקאָ, בנוגע דעם ניט דערלאָזן א סטרייק אין דער שטאָל־אינ־דוסטריע, בנוגע איר פאַרראַט פונם טעקסטיל־סטרייק און ענלעכע אַקטן.

די „ארומפוצער", וועגן וועלכע דעבס האָט גערעדט, האָבן טאַקע דעגענערירט אין בורזשואַזע רעפאָרמיסטן, ווי ער האָט געוואָרנט, אָבער בורזשואַזע רעפאָרמיסטן פון דעם טוניקעלערן קאַליר, ווייל אַפילו אין בורזשואַז־ליבעראַלע זשורנאַלן איז די א. פ. אָוו ל. פירערשאַפט אַטאַקירט געוואָרן פאַר אירע האַנדלונגען.

דאָ באַדאַרף מען נאָר צוגעבן, אַז ס'איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז די פּרינציפּן־קאָרופּציע פון דער א. פ. אָוו ל. אין דער ס. פּ. פירערשאַפט זאָל אויך אויסהאָדעווען ביי איר קאָרופּציע פון פאַרשיידענע אַנדערע סאָרטן. אַזוי האָט איינער פון די הויפּט־פירער פון דער ס. פּ. אין ניו יאָרק, דער אַדוואָקאַט טשאַרלז סאָלאָמאָן, אין יאַנואַר 1930 אָנגעגעבן אין געריכט פאַר אַן אינדזשאָנקשאָן (געריכטלעכער פאַרבאָט, באַפעל) קעגן דער אינדוסטריעלער שפּייז־אַרבעטער יוניאָן, וועלכע האָט אָנגעפירט א סטרייק ביי א געוויסן איזידאָר מילער אין בראָנקס, ניו יאָרק. אויפן גרונט פון דער געריכט־האַנדלונג איז פאַרבאָטן געוואָרן פּיקעטן (סאָלאָמאָן איז אַרויסגעטראָטן גלייכצייטיק אַלס אַדוואָקאַט פאַר דער רעכטער יוניאָן און פאַרן באַלעבאָס ביי וועמען דער סטרייק איז פאָרגעקומען). איין פּיקעט, סטיוו קאַטאָוויס, איז דערשאָסן געוואָרן פון דער פּאָליציי אויף טויט.*)

אַן אַנדער פירער פון דער פּאַרטיי און איר „אייביקער" קאַנדידאַט אין די וואַל־קאַמפּאַניעס, וויליאַם קאַרלין, איז פאַרמישט געווען אין א מסירה קעגן שווייצאַרישע אַרבעטער, זייגערמאַכער, ביי דער „בולאָווא וואַטש קאָמפּאַני", מיטן צוועק אַרויסצוקריגן ביי זיי געלט און זיי צו פּאַר'מסר'ן מען זאָל זיי אַרויסשיקן.**) אָבער די געשיכטע וועגן דער קאָרופּציע פון סאָציאַליסטישע פירער און באַאַמטע אין די יוניאָנס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט מען זאָל זיי דאָ נעמען אויסרעכענען. אומ־

---

*) איינצלהייטן פון דער געשיכטע, מיט דאָקומענטן־פאָטאָגראַפיעס פון די געריכט־פּאַפּירן — אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 6טן סעפּטעמבער 1933, ווען סאָלאָמאָן איז געווען אַ קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי פאַר מעיאָר פון ניו יאָרק.

**) איינצלהייטן פון דער געשיכטע, מיט דאָקומענטן־פאָטאָגראַפיעס — אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 22טן יולי, 1930.

קערנדיק זיך צו פּרינציפּן־קאָרופּציע וועט אפשר ווערט זיין צו רעגיסטרירן דעם פאָלגנדיקן פאַקט. אין אויגוסט 1934 האָט די מענער־שניידער יוניאָן (אמאַלגאַמעיטעד) פאַרלאַנגט פון דער ניו יאָרקער פּאָליציי, אַז יוניאָן־פאָרשטייער זאָלן באַזאָרגט ווערן מיט פּאָליציייאישע באַשטעטיקונגען, פּאַספּאָרטן, כדי עס זאָל זיין אויף זיי אַ קאָנטראָל. דער מאַסן־רעוואָלט קעגן אַזאַ זובאַטאָוו־אַקט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט און דעם פּלאַן געהאַלפן צונישט מאַכן. די אמאַלגאַמעיטעד געפינט זיך אונטער אַ פירערשאַפט וואָס איז סימפּאַטיש צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און צום טייל סאָציאַליסטיש. איינער פון די וויצע־פּרעזידענטן פון דער יוניאָן איז לעאָ קרזשיצקי, דער פּאַרזיצער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ניט ער און ניט די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָבן וועגן דעם אַקט עפּעס געזאָגט, — מיטן אויסנאַם פון „פאָרווערטס“, וועלכער האָט געזוכט אָפּצושלאָגן דעם געשריי קעגן דעם הויפּט פון דער אמאַלגאַמעיטעד, סידני הילמאַן, מיט אַטאַקעס אויף די קאָמוניסטן.

אָבער דאָ קומען מיר צו דער נ.ר.א.*)

---

*) זע באַמערקונגען צום סוף פון בוך.

2. די ס. פּ. און די נ. ר. א.

לעאָ קזשיצקי

הילמאַן און קזשיצקי פירן אונז דירעקט אריין אין דעם ענין נ.ר.א. און באַווייזן די באַציאונג פון דער ס. פּ. צו רוזוועלט'ס קורס.

אויפן צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט האָט קזשיצקי, אין זיין „שליסל־רעדע", דערקלערט, אַז די ס. פּ. האָט אָנערקענט „פון סאַמע אָנהויב, אַז די נ.ר.א. איז אַ קלאַסן־אינסטרומענט מיטן צוועק צו פאַרלאַטען און איינהיטן דעם קאַפּיטאַליזם". דערמיט האָט ער געוויזן אַ מוסטער פון די ר י י ד פון אַ סאָציאַליסטישן פירער, וועלכע זיינען פונקט דער היפוך פון מעשים!

קזשיצקי איז אַ וויצע־פּאָרזיצער אין דער אַמאַלגאַמעיטעד, וואו די „מאַשין" ווערט קאָנטראָלירט פון הילמאַנ'ען. הילמאַן איז אַ שרויף אין דעם נ.ר.א. אַפּאַראַט, אַ געטרייער רוזוועלט־מענטש. ווען די אָפיציעלע (פון רוזוועלט'ן באַשטימטע) קלאַרענס דאַראָו קאָמיסיע איז אין מאַי 1934 אַרויסגעקומען מיט קריטיק קעגן דער נ.ר.א., האָט דער אַפּאַראַט אַרויסגעשטעלט הילמאַנ'ען צו מאַכן דעם אָנפאַל אויף דער קאָמיסיע. אָט אַזוי, לויט קזשיצקי'ס אייגענע רייד, דינט הילמאַן דעם קלאַסן־אינסטרו־מענט פון קאַפּיטאַליזם. אָבער מיט אַ חודש פאַרן צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט, אין מאַי 1934, איז אין ראָטשעסטער פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון דער אַמאַלגאַמעיטעד. קזשיצקי איז דאָרט געווען. און ער, הילמאַנ'ס וויצע־פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמעיטעד און פאָרזיצער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט ג אָ ר נ י ט געהאַט צו זאָגן וועגן דער נ.ר.א., וועלכע איז אויפן צוזאַמענפאָר ג ע ל ו י ב ט געוואָרן, און האָט גאָרניט צו זאָגן וועגן הילמאַנ'ס מעשים...*)

אַזוי ווייט איז די דיסטאַנץ צווישן ווערטער און מעשים!

---

*) דער צוזאַמענפאָר איז באַגריסט געוואָרן (טעלעגראַפיש) פון אַ ריי גרויסע פאַבריקאַנטן.

אָבער עס איז פּשוט אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַז די ס.פּ. האָט פון אָנהויב אָן אָנערקענט אין דער נ.ר.א. אַ קלאַסן־אינסטרו־מענט אין די הענט פון קאַפּיטאַליזם. פּונקט פאַרקערט — די ס. פּ. האָט פון אָנהויב געהאָלפן דער נ.ר.א.

מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם באַזוך פון הילקוויט און נאָרמאַן טאָמאַס ביי רוזוועלט׳ן. וואָס זיי האָבן מיט אים גערעדט האָבן זיי ניט פאַרעפנטלעכט. אָבער די מעשים פון די צוויי הויפּט־פירער פון דער פּאַרטיי קאָנען אונז אפשר געבן אַ באַגריף וועגן דעם, — און די מעשים זיינען סוף כל סוף דאָס וויכטיקסטע. הילקוויט איז געווען דער עצה־געבער פון דער „אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" (דאַמען־קליידער פאַראיין) און די פירערשאַפט פון דער יוניאָן איז אוועק דינען דער נ.ר.א. מיט אַן ענטוזיאַזם, וואָס האָט אָפט איבער־געשטיגן הילמאַנ׳ען. צווישן דער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט פון דער יוניאָן און דעם הויפט פונם נ.ר.א.־אַפּאַראַט אין ניו יאָרק (אין 1933), גראָווער וועהילען, איז געווען אַזאַ רירנדיקע ברודערשאַפט, אַז דער דאָזיקער בלוטיקער שוואַרץ־מאה׳ניק, געוועזענער פּאָליצמייסטער פון ניו יאָרק און העלד פון די פאַבריצירטע „וועהילען־דאָקומענטן" קעגן דער סאָוועטישער האַנדלס־פּאַרטרעטונג („אַמטאָרג"), איז אין אָנהויב אָקטאָ־בער 1933 געבראַכט געוואָרן אויף אַ מיטינג פון נאָדל־אַרבעטער אין גרעסטן זאַל פון ניו יאָרק, מעדיסאָן סקווער גאַרדן, צוזאַמען מיט נאָרמאַן טאָמאַס. די פירערשאַפט האָט אָרגאַניזירט אַן אָוואַציע פאַר דעם דאָזיקן פאַשיסט און פאַרשטייער פון דער רוזוועלט־רעגירונג, וועלכער האָט אין דעם זעלביקן מאָמענט געהאָט פאַרבאָטן סטרייקס (ביי די שיך־אַרבעטער, מעבל־אַרבעטער) אין נאָמען פון דער נ.ר.א.!

„סטרייקס זיינען איצט ניט ראַטזאַם"

וואָס שייך טאָמאַס׳ן, וועמענס דערשיינען אויף דער פּלאַטפאָרמע צוזאַמען מיט וועהילענ׳ען עס איז כאַראַקטעריסטיש, האָט ער אין אַ רעדע אין דעם ניו יאָרקער אוניווערזיטעט אין אויגוסט 1933 דערקלערט: „אַמעריקע האָט געפונען אַ נייעם גלויבן און אַ נייע האָפענונג זינט די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע איז אַריין אין מאַכט." . . . „דער פּרעזידענט

האָט אויפגעטאָן וואונדער." . . . „מיר מוזן וואַרטן און זיך צוקוקן." „סטרייקס זיינען איצט ניט ראַטזאַם."*)

אין טשאַטאָקוואַ, ניו יאָרק, אויפן 16טן צוזאַמענפאָר פון דעם ליבעראַל־בורזשואַזן טשאַטאָקוואַ אינסטיטוט, האָט טאָמאַס דעם 19טן אויגוסט געזאָגט אין א רעדע, אז דעם 4טן מערץ 1933 (ווען רוזוועלט האָט איבערגענומען די מאַכט) איז אין אַמעריקע פאָרגעקומען א „רע־וואָלוציע".

„עס איז קיין פראַגע ניט", האָט טאָמאַס געזאָגט, „אַז די רעוואָלוציע האָט שוין אויפגעטאָן אַ סך זאַכן. זי האָט באַפעסטיקט די באַנק־סיסטעם, ווען זי איז שוין געווען אויפן ברעג פון רואינע, און האָט געגעבן האָפענונגען און אין אַ געוויסן זין בעסערע באַדינגונגען די אַרבעטער און פאַרמער." . . . „די אַלע זאַכן מוז אַ סאָציאַליסט זען און צוגעבן, אין דער זעלביקער צייט ווען ער דערקלערט, אַז די זאַכן זיינען ניט סאָציאַליזם, נאָר מלוכה־קאַפּיטאַליזם, כאָטש אַזאַ מלוכה־קאַפּיטאַליזם, וואָס איז אָן ספק באַאיינפלוסט פון סאָציאַליסטי־שער לערע און אַגיטאַציע." (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.) **)

דעם 10טן יוני (1933) האָט טאָמאַס געשריבן אין פּאַרטיי־אָרגאַן „ניו לידער": „די פּונקטן פון דעם (נ.ר.א.) ביל וועגן אַרבעטער־ענינים, ווי זיי זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין קאָנגרעס, אויב ווי געהעריק אויסגענוצט, וועלן געבן די אַרבעטער אַן אומגעהויער מעכטיק געווער פאַר פּראָגרעס אין דער ריכטונג פון אמת'ן סאָציאַליזם" (אונטערגעשטראָכן פון מיר).

אזוי וואָלט מען געקאָנט ברענגען ציטאַטן אויף ציטאַטן פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע און פון די רעדעס פון די סאָציאַליסטישע פירער און — דער עיקר — פון די מעשים פון די פירער (פון דעם וואָס זיי האָבן ניט געטאָן די נ.ר.א. צו באַקעמפן און פון דעם וואָס זיי האָבן געטאָן זי צו העלפן), אַז די ס. פּ. איז געשטאַנען אין דינסט פון דער נ.ר.א. און האָט געהאָלפן זייען אילוזיעס צווישן די אַרבעטער בנוגע אָט־דעם קלאַסן־אינסטרומענט פון קאַפּיטאַליזם. דערמיט האָט זי געהאָלפן דעם קאַפּיטאַליזם און רוזוועלט'ן צו באַנוצן דעם דאָזיקן אינ־סטרומענט.

*) „ניו יאָרק טריביון", אויגוסט 8, 1933.
**) „טאַימס", 20טן אויגוסט, 1933, ז. 23.

די ס. פּ. האָט אויך געהאָלפן פאַרפירן די אַרבעטער אין אייראָפּע וועגן דער נ.ר.א. און רוזוועלט'ן. אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער קאָנפערענץ אין פּאַריז, אין אויגוסט 1933, האָט דער דעלעגאַט דזשעיקאָב פּענקין געזאָגט:

„פּריוואַט־קאַפּיטאַל גיט זיך אונטער אונטער רעגולאַציעס. אין מײַן לאַנד וואַרפט ער זיך אונטער רעגולאַציעס ניט ווילנדיק. ער קאָן ניט ביישטיין די קראַפט פון עקאָנאָמישע אומשטענדן.”

„. . . דער צוועק פונם נעשאָנאַל אינדאָסטריעל ריקאָוועריע אַקט איז געווען צו אויסשפּרייטן די אַרבעט, צו באַשאַפן אַ גרעסערע קויפ־קראַפט.”

און פּענקין רעכנט אויס די גוטע זאַכן, וואָס די נ.ר.א. האָט שוין אויפגעטאָן: אָפּגעשאַפט קינדער־אַרבעט, צווינגט צו אָרגאַניזירן די אַר־בעטער אויף אַן אינדוסטריעלער באַזע, און האָט אויסגעפירט:

„דער אַרבעטער־קלאַס פון אַמעריקע האָט געקראָגן אַ גאַנץ באַשטימטן געווינס, ווייל ער (דער נ.ר.א. אַקט) וועט אָן צווייפל, ווי איך האָב אייך שוין אָנגעוויזן, צווינגען די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג צו בייטן אירע מעטאָדן. הונדערטער טויזנטער אַרבעטער זיינען צוגעקומען צו דער מיטגלידערשאַפט פון אָרגאַניזירטער אַרבעט.” *)

דאָס זיינען גאָר אַנדערע ווערטער, ווי די וואָס קזשיצקי האָט גע־זאָגט (אַז די ס. פּ. האָט פון סאַמע אָנהויב אָנערקענט, אַז די נ.ר.א. איז אַ קלאַסן־אינסטרומענט צו פאַרלאַטן און פאַרהיטן דעם קאַפּיטאַליזם). דאָ רעדט זיך אַלץ וועגן *געווינסן* פון די אַרבעטער, *גאָרניט* וועגן הויכע פּרייזן אויף לעבנסמיטל, קאָמפּאַני־יוניאָנס, פאַרבאָטן קעגן סטרייקס, און ווי אַ מיטל צו מאַכן העכערע פּראָפיטן. דער קאַפּיטאַליס־טישער אינסטרומענט קוקט דאָ אויס ווי אַן אינסטרומענט *קעגן* קאַפּי־טאַליזם! פּריוואַט־קאַפּיטאַל איז געצוואונגען צו לאָזן זיך „רעגולירן”!

צוליב דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער ס. פּ. פּרעסע און ס. פּ. פירער,

---

*) אָפיציעלער באַריכט, אויסגאַבע פון נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער ס. פּ. (מימעאָגראַפירט), זז. 5־6.

אַז די נ.ר.א. איז אַ „שטיק סאָציאַליזם" *) איז דער דעטראָיטער צוזאַמענ־פאָר געווען געצוואונגען צו אָנהויבן זיין רעזאָלוציע וועגן דער נ.ר.א.: „די נ.ר.א. איז נ י ט קיין טראָט צום סאָציאַליזם." דערמיט, אונטער־שטרייכנדיק דעם „ניט", האָט מען געוואָלט אָפּשלאָגן די רייד פון די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די נ.ר.א. איז יאָ אַ טראָט צום סאָציאַליזם... דער אָ פּ ע נ ע ר באַנקראָט פון דער נ.ר.א., די אָנער־קענונג פון אַזעלכע קליינבירגער ווי קלאַרענס דאַראָו, אַז די נ.ר.א. איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון גרויס־קאַפּיטאַל, די כוואַליע סטרייקס קעגן דער נ.ר.א., האָבן ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן דער ס. פּ. פירערשאַפט צו „אָנערקענען", א. אַז. וו. אָבער די סאָציאַליסטישע פירער אין די יוניאָנס הערן ניט אויף צו גיין מיט דער נ.ר.א., זיינען נאָך אַלץ אַ טייל פון נ.ר.א.־אַפּאַראַט, און גייען האַנט אין האַנט מיט די הויפּט־פירער פון נ.ר.א.־אַפּאַראַט, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן פאָרזיצער פון דער ס. פּ., לעאָ קזשיצקי.

*) אב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס", האָט אויפן דער־מאָנטן מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן אויסגערופן, אַז רוזוועלט וואָלט געקאָנט ווערן אַ פול־באַרעכטיקטער מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער „פאָרווערטס" האָט זיך ממש צעריסן לויבנדיק די נ.ר.א. ווי אַן אַקט קעגן די באַלעבאַטים, קעגן גרויס־קאַפּיטאַל (זע קאַפּיטל וועגן „פאָרווערטס"). דער „מילוואָקי לידער", איינציקע סאָציאַליסטישע טעגלעכע צייטונג אויף ענגליש אין אַמעריקע, האָט אין אויגוסט (1933) טעגלעך געדרוקט אויף דער ערשטער זייט פּאַטריאָטישע קאַרטונס וועגן דער נ.ר.א. איין קאַרטון, למשל, האָט גע־שילדערט ווי אָנקל סעם זאָגט דעם שטאָל־אַרבעטער, אָנווייזנדיק אויפן שטאָל־מאַגנאַט: „ער וועט זיין דיין נייער שותף"...

3. די ס. פּ. און מלחמה

די מלחמה מיט שפּאַניע

די מלחמה מיט שפּאַניע אין 1898 איז געווען אַ פּרוביר־שטיין פאַר די עלעמענטן, וואָס האָבן געשאַפן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. פון דעם יאָר אָן ציט זיך דער פאָדים ביז 1917, ווען די זעלביקע עלעמענטן האָבן פאַרראָטן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, און די גאַנצע פּאַרטיי־פירערשאַפט האָט פון דער סט. לואיסער רעזאָלוציע געמאַכט אַ שטיקל שמאַטע־פּאַפּיר. און 1898 און 1917 זאָגן אונז פּאָראויס ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט האַנדלען אין דער קומענדיקער מלחמה — ווידעראַמאָל, ניט געקוקט אויף ו ו ע ר ט ע ר קעגן מלחמה.

די ניו יאָרקער סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען אין 1898 געווען אַ טייל פון דעבס'עס „סאָשיעל דעמאָקראַסי", זיינען אריין אין דער מלחמה צו „באַפרייען קובאַ" מיט לייב און לעבן. דער געלער צייטונג־מאַגנאַט וויליאַם ראַנדאָלף הורסט האָט געשיקט קיין האַוואַנאַ דעם קינסטלער רעמינגטאָן און האָט שפּעטער טעלעגראַפירט אים די קלאַסישע טעלעגראַמע: „דו שיק די בילדער און איך וועל צושטעלן די מלחמה." דער אנדערער געלער צייטונג־ארויסגעבער, דזשאָזעף פּוליצער, האָט געזוכט צו איבערשטייגן הורסט'ן אין „שרעקלעכע" בילדער פון קובאַ. אַ בלוטיקער אימפּעריאַליסטישער פאַרכאַפּונגס־צוג צו ד ע ר ש ט י ק ן די פרייהייט פון קובאַ, וואָס די קובאַנישע מאַסן האָבן שוין געהאַלטן ביים געווינען אין זייער לאַנגיאָריקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן שפּאַניע, איז פאַרדעקט געוואָרן מיטן לאָזונג: „באַפרייען קובאַ".

מיט דעם לאָזונג האָבן די סאָציאַליסטן מאַרשירט אין ניו יאָרק דעם ערשטן מאַי 1898.

די דעמאָנסטראַציע פון דער ס. ל. פּ. איז געווען פאַרבאָטן. דער „פאָרווערטס", אָרגאַן פון דער „סאָשיעל דעמאָקראַסי", האָט אויף זיין שטייגער געמאַכט קולות וועגן דער הייליקער מלחמה מיט שפּאַניע, דאָס „אינקוויזיציע־לאַנד". דע־ליאָנ'ען האָט דער „פאָרווערטס" גערופן: „דער שפּאַניער הקדוש"...

דעבס איז געווען ק ע ג ן דער מלחמה. זיין רעוואָלוציאָנערע אינטואיציע האָט אים שוין דעמאָלט אונטערגעזאָגט ווי צו האַנדלען. אָבער די „סאָשיעל דעמאָקראַסי", וועלכע איז געווען א מיש־מאַש פון פאַרשיידענע עלעמענטן, האָט ניט רעאַגירט אויף דער האַנדלונג פון די ניו יאָרקער סאָציאַליסטן. פּונקט אַזוי האָט דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער ס. פּ. אין 1901 ניט גערעדט וועגן 1898 און ניט וועגן קאַמף קעגן מלחמה בכלל. אויך ניט וועגן אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם. עס האָט ניט עקזיסטירט פאַר דער ס. פּ. אַזאַ זאַך, ווי עס האָט ניט עקזיסטירט די קאָלאָניאַלע פראַגע, די נאַציאָנאַלע פראַגע, די נעגער־פראַגע.

אָבער דאָס יאָר 1898, צוזאַמען מיט דער „נייטראַליטעט" צום אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, איז פאַר דער פירערשאַפט פון דער ס. פּ. געווען א שפּרינג־ברעט פאַר איר שטעלונג צו דער מלחמה אין 1917.

כאָטש דאָס מאָל האָבן שוין קיין ו ו ע ר ט ע ר ניט געפעלט!

מאָרים הילקוויט פרעגט אין זיינע מעמוארן: פון וואַנען האָט זיך עס גענומען, וואָס די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון די מלחמה־לענדער אין איירָאָפּע האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פון זייערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען? ער ענטפערט:

„ניט געקוקט דערויף וואָס א סך יאָרן זיינען שוין אַוועק זינט די שיקזאַל־פולע אויגוסט טעג פון 1914, פיל איך, אַז די צייט איז נאָך ניט רייף פאַר א קאַלטבלוטיקער אָפּשאַצונג פון דער דערשטוינענדיקער דער־שיינונג." *)

מיט 20 יאָר שפּעטער, נאָך אַזויפיל אַנטוויקלונגען, נאָך אַלץ וואָס איז גערעדט און געשריבן געוואָרן, האָט דער פּאָרזיצער פון דער סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע און מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָ־נאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, נאָך ניט געקאָנט אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דער האַנדלונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע מלחמה־לענדער!

הילקוויט האָט אין שטוטגאַרט און קאָפּענהאַגען געשטימט פאַר אַנטי־מלחמה רעזאָלוציעס. הילקוויט האָט איינגעשטימט מיט דער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע פון דעם באַזעלער ספּעציעלן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנ־גרעס אין 1912. הילקוויט האָט געהאָלפן פאָרמולירן די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע פון דער ס. פּ. אין סט. לואיס, אין 1917. מיט פיר יאָר

*) הילקוויט, „לוז ליווס פראָם עי בוזי לאַיף", ז. 146.

שפּעטער האָט ער אַזש „גערואַלט" אַריינטרעטן אין דריטן אינטערנאַציאָ־נאַל. און אין 1934 האָט ער ניט געקאָנט אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם ווי די שיידעמאַנס און נעדס און האַינדמאַנס און פּלעכאַנאָווס האָבן געהאַנדלט!

און ניט אומזיסט. ווייל הילקוויט, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פירער־שאַפט פון דער ס. פּ., איז אַליין געזעסן אויף דער באַנק פון די באַ־שולדיקטע.

הילקוויט שטעלט באמת צו אַ שרייענדיקן ביישפּיל פון דער ה אַ נ ד ל ו נ ג פון אַן אָפּאָרטוניסטישן פירער, ניט געקוקט אויף אַלע דעקלאַראַציעס וואָס אַזאַ פירער נעמט אָן אָדער איז אפילו אַליין גע־צוואונגען צו אָנשרייבן.

הילקוויט: „סאָציאַליסטן וועלן ניט שטערן"

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל („דער קראַך פון דער ס. פּ. אין 1919") האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אויף די סיבות, וואָס האָבן געגעבן פיל פירער פון דער ס. פּ. אין אַמעריקע אַ מעגלעכקייט אויסצודרייען זיך פון צו נעמען — פּאַקטיש! — אַ שטעלונג אין 1914. צווישן זיי—הילקוויט, דער אָנערקענטער וואָרט־זאָגער פון דער פּאַרטיי. אָבער אין 1917 האָט ער ג ע מ ו ז ט לאָזן וויסן דער בורזשואַזיע, וואָס די פּאַרטיי וועט טאָן. האָט ער זונטאָג, דעם 11טן פעברואַר, געלאָזט אָפּדרוקן אויף אַ גאַנצער זייט פון דער זשורנאַל (מעגעזין) ביילאַגע פון דער „ניו יאָרק טאַימס" אַן אינטערוויו (מיט זיין בילד), וואו ער האָט דערקלערט:

> „דער סאָציאַליזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועט ניט שטערן דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן דורך סטרייקס. אויב די אַרמייען וועלן מאָביליזירט ווערן דורך „קאָנסקריפּשאָן" (צוואַנג־דינסט) וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, דאַרפן דינען, ווי אַנדערע בירגער. איך גלויב ניט, אַז די סאָציאַליסטן וועלן פריידיקן וועלכן עס איז גענעראַלן אינדוסטריעלן סטרייק צו שטערן דאָס לאַנד אין זיינע מלחמה־צוגרייטונ־גען און איך גלויב ניט, אַז עס וועט זיין אַזאַ סטרייק."

קלאָרע ווערטער. דער פירער פון דער ס. פּ. האָט דאָ אַרויסגעגעבן

> א ו ו ע ק ס ל דער בורזשואַזיע: איר קאָנט גרייטן די מלחמה — מיר וועלן שיקן די אַרבעטער צום פראָנט!

„בעסער" — פאַר דער בורזשואַזיע — וואָלט עס שיידעמאַן ניט געקאָנט מאַכן!

הילקוויט האָט דאָ פאָרגעזעצט אַ ל י נ י ע פון דער ס. פּ. און פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. אין 1910, אויפן אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען, איז פון דער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע אַרויסגענומען געוואָרן דער פּאַראַגראַף וועגן גענעראַל־סטרייק. אַזוי האָט באַשטאַנען די דייטשע דעלעגאַציע, וועלכע איז געווען די הערשנדיקע אויפן קאָנגרעס. וויקטאָר בערגער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט הילקוויט'ן געטיילט די פירערשאַפט פון דער ס. פּ., האָט אונטערשטיצט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.*)

הילקוויט האָט אויסגעדריקט אַ ליניע פון דער פּאַרטיי־פירערשאַפט.

ניט פון די מיטגלידער. מיר האָבן געזען ווי זיי האָבן געקעמפט קעגן מלחמה און געצוואונגען הילקוויט'ן אַריינטראָגן אויפן צוזאַמענפאָר אין סט. לואיס די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע. אָבער, בשעת אין סט. לואיס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די דעלעגאַטן, האָט וויקטאָר בערגער אָפּ־געדרוקט אין זיין „מילוואָקי לידער", אין דעם טאָג ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן דערקלערט דייטשלאַנד מלחמה (6טן אַפּריל, 1917) דאָס פאָלגנדיקע:

„איצט, אַז די מלחמה איז דאָ, בלייבט פאַר זיי (די אַרבעטער) צו טאָן אַלץ אין זייערע כוחות צו פאַרהיטן זייער רעכט און די אינטערעסן פון פאָלק.

„די סאָציאַליסטן זיינען לאָיאַל היינט! לאָיאַל זיינען זיי אַלע מאָל געווען און לאָיאַל וועלן זיי פאַרבלייבן."

מיר האָבן שוין געזען, ווי הילקוויט האָט געהאַנדלט מיט ווערטער און דעקלאַראַציעס. אויב אָבער פון זיין דערקלערונג אין „טאַימס" ביז דער סט. לואיסער רעזאָלוציע איז אַוועק „גאַנצע" צוויי חדשים, האָט עס בערגער געמאַכט נאָך „בעסער": א י ן ד ע ר ז ע ל ב י ק ע ר צ י י ט וואָס זיין צייטונג אין מילוואָקי האָט אַזוי געשריבן, איז ער אין סט. לואיס געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע וועגן מלחמה און מיליטאַריזם און ער האָט אויפן צוזאַמענפאָר געשטימט פאַר דער רע־זאָלוציע!

אַזאַ מין אויסלאַכן זיך פון דעקלאַראַציעס, אַזאַ מין אָפּנאַרן די

---

*) ביל העיוואוד, וועלכער גיט איבער דעם עפּיזאָד אין זיין בוך (ז. 233), דערציילט, אַז ער האָט אויפן קאָנגרעס געפרעגט בערגער'ן פאַר וועמען ער רעדט, פאַר די אַמעריקאַנישע אָדער פאַר די דייטשע אַרבעטער. „ער וואָלט מיט אַן אמת געקאָנט ענטפערן: „פאַר קיינעם פון זיי ניט", באַמערקט העיוואוד.

מיטגלידער, ווי דאָס האָט באַוויזן די פּירערשאַפט פון דער אַמעריקאַנישער ס. פּ., האָבן אַפילו די שיידעמאַנס און נאָסקעס ניט באַוויזן! יענע האָבן עס געמאַכט אָפּענער.

די הילקוויטס און בערגערס האָבן „אָנגענומען" דעם ווילן פון די מיטגלידער אין סט. לואיס כדי זיי צו פאַרראַטן. זיי איז אַפילו ניט איינ־געפאַלן אָפּצוהיטן די רעזאָלוציע. די וויכטיקסטע מאַסן־צייטונגען פון דער פּאַרטיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמה. פון „פאָרווערטס" איז שוין אָפּגערעדט (זע ווייטער, אין ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן „פאָר־ווערטס"). די ברייט־פאַרשפּרייטע וואָכנבלאַט פון דער פּאַרטיי אין דער וועסט, „אַפּיל טו ריזאָן" (מיט אַ טיראַזש פון אַ האַלבן מיליאָן), אָנ־געפירט פון דעם פּרעזידענט־קאַנדידאַט אַלאַן ל. בענסאָן — וועלכער איז געווען אַ קאַנדידאַט אויף אַ פּרידנס־פּלאַטפאָרמע, ווי ווילסאָן — האָט געביטן דעם נאָמען אויף „דהי ניו אַפּיל" און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמה.*)

קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, אויס מורא פאַר די וויילער פון זיין דיסטריקט, וועלכע זיינען געווען שאַרף קעגן מלחמה, האָט צום אָנהויב אויסגעמידן צו נעמען אַ שטעלונג אין קאָנגרעס, אָבער דעם 12טן אַפּריל 1918 האָט ער דערקלערט:

> „אויב די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צום פאָלק פאַר אַ הלואה, וואָלט דער שונא ניט געהאַט קיין בעסערע הילף ווען מען זאָגט זיך אָפּ די הלואה צו שטיצן."

אין קאַמף קעגן „קאַיזעריזם"

דאָס איז געווען אַ שלעכטער אַדוואָקאַטישער פאַרזוך צו פאַרשטעלן אַן אָפּענע שטיצע פון דער מלחמה־הלואה. דערפאַר האָבן די סאָציאַ־

*) אויף וויפיל די ווילסאָן־רעגירונג האָט אָפּגעשאַצט די שטעלונג פון די ס. פּ. פּירער זאָגט עדות דאָס פאָלגענדע. הילקוויט דערציילט אין זיין בוך („לוז ליווס פראָם עי ביזי לאַיף"), אַז ווען ווילסאָנ'ס אויסערן־מיניסטער, לאַנסינג, האָט אין 1917 אָפּגזאָגט זיך צו געבן אים אַ וויזע אויף צו פאָרן קיין סטאָקהאָלם אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ, האָט ער (לאַנסינג) דערקלערט, אַז זיין אַקט איז „ניט קיין אָנדייטונג אויף דער אויפריכטיקייט פון די סאָציאַליסטן דאָ אין לאַנד", נאָר ער קאָן ניט פאַר־ביגיין דעם געזעץ. (ז. 157.)

ליסטישע אָלדערמען אין ניו יאָרק, וועלכע זיינען דערוויילט געוואָרן אויף דער כוואַליע, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן, אָפּן געשטיצט די הלוואה. אין אויגוסט פון דעם יאָר (1918) איז שוין די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי אַרויסגעקומען מיט אַזאַ דערקלערונג:

„אונזער רעקאָרד פון קעגנערשאַפט צום דייטשן קאַיזער איז געווען אויסגעהאַלטן, כסדר'דיק און איינפאָרמיק פאַר דער מלחמה. זי וועט פאָרגעזעצט ווערן ביז דער קאַיזער וועט זיין אַן אָראָפּגעזעצטער פון טראָן. מיר וועלן אַטאַקירן די אינסטיטוציעס פון קאַיזערים אַלץ איינס וואו זיי זאָלן זיך ניט באַווייזן, ביז זיי וועלן אָפּגעווישט ווערן פון דעם פּנים פון דער ערד.” **)

פאַרשטייט זיך, אַז די דערקלערונג איז געמאַכט געוואָרן מיטן צוועק צו שטיצן די מלחמה קעגן „קאַיזעריזם”. פאַרשטייט זיך אויך, אַז דאָס איז געווען פולשטענדיק אין קעגנזאַץ צו דער סט. לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע, וועלכע האָט גוטגעהייסן נאָר איין מלחמה, די מלחמה „פון דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט צו באַפרייען זיך פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע” און האָט בפירוש געוואָרנט „קעגן דעם חוזק און דער פאַרבלענדעניש פון די אַזוי־גערופענע פאַרטיידיקונגס־מלחמות.” פאַרשטייט זיך אויך, אַז מאיר לאָנדאָן און די אַנדערע זיינען ניט אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר זייערע האַנדלונגען, ווי דער רעפערענדום פון 1915 האָט באַשלאָסן. (זע זייט 40.)

די פירערשאַפט האָט אויף טריט און שריט געטראָטן אויף דער סט. לואיסער רעזאָלוציע. נאָר דער לינקער פליגל, די רוטענבערגס, האָבן געקעמפט אין גייסט פון סט. לואיס. נאָר דער רעוואָלוציאָנער דעבס איז געווען צווישן די הויפּט־פירער, וואָס האָבן דעם קאַמף געפירט. דעבס האָט אין זיין רעדע אין קענטאָן, אָהאַיאָ, מוטיק זיך אַרויסגעזאָגט פאַר די חברים רוטענבערג, וואַגענקנעכט, פאַסטאָר סטאָוקס, און אַנדערע, וועלכע זיינען שוין געווען אַרעסטירט פאַר זייער מלחמה־טעטיקייט, און ער איז פאַר דער רעדע טאַקע פאַר'משפט געוואָרן אויף צען יאָר טורמע. עס איז באַקאַנט די דערקלערונג, וואָס דעבס האָט פריער געמאַכט וועגן מלחמה:

„איך בין קעגן יעדער מלחמה אויסער איינער. פאַר דער איין מלחמה בין איך מיט לייב און לעבן, און דאָס איז די אַלוועלטלעכע מלחמה פאַר

**) ציטירט לויט פאַינ'ס „לעיבאָר ענד פאַרמער פּאַרטיס”, פאַרלאַג רענד סקול, ז. 321.

דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין יענער מלחמה בין איך גרייט צו קעמפן אויף יעדן מעגלעכן אופן וואָס דער הערשנדיקער קלאַס וועט נויטיק מאַכן צו קעמפן — אַפילו אויף די באַריקאַדן."

דעבס האָט אָבער ניט געפירט די פּאַרטיי. ניט ער האָט געגעבן די ליניע. ווען די הילקוויטס און בערגערס האָבן עס באַדאַרפט — האָבן זיי זיך געפּוצט אין דעבס'עס פעדערן. ווען זיי האָבן זיך ניט געקאָנט העלפן — האָבן זיי אַרויסגעשטעלט דעבס'ן פאַר פּרעזידענט. די פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי איז געלעגן אין זייערע הענט.

צוליב דעם וואָס דעבס איז אין 1920 געזעסן אין דער אַטלאַנטאַ־טורמע, פאַר זיין אַנטי־מלחמה רעדע אין קענטאָן, אָהאַיאָ (12טן יוני, 1918), איז ער געווען דער נאַטירלעכער קאַנדידאַט אין דעם יאָר. און ער האָט ווידער אויפגעהויבן די שטימען־צאָל פון דער ס. פּ. ביז קאַרגע 920 טויזנט. אין דעם יאָר איז מאיר לאָנדאָן ווידער דערוויילט געוואָרן אין קאָנגרעס (אין די קאָנגרעס־וואַלן פון נאָוועמבער 1918 איז ער דורכגעפאַלן, און זיין מלחמה־רעקאָרד אין קאָנגרעס האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל). אָבער די פּאַרטיי איז שוין געווען אַ צעשמעטערטע, צוליב איר רעקאָרד, ווי מיר האָבן געזען.

אויס געטריישאַפט צו אירע רעפאָרמיסטישע און סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פּרינציפּן איז די פירערשאַפט גרייט געווען — ווי מיר האָבן געזען — צו גיין קעגן דער מערהייט און די פּאַרטיי צו צעשמעטערן. אָט די פּרינציפּן איז זי געבליבן געטריי ביזן היינטיקן טאָג. אָבער איצט זאָגט זי פאָר־אויס, אַז זי וועט הייסן די אַרבעטער גיין אין מלחמה. ניט מיט צוויי חדשים פריער, ווי הילקוויט האָט עס געטאָן אין 1917, נאָר באַ־צייטנס געענוג אויף אַריינטראָגן אימפּעט אין די מיליטערישע צוגרייטונגען לאַנג פאַר דער מלחמה.

אין מאַי 1931 איז דער „פּאַציפיסט" נאָרמאַן טאָמאַס אַרויסגע־טראָטן אין וואַשינגטאָן אויפן פאַרהער פון דער „וואָר פּאַליסיס קאָמי־שאָן" (קאָמיסיע וועגן מלחמה־פּאָליטיק). ער האָט דערקלערט:

„איך וויל גראַטולירן די קאָמיסיע און דאָס לאַנד צוליב דעם וואָס עס ווערט אַלץ מער רייף די איבערצייגונג — כאָטש זי איז נאָך עטוואָס מטושטש — אַז ווען עס וועט קומען צו אַן אמת'ן נויט־פאַל, ווי אַ מלחמה, וועט די פיל־געבענטשטע פּראָפיט־סיסטעם ניט אַרבעטן אָן אַן אומ־געהויערער מאָס קאָנטראָל. ווי אַ סאָציאַליסט בין איך צופרידן, פּונקט

ווי איך בין צופרידן פונם ביישפּיל פון דער לעצטער מלחמה, אַז גע־פּלאַנעוועטע פּראָדוקציע איז אַבסאָלוט וועזנטלעך.

„... אין אַנדערע ווערטער, מיין איינציקער אינטערעס אין דעם פּאַר־הער באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל דערזען באַשיינפּערלעך, אַז אַ נייע וועלט־מלחמה וועט ניט נאָר זיין אַזוי טויטלעך, נאָר אַז זי זאָל זיך אויך אַזוי ניט לוינען, אַז עס זאָל זיין שווערער איר צושטאַנד־צוברענגען.

„... אויב איך האָב מיין פּריוואַט לאַ־גוואַרדיאַ ריכטיק פאַרשטאַנען, איז ער פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלן אַמענדמענט, וואָס זאָל אונז דערלויבן איבערנעמען אַלצדינג אין צייט פון מלחמה. ווען מיר זאָלן זיין אויפן שוועל פון מלחמה וואָלט איך מסתמא געווען דערפאַר, אָבער איך האָב ניט קיין גרויסן ענטוזיאַזם פאַר דעם. איך מיין, אַז אונטער די אומ־שטענדן וואָלט זיך באַקומען אַ פאַשיסטישע מלוכה." *)

נאָרמאַן טאָמאַס לאָזט ווייסן אַפריער, אַז ע ר ו ו ע ט ז י ך נ י ט ש ט ע ל ן ק ע ג ן מ ל ח מ ה. ער האָט ניט גענוג „ענטוזי־אַזם", זאָגט ער, אָבער ער וועט זיין פ אַ ר די אַלע נאַציאָנאַליזאַציע־מיטלען, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן, כדי צו פירן די מלחמה בעסער, כ אָ ט ש דאָס וואָלט געווען פאַשיזם!

אַלץ וואָס אים האָט אינטערעסירט אויפן פאַרהער איז ניט דער קאַמף קעגן מלחמה גופא, ניט די וואָרנונג פון די אַרבעטער קעגן מלחמה, נאָר די נאַציאָנאַליזאַציע־מיטלען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם וועט אַליין אָנ־נעמען — כדי, פאַרשטייט זיך, צו פירן די מלחמה בעסער!

ניט אומזיסט האָט הואווער'ס דעמאָלטיקער קריגס־מיניסטער, דער טיפּישער פאַשיסט הורלי, אים געזאָגט:

„איך וויל אייך באַדאַנקען, מר. טאָמאַס, פאַר די אָנשויאונגען וואָס איר האָט דאָ אַרויסגעזאָגט."

און טאָמאַס איז עס אין דעטראָיט, ווי הילקוויט אין סט. לואיס, געווען דער טשעמפּיאָן פון אַ רעזאָלוציע וועגן קאַמף קעגן מלחמה — „ניט א י צ ט". און דעם 16טן יוני, מיט קאַרגע צוויי וואָכן נאָך דעם צוזאַמענפאָר, דערקלערט שוין טאָמאַס אין „ניו לידער":

„אונזער דעקלאַראַציע רעדט וועגן דעם סאָרט מלחמה, וואָס אונזער אַנאַליז פירט אונז צו דערוואַרטן. אויב עס זאָל געשען אַ נס און עס זאָל זיך באַקומען גאָר אַן אַנדער טיפּ מלחמה, וועט זיין גענוג צייט, אין ליכט פון דער סאָציאַליסטישער שטעלונג, צו בייטן אונזער האַלטונג."

דעם צווייטן מאָל חזר'ט זיך די געשיכטע באמת איבער ווי אַ פאַרס...

---

*) סטענאָגראַפישע פּראָטאָקאָלן פון די פאַרהערן, באַנד 3, זז. 722-724.

4. די ס. פּ. און פֿאַשיזם

סעווערינג, וואָל, איזלי, ווהעילען

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿון אַמעריקע האָט קיינמאָל נישט ארויסגעזאָגט איר מיינונג וועגן דער ראָל פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פֿון דייטשלאַנד, וועלכע האָט צוגעגרייט דאָס קומען פֿון היטלער׳ן צו דער מאַכט. זי האָט נישט פֿאַראורטיילט די ווועלסעס, סעווערינגס און צערגיבעלס — דאָס, וואָס אַפילו אַנדערע פּאַרטייען פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן געטאָן. זי האָט גוטגעהייסן — כאָטש מיט אַ האַלבן מויל — דאָס אַרויסשטעלן הינדענבורג׳ן אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט אין פֿרילינג 1932 און די גאַנצע פּאָליטיק פֿון „קלענערן איבל״. זי האָט באַשיצט סעווערינג׳ן אין אַפּריל 1934, ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן, אַז ער קריגט פּענסיע פֿון דער היטלער־רעגירונג. זי האָט נישט פֿאַראורטיילט לעבע׳ן, ווען יענער איז אַרויסגעקומען מיט אַ דעקלערונג צום גונסטן היטלער׳ן.

דורך פֿאַרשווייגן און דורך אָפֿענע רייד אָדער אָנצוהערענישן האָט די ס. פּ. געשטיצט די דייטשע ס. ד. און די גאַנצע פּאָליטיק פֿון „קלענערן איבל״. פּונקט אַזוי האָט זי געשטיצט אָטאָ באַוער׳ס פּאָליטיק אין עסטרייך, די אָפּמאַכן, וואָס די עסטרייכישע ס. ד. האָט געשלאָסן און געוואָלט שליסן מיט דאָלפֿוס׳ן. און אַזאַ פּאָליטיק, פֿון „קלענערן איבל״ און פֿון שטיצן דאָלפֿוסעס, אָדער פּאָטענציעלע דאָלפֿוסעס, באַטרייבט די ס. פּ. אין אַמעריקע.

אויף וויפֿיל דער מאַרקסיזם, מיט זיין ליניע פֿון קלאַסן־קאַמף, איז דער שונא פֿון נאַציזם, וועט אומברייגען דעם נאַציזם — וואָס לייקנט אָפּ קלאַסן־קאַמף און פּריידיקט די „איינהייט־לעכע אינטערעסן פֿון דער נאַציע״ — אויף אַזוי פֿיל האָט די פֿירערשאַפֿט פֿון דער ס. פּ. געהאָלפֿן דעם פֿאַשיזם, דורך איר אָפּלייקענען דעם קלאַסן־קאַמף, דורך איר קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפֿט מיט דער בורזשואַזיע,

דורך איר הילף דער בורזשואזיע בעת מלחמה און פאַר דער קומענדיקער מלחמה. אַ באַזונדערע הילף דעם פאַשיזם שטעלט צו דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין די רייען פון דער ס. פּ.*) שטייענדיק אַף אַנטי־דעם טעאָרעטיש באַזיס איז די ס. פּ. פּראַקטיש פאַרבונדן געוואָרן, דירעקט און אומדירעקט, מיט רעאַקציאָנער־פאַשיסטישע עלעמענטן.

אַזאַ פאַרבאַנד עקזיסטירט צווישן דער פירערשאַפט פון דער ס. פּ. מיט דער פירערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. בכלל — וואָס איז ביזן ביין רעאַקציאָנער און פאַקטיש (אָדער פּאָטענציעל) פאַשיסטיש. אַזאַ פאַר־באַנד עקזיסטירט ביי די ס. פּ. פירער — ווי מיר האָבן עס געזען אין דעם קאַפּיטל: „די ס. פּ. און די נ.ר.א.״ — מיט אַזעלכע פאַשיסטן ווי מעטיו וואָל און גראָוועך ווהעילען. די ס. פּ. איז געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי איינלאַדן מעטיו וואָל צו ריידן אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן דאָל־פוס'עס בלוטיקע האַנדלונגען אין עסטרייך, דעם 16טן פעברואַר (1934) אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. און בשעת דער פאַרבאַנד מיט מעטיו וואָל און גראָוועך ווהעילען קומט פאָר, האָבן די צוויי, אַליין און דורך דער „סיוויק פעדערעישאָן״, וואו זיי זיינען די פירער, אָנגעפירט זייער גיפטיקן קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג, מיט דער הילף פון אַלערליי „דאָקומענטן״ און „סטאַטיסטיק״ און פאַר־שיידענע „אויפדעקונגען״, וואָס אַן אַנדער פירער פון דער סיוויק פעדערעי־שאָן, ראַלף איזלי, האָט צוגעגרייט און פאַרשפּרייט אין דער פּרעסע.

אין דער זעלביקער צייט האָבן איזלי, וואָל און ווהעילען נאָענט מיט־געאַרבעט מיט די נאַצים. איזלי האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן היטלער'ס בוך „מיין קאַמף״ אין אַמעריקע. איזלי'ס פרוי האָט געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען אין די נאַצי־צייטונגען אין ניו יאָרק. און איזלי האָט אָפיציעל פאַרשפּרייט אין אַמעריקע, אין 1933, אַן אַנטיסעמיטישן בוך וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין נאַצי־דייטשלאַנד, „קאָמוניזם אין דזשוירמאַני״, מיט אַ ספּעציעלער אַמעריקאַנישער פאָררעדע („פאַרוואָס אַמעריקאַנער דאַרפן לייענען דעם בוך״), אונטערגעשריבן, צווישן אַנדערע, פון איִם, האַמילטאָן פיש, און דעם לעיבאָר־רעדאַקטאָר עלים סוירלס, רעדאַקטאָר פון „יונאַיטעד מאַין וואָירקער״, אַ דינער פון דזשאָן ל. לואיס, פּרעזידענט פון דער מאַינערס יוניאָן, מיט וועמען די סאָציאַליסטן גייען צוזאַמען.

*) זע זייטן 53, 54.

די ס. פּ. האָט נ י ט דעמאַסקירט די וואָלס און די וועהעלענס, נ י ט אַרויסגעשטעלט זיי אין זייער גיפטיקער פאַשיסטישער ראָל. די ס. פּ. טוער, באַזונדערס אין די יוניאָנס, זעצן פאָר זייער ברידערלעכע מיטאַרבעטערשאַפט מיט די און ענלעכע פאַשיסטן.

אַלס רעזולטאַט פון דער גאַנצער האַלטונג פון דער ס. פּ. האָט זיך געשאַפן אַ פריינטלעכע באַציאונג פון נאַציס און „סילווער שווירט" פאַשיסטן צו די סאָציאַליסטן! די פריינטשאַפט דריקט זיך אויס ניט נאָר אין דעם, וואָס די סאָציאַליסטן ווערן פון זיי ניט אַטאַקירט. אין איין שטאָט, אין דעם שטאָל-צענטער פּיטסבורג, האָבן די אָרטיקע נאַציס דעם 6טן מאַי 1934 געגעבן זייער שטיצע די אָרטיקע קאַנדידאַטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מען האָט געשריען „הייל היטלער" און מען האָט דערקלערט, אַז די מיטגלידער קאָנען שטימען פאַר אַלע אָרטיקע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, אויסגערעכנט זיי מיט די נעמען און אַמטן, פאַר וועלכע זיי זיינען קאַנדידאַטן, איינגעשלאָסן אויך די אידישע...**)

דער קאַמף קעגן לאָרד מאַרלי

דער דאָזיקער שרייענדיקער אַקט איז געווען אַן אויסדרוק פון אַ פ ר י י נ ט ל ע כ ע ר ש ט י מ ו נ ג, וועלכע שאַפט זיך דורך דער קאַמפּאַניע, וואָס נאַציס און ס. פּ. טוער פירן קעגן דער אַנטי-פאַשיסטישער ליגע, קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און סאָוועטן-פאַרבאַנד. גראָד אין דער שטאָט פּיטסבורג האָבן אָט-דיביידע עלעמענטן אָנגעפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם פאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון דייטשן פאַשיזם, לאָרד מ אַ ר ל י, מיט וועמענס הילף עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער „ברוינער בוך". אין אָט-דעם פאַרביטערטן קאַמף האָט זיך געשאַפן איין פראָנט צווישן די נאַציס און ס. פּ. טוער. ווען עס איז געקומען ערב דער וואַל-קאַמפּאַניע און די אָרטיקע נאַצי-אָרגאַניזאַציע איז זיך צוזאַמענגעקומען צו נעמען אַ שטעלונג צו די קאַנדידאַטן פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען, האָט זי אויפן „גינסטיקן" צעטל אַרויפגעשטעלט די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן.

אַן ענלעכער קאַמף קעגן לאָרד מאַרלי איז פאָרגעקומען אין מילוואָקי,

---

**) פאָטאָגראַפיע פון דעם באַריכט אין דער פּיטסבורגער „פּאָסט-גאַזעט" פון 7טן מאַי, אָפּגעדרוקט אין דער „מאָרגן-פרייהייט" פון 13טן מאַי (1934).

וואו דער סאָציאַליסטישער מעיאָר, דאַניעל האָאַן, מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און איינער פון די קעמפער פאַר דער „לינקער" רעזאָלוציע אין דעטראָיט, האָט זיך צוריקגעצויגן פון ארויסטרעטן אויף דעם מאַרלי־מיטינג און איז אוועקגעפאָרן פון שטאָט כדי ניט צו דאַרפן אויפנעמען אין סיטי האָל דעם פּאַרטיי־קאָלעגע פון ענגלאַנד — איינעם פון די פירער פון דער ענגלישער לעיבאָר פּאַרטיי! דערפאַר האָט האָאַן מיט א חודש שפּעטער, דעם 28טן מערץ (1934), אויפגענומען אין סיטי האָל דעם שוואַרץ־מאַה'דיקן פּאָגראָם־גענעראַל פון פּוילן, ה א ל ע ר...

נאָך אַן אַקט, וואָס האָט געהאָלפן פאַרשטאַרקן די פריינטלעכקייט פון די נאַציס און אַלערליי פאַשיסטן צו די סאָציאַליסטן איז געווען די ארויסטרעטונג פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער ס. פּ., „ניו לידער", דעם 28טן אָקטאָבער 1933, צום גונסטן פון דעם מיטינג, וואָס די נאַציס אין ניו יאָרק האָבן געזאָלט אָפּהאַלטן אין א שטאַטישער קאַזאַרמע, — דער אַזוי־גערופענער שפּאַניקנאָבל־מיטינג, וועלכער איז אונטערן דרוק פון די מאַסן פאַרבאָטן געוואָרן. דער „ניו לידער" האָט געשריבן, אַז א סאָציאַליסטישער מעיאָר וואָלט דעם מיטינג נ י ט פאַרבאָטן.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט איגנאָרירט אָדער שאַרף באַקעמפט אַלע פאָרשלאָגן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר א פאַראייניקטן פראָנט אין קאַמף קעגן פאַשיזם. אונטערן דרוק פון די מאַסן איז זי (אין זומער 1933) אריין אין קאָמיטעט צו גרינדן די ליגע פון קאַמף קעגן פאַשיזם און אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אָבער באַלד איז זי פון דעם קאָמיטעט ארויסגעטראָטן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אין פעברואַר 1934 אָ פ י צ י ע ל פ א ר ב א ט ן אירע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און איינצלנע מיטגלידער צו באַטייליקן זיך אין פאַראייניקטן־פראָנט אַקציעס. דער באַשלוס איז געקומען נאָך דעם ווי די פירער פון דער פּאַרטיי האָבן דורך זייער איינגעשפּאַרטקייט ניט צו דערלאָזן קיין פאַראייניקטן פראָנט פּראָוואָצירט און פאַראורזאַכט עס זאָל אָפּגעבראָכן ווערן דעם אַנטי־דאָלפוס מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, דעם 16טן פעברואַר, 1934, צו וועלכן זיי האָבן איינגעלאַדן מעטיו וואָל און לאַ־גוואַרדיאַ. מיט צוויי טעג פאַר דעם האָבן זיי ניט דערלאָזט א פאַראייניקטן פראָנט, וואָס די פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער יונגט־ליג זיינען געקומען שליסן אין די העדקוואָטערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער מיטינג אין גאַרדן, וועלכער איז דורך די פּראָוואָקאַציעס

פון די ס. פּ. פירער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוט־באַד, איז פון זיי אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ מיטל פון אַ נייער העצע קעגן די קאָמוניסטן.

פונקט ווי אין 1919, זיינען די פירער פון דער ס. פּ. גרייט צו גיין קעגן דעם אַלגעמיינעם ווילן פון די אַרבעטער, גרייט צו ב ר ע כ ן איידער נאָכגעבן. אַלע פאָרשלאָגן פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט — צום ערשטן מאַי, צו דעמאָנסטראַציעס קעגן מלחמה און פאַשיזם, פאַר טאָג־טעגלעכע אַקציעס — זיינען פון די ס. פּ. פירער צוריקגעוואָרפן געוואָרן, ניט געקוקט אויף דעם הייסן באַגער פון די מאַסן פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט. דערמיט שפּאַלטן די ס. פּ. פירער ווידעראַמאָל די רייען פון די אַרבעטער און העלפן דעם פאַשיזם.

די „לינקע" פירער פון דער ס. פּ., וועמענס רייד עם זיינען אַן אויסדרוק פון די שטימונגען פון די מיטגלידער און וועלכן האָבן זיך פאַרן צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט ביי עטלעכע געלעגנהייטן אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט (טאָמאַס), האָבן אין סעפּטעמבער (1934) באַוויזן דעם ווערט פון זייערע ר י י ד. אויף אַ זיצונג פון דער נייער, „לינקער", נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע איז דער אָנבאָט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 8 שטימען קעגן 3. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוואַרטן ביז דעצעמבער— ביז נאָכן צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ביז מען וועט זען ווי אַזוי דער פאַראייניקטער פראָנט אין פראַנקרייך וועט אַרבעטן, א. אַז. וו. די עקזעקוטיווע האָט נאָכגעגעבן דעם דרוק פון דער מיטגלידערשאַפט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי האָט אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט אויף לאָקאַלע פאַראייניקטע אַקציעס (וועלכע האָבן זיך סיי־ווי אָנגעהויבן שאַפן). אָבער דער אָנבאָט פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די הויפּט־סיבה איז דאָ דער פאַקט, וואָס די ס. פּ. קאָן ניט ברעכן איר פאַראייניקטן פראָנט מיט וויליאַם גרין, מעטיו וואָל און דער גאַנצער פירערשאַפט פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.

5. די ס. פ. און דער סאָוועטן פאַרבאַנד

צווי ליניעס

די פירערשאַפט פון דער ס. פ., ווי די פירערשאַפט פון גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, קאָן ניט זיין פריינטלעך צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ פּראָדוקט פון אַ ליניע, לענינ'ס ליניע, וואָס איז דיאַמעטראַל קעגנעריש צו דער ליניע פון קאַוטסקי, באַוער און וואַנדערוועלדע. דער טריאומף פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, וואו לענינ'ס פּאַרטיי האָט איבערגענומען די מאַכט, איז קעגנזאַץ צום צייטווייליקן טריאומף פון פאַשיזם און רעאַקציע אין די לענדער וואו די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן געהאַט די מאַכט, איז דער טריאומף פון רעוואָלוציע קעגן רעפאָרמיזם, פון אויסגעהאַלטענעם קלאַסן־קאַמף קעגן פשרה־מאַכעריי, פון געטריישאַפט דעם אַרבעטער־קלאַס קעגן דינסט דער בורזשואַזיע.

אויב וועלכע עס איז פּאַרטיי פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געקאָנט טרייסטן, אַז סאָוועטן און דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט זיינען אַ „רוסישער" פּראָדוקט, האָט דאָס אויפקומען פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד און עסטרייך איבערצייגט ריזיקע מאַסן געוועזענע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָדער זייערע אָנהייגנער, אין דער ריכטיקייט פון דער לענינסטישער ליניע, אַז סאָוועטן זיינען די פאָרם פון אַרבעטער־מאַכט אויך אין די מערב־לענדער, אַז דעם ערשטן מוסטער פון סאָוועטן־מאַכט האָט געגעבן די פּאַריזער קאָמונע, אויף וועמענס אַקסלען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, לויט לענינ'ס אויסדרוק, האָט זיך געשטעלט.

די עקזיסטענץ און דער אומאויפהערלעכער פאָרשריט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער זיג פון דער קאָמוניסטישער ליניע, צעשמעטערן די פּאָזיציעס פון דער פירערשאַפט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע פּאַרטייען. כדי איינצוהאַלטן די מאַסן, כדי „נאָכצוגעבן" זייער דראַנג פאַר רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן, און ווי אַן אויסדרוק פון דעם דראַנג פון אָט־די מאַסן, רוקן זיך אַרויס נייע פּראַקציעס,

דערהערט מען „נייע" פּראַזן. טייל פירער הויבן אָן קומען צוריק צו דער פּאָזיציע, וואָס זיי, אָדער אַנדערע פירער, האָבן געהאַט באַלד נאָכן טריאומף פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער די שנאה בלייבט.

אין יענעם ערשטן פּעריאָד נאָך דער מלחמה, ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן געשטיגן הויך, האָבן די פירער פון דער היגער ס. פּ. ניט אויפגעהערט שרייען הורא פאַר די באָלשעוויקעס, זוכנדיק דערמיט צו אָנהאַלטן איינפלוס אויף די מאַסן.

עטלעכע ביישפּילן דערפון האָבן מיר געזען אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל („דער קראַך פון דער ס. פּ. אין 1919"). די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער ס. פּ. האָט אויף אַ זיצונג דעם 10טן אויגוסט 1918 אָפיציעל אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער די סאָוועטן־רעגירונג איז שטאַרק אונטער־געשטיצט געוואָרן ווי אַ רעגירונג „פון די אַרבעטער, דורך די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער". און אַזוי שפּעט ווי דעם 18טן אויגוסט 1920 האָט ניט קיין אַנדערער ווי אַב. קאַהאַן געשריבן אין דער דעמאָלטיקער טעג־לעכער סאָציאַליסטישער „ניו יאָרק קאָל":

> „מיט אַלע זיינע (סאָוועטן־פאַרבאַנד'ס) חסרונות איז ער דער טייער־סטער פּערל אין די הענט פון דער מענטשהייט. ער איז ווייט פון צו זיין העכער פון יעדער קריטיק, אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז ער די וואונ־דערלעכסטע זאַך, וואָס האָט פּאַסירט זינט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָ־לוציע האָט צעשמעטערט די פעסטונג פון פעאָדאַליזם."

אַזוי האָט מען געשריבן דריי יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין דער צייט פון מיליטערישן קאָמוניזם, ווען עס איז שוין לאַנג געווען אַ טשעקאַ און די אַלע „שרעקן", וואָס די זעלביקע קאַהאַנס האָבן ליב איצט אַרויסצורוקן. אָבער אַזאַ — מילד גערעדט — אָפּאָרטוניסט ווי קאַהאַן איז אַלעמאָל אַ באַראָמעטער פאַר דער שטימונג צווישן דער פירערשאַפט.

אָפענע קאָנטער־רעוואָלוציע

גאָר שאַרף האָט זיך אָבער די באַציאונג פון דער ס. פּ. פירערשאַפט געענדערט, ווען עס איז פאַר זיי געוואָרן געפערלעך צו באַנוצן פּראָ־סאָוועטישע, פּראָ־באָלשעוויסטישע פראַזן. ווען עס האָט אָנגעהויבן

אויפוואַקסן אין אַמעריקע אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג, מיט אַ קאָמוניסטישער פּרעסע, מיט קאָמוניסטישן איינפלוס אין די יוניאָנס, און מען האָט געדאַרפט נעמען אָט־די כוחות באַקעמפן, האָט מען שוין ניט געקאָנט שרייען הורא פאַר די באָלשעוויקעס. פון דער אַנדערער זייט, איז די כוואַליע פון דער רעוואָלוציע פון דעם ערשטן פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה אָפּגעגאַנגען. עס האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט די צייטווייליקע סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַל, די פירערשאַפט האָט גענומען ריידן אַנדערע ווערטער.

דעבס, וועלכער האָט וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע גערעדט מיט די פייערדיקסטע און ענטוזיאַסטישסטע ווערטער*) און האָט אויף דעם געביט באַאיינפלוסט די פּאַרטיי, האָט זיך דערנעענטערט צו זיינע לעצטע טעג. גלייך נאָך זיין טויט, ווי מיר וועלן באַלד זען, האָט דער האַס קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אויסגעבראָכן אין „ריינע" וויים־גוואַרדייאישע פאַרמען. אָבער שוין איידער ער איז געשטאָרבן האָבן זיך די סימנים אָנגעהויבן ווייזן.

אין דער זעלביקער „קאָל" האָבן זיך גענומען באַווייזן שאַרפע אַנטי־סאָוועטישע אַרטיקלען. די צייטונג איז אונטערגעגאַנגען מיט גיפטיקער אַנטי־סאָוועטישער אַגיטאַציע אויף די ליפּן. דער פּעריאָד פון סטאַביליזאַציע האָט אינגאַנצן „איבערצייגט" די ס. פּ. פירערשאַפט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז בשום אופן ניט אַ רעגירונג „פון די אַרבעטער, דורך די

*) דעבס האָט דערקלערט: „די רוסישע רעוואָלוציע האָט ניט קיין פּרעצעדענט און פּאַראַלעל אין דער געשיכטע. זי שטייט איינע אַליין אַ מאָנומענטאַלע אין איר פּראַכט." „. . . אַלע כוחות פון דער וועלט־רעאַקציע, אַלע אירע דינאַסטיעס און דעספּאָטיזמען, אַלע אירע קיניגרייכן און פירשטנטומס, אַלע אירע מאָנאַרכיעס און אימפּעריאַליסטן, אַלע אירע הערשנדיקע און עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן, און זייערע פּאָליטיקער, גייסטלעכע, פּראָפעסאָרן און פּאַראַזיטן פון יעדן מין — די אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אָדער אָפן געשטעלט קעגן דער רוסישער רעוואָלוציע און זיינען אין איין פאַרשווערונג צו פאַרניכטן דעם זיגרייכן רוסישן פּראָלעטאַריאַט און אומבריינגען די נייגעבוירענע דעמאָקראַטיע." (דעיוויד קאַרסנער'ס בוך, אַרויסגעגעבן אין 1919). אין 1922, נאָך דעם פּראָצעס קעגן די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אין מאָסקווע, האָט דעבס דערקלערט: „איך האָב געזאָגט, אַז לעבן, ווי די פאַרקערפּערונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז די גרעסטע זאַך, וואָס די וועלט־מלחמה האָט געבראַכט, און אָט דאָס איז אויך איצט מיין פעסטע איבערצייגונג." (קאַרסנער'ס „שמועסן מיט דעבס'ן אין טער־האָט, אַרויסגעגעבן פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג „קאָל".)

אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער", און בשום אופן ניט דער „טייערסטער פּערל" אָדער „די וואונדערלעכסטע זאַך"! דער זעלביקער הילקוויט, וואָס איז געזעסן אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע דעם 10טן אויגוסט 1918, האָט דעם 27טן יאַנואַר 1928, אויף דעם יערלעכן באַנקעט פאַרן „ניו לידער", געזאָגט:

„די סאָוועטן־רעגירונג איז קודם כל געווען דער גרעסטער אומגליק און די גרעסטע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. נאָרמאַן טאָמאַס האָט אויסגעדריקט זיין מורא פאַר דעם, וואָס עס קאָן פאַסירן אויב דער סאָוועטישער עקספּערימענט זאָל דורכ־פאַלן. איך זאָג, אַז דער עקספּערימענט איז שוין דורכגעפאַלן."*)

1928, דאָס יאָר פון קולידזשעס „אייביקער פּראָספּעריטי", איז געווען דאָס יאָר פון אָפענער צעבראָכטעטער קאָנ־טער־רעוואָלוציע פון דער אַמעריקאַנישער ס. פּ., פון איר ביטערער שנאה צום גאַנצן סאָוועטישן רעזשים, פון איר געמיינשאַפטלעכן קאַמף צוזאַמען מיט דער ווייסער גוואַרדיע! אויב די רייד פון הילקוויט'ן זיינען ניט גענוג דאָס צו באַשטעטיקן, וועט עס באַשטעטיקן די רעזאָלוציע וועגן „פּאָליטישע אַרעסטירטע", וואָס דער צוזאַמענפאָר פון דעם יאָר, 13־17 אַפּריל, אין ניו יאָרק, האָט אָנגענומען. די רעזאָלוציע הויבט זיך אָן אַזוי:

„די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן שליסט זיך אָן דורך איר נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר אין ניו יאָרק אָן די טרעיד־יוניאָנס, סאָציאַליסטישע און לעיבאָר פּאַרטייען און הומאַניטאַרישע מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט אין פאַרדאַמען די סאָוועטן־רעגירונג פון רוסלאַנד אין איר פּאָליטיק פון אַריינזעצן אין טורמע און פאַרשיקן סאָציאַליסטן און אַנדערע צוליב דעמאָקראַטישע מיינונגען, וואָס זיינען קעגנעריש צו דער הערשנדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס פאַרזעצן פון דער דאָזיקער דעספּאָטישער און ברוטאַלער פּאָליטיק פון טעראָר איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם, וואָס טויזנטער נאָבעלע מענער און פרויען פּטר'ן זייערע לעבנס אין די סאָוועטישע טורמעס און אין פאַרוואָרפענע געגנטן, וואו די פאַרשיקונג איז אַ לעבעדיקער טויט. אַ סיסטעמאַטישע ליניע פון אָרגאַניזירטן טעראָר, וואָס דערשטיקט די איניציאַטיווע פון דעם אַר־בעטער־קלאַס, וועלכע רויבט ביי אים אַוועק דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך, דאָס רעכט פון פרייע פּרעסע און עפנטלעכע מיטינגען, קאָן ניט שטימען מיט די בעסטע אינטערעסן פון די אַרבעטער פון דער וועלט.

*) ציטירט לויט פּאַינ'ס „פאַרמער ענד לעיבאָר פּאַרטיס", פאַרלאַג רענד סקול, ז. 428.

„די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַראייניקט זיך מיט דער אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג פון דער וועלט אין אַ פאַרדאַמונג פון דער דאָזיקער באַרבאַרישער פּאָליטיק און פאָדערט אַ פּאָליטיק פון אַמנעסטיע פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין רוסלאַנד און עס זאָל אויפגעגעבן ווערן דער רעזשים פון טעראָר, פאַרשיקונג און פאַרפאָלגונג, וואָס מאַכט צו שאַנד די איצטיקע רעגירונג פון רוסלאַנד.” (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. ג.) *)

די רעזאָלוציע איז לויט איר שפּראַך און אינהאַלט אַ צעכראַס־טעט ווייס־גוואַרדייאישע. דאָ ווערט אַטאַקירט דער גאַנצער סאָוועטישער רעזשים. דאָ ווערט אַוועקגעוואָרפן יעדע פּרעטענזיע פון אָננעמען זיך פאַר די אַרעסטירטע „סאָציאַליסטן”. מען פאָדערט, אַז אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע זאָלן באַפרייט ווערן, די צאַריסטן און פּאָגראָמשטשיקעס אויך, און מען פאָדערט איינפירן די בורזשואַזע „פרייהייטן”, אויפגעבן דאָס בויען פון סאָציאַליזם.

הילקוויט דער אַדוואָקאַט פון די צאַרישע אָיל־מאַגנאַטן

דער ווייס־גוואַרדייאישער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער רעזאָלוציע ווערט נאָך קלאָרער דורכדעם, וואָס ערשט נאָכדעם רעדט זי וועגן איטאַליע, רומעניע און אונגאַרן, און פאַר די דריי לענדער ווערט אַוועקגעגעבן פונקט אַזוי פיל אָרט (21 שורות) ווי פאַר סאָוועטן־פאַרבאַנד אַליין, און די שפּראַך וועגן די לענדער איז ניט אין פאַרגלייך איידעלער, און דאָס וואָרט „אַלע” פעלט ביים פאָדערן די באַפרייאונג פון „פּאָליטישע אַרעסטירטע”. אַלע אַנדערע לענדער, איינגעשלאָסן פּוילן, כינע, איינגעשלאָסן אַמעריקע, זיינען פאַרשוויגן געוואָרן...

די אָפענע ווייס־גוואַרדייאישקייט פון דער ס. פּ. איז אָבער געקרוינט געוואָרן אין יוני, 1931, ווען דער פאָרזיצער פון דער פּאַרטיי און מיטגליד פון דער ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, מאָריס הילקוויט, האָט אַלס אַדוואָקאַט פון די צאַרישע אָיל (נאַפט) מאַגנאַטן פּיטעראָוו

---

*) ציטירט פון די סטענאָגראַפישע פּראָטאָקאָלן פון צוזאַמענפאָר, ז. 47־ע. די רעזאָלוציע איז פאָרגעלייענט געוואָרן פון דזשעיקאָב פּענקין און איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אָן שום באַמערקונגען פון וועמען עס איז.

און קאָ., סאָלימאָוו און קאָ., אָנגעגעבן אין אַ ניו יאָרקער געריכט אַ קלאַגע, אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט ביי זיינע קליענטן צוגענומען די אָיל־קוואַלן אין קאַווקאַז „אומגערעכט, אומגעזעצלעך און מיטן כּוח פון געווער". און **ניט די עקזעקוטיווע פון דער ס. פּ. און ניט די ביוראָ פון צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל האָבן רעאַגירט אויף דער ווייס־גוואַרדייאישער האַנדלונג פון מאָריס היל־קוויט!** *)

דער קראַך פון דער צייטווייליקער סטאַביליזאַציע און דער קראַך פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן אויף דעם דאָזיקן פּראַקטי־לעכן אָפּאָרטוניסט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג. אין 1934 האָט ער שוין גערעדט אַנדערע ווערטער:

„אויבן אויף קוקט עס אויס, אַז די מעטאָדן פון די רוסישע באָלשע־וויקעס האָבן, ווי זאַכן שטייען היינט, אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידנדיקן זיג איבער די מעטאָדן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָך וואָלט עס געווען אומפּאָרזיכטיק צו אַרויסגעבן אַן ענדגילטיקן היסטאָרישן אורטייל איבער אַ פיל־דעבאַטירטער פראַגע. די רוסישע רעוואָלוציע האָט נאָך ניט פאַרנדיקט איר וועג, אָדער איז רייף געוואָרן אין איר פולער באַדייטונג און פאָרם. אויך דייטשלאַנד האָט נאָך ניט דערגרייכט דעם ענדגילטיקן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן גורל דורך איר פיינלעכן און דערנערדיקן נאָך־מלחמה וועג." **)

דער „עקספּערימענט" איז שוין ניט קיין „דורכפאַל". „אויבן־אויף" קוקט עס אויס, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן זיג איבער די מעטאָדן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. כאָטש הילקוויט האָט געהאָפט, אַז עפּעס וועט נאָך פּאַסירן אין „רוסלאַנד"... פּונקט אַזוי האָט דער „קלאָר־זעענדיקער" פּאָליטיקער „פאָראויסגעזען", אַז היטלער וועט ניט הערשן אויף אייביק און אייביק...

---

*) הילקוויט האָט אין זיין פּאַפּיר, וואָס ער האָט אָנגעגעבן אין הויפּט־געריכט פון שטאַט ניו יאָרק, דערקלערט: „די סאָוועטן־רעגירונג פון רוסלאַנד האָט . . . אומגערעכט, אומגעזעצלעך און מיטן כּוח פון געווער פאַרכאַפּט די אָנקלעגערס' אָיל־לענדערייען, קוואַלן, געביידעס, איינריכטונגען, מאַשינערי, פאַבריקן, ציסטערנעס און רער־ליניעס". ער האָט געמאָנט פאַר זיינע קליענטן 105 מיליאָן דאָלאַר פון דער סטאַנדאַרד אָיל און וואַקום אָיל, וועלכע האָבן דעמאָלט געהאַט האַנדלס־קאָנטראַקטן מיטן סאָוועטישן אָיל־טראָסט.

**) הילקוויט'ס „לוז ליוום", א. אַז. וו., ז. 283.

דער קריזיס האָט געווירקט, דער זיג פון פינף־יאָר פּלאַן האָט גע־ווירקט, הילקוויט האָט געמוזט עטוואָס צוגעבן, אָבער געקריצט מיט די ציין און געהאָפט אויף אַ דורכפאַל. אָ ט ד אָ ס א י ז ד י ש ט ע ל ו נ ג פ ו ן ד ע ר פ י ר ע ר ש א פ ט פ ו ן ד ע ר ס. פּ.

דאָרט וואו זי קאָן, מיידט זי איצט אינגאַנצן אויס דעם פיינלעכן — פאַר איר — ענין: סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס טוט דער אָרגאַן פון דער ס. פּ. אין ניו יאָרק, דער „ניו לידער". ס אָ װ ע ט ן ־ פ א ר ב א נ ד ע ק ז י ס ט י ר ט נ י ט פ א ר ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר צ ײ ט ו נ ג! דער ערשטער פינף־יאָר פּלאַן, דער צווייטער, דער זיג פון קאָלעקטיוויזאַציע, די ראָל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין קאַמף פאַר פרידן — אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט אין „ניו לידער" ניט דערמאָנט! דורך אָט־דער „נייטראַליטעט" שטעקט אַרויס די שנאה. אָבער אויף וויפיל געוויסע שיכטן פון דער מיטגלידערשאַפט פאָדערן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאָדערן מאָביליזירן די מאַסן צום שוץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאָדערן פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, — אַלץ אונטערן איינפלוס פון די געשעעניש אין דייטשלאַנד און עסטרייך און די דערגרייכונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, — האָבן זיך געשאַפן „פּראָ־סאָוועטישע" און „פּראָ־דיקטאַטור" פראַקציעס, ווי די „רעוואָלוציאָנערי פּאָליסי קאָמיטע", וועלכע דינען ווי בליץ־אָפּלייטער.

נאָך ווערטער!

דאָ האָבן מיר נאָך אַן אויסגאַבע (די וויפילטע?) פון ו ו ע ר ט ע ר. אָבער פּונקט ווי אויפן געביט פון מלחמה, אַזוי איז אויך דאָ באַוויזן געוואָרן דער אינהאַלט פון די ווערטער. דער „לינקער" צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט האָט נ י ט אָנגענומען קיין רעזאָלוציע פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַרן שוץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די גאַנצע פראַגע איז גאָר־ניט באַטראַכט געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר. פאַרקערט, דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעהערט אַ רעדע פון אָטאָ באַוער'ס אַ נאָכפאָלגער, מאַקס ווינטער, געוועזענער וויצע־מעיאָר פון ווין. דער דאָזיקער „באַנצע", וואָס איז געזעסן אויפן קאַרק פון די עסטרייכישע אַרבעטער, האָט דערקלערט אין זיין רעדע אויפן צוזאַמענפאָר דאָס פאָלגנדיקע:

„בלויז אויף אַ קליינעם שטח פון אונזער גרענעץ מיט טשעכאָ־סלאָוואַקיע און מיט דער שווייץ האָבן מיר געהאַט דעמאָקראַטישע שכנים

> — 16 מיליאָן אַרום און אַרום; אָבער הינטער טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן און יוגאָסלאַוויע געפינען זיך די צוויי פאַשיסטישע לענדער פוילן און רומעניע, מיט נאָענט צו 50 מיליאָן איינוואוינער, און אויך די גרענעץ־לענדער פון אָסט־זעע, וועלכע זיינען אין אַ מערהייט פאַשיסטישע, און די נייסטע פאַשיסטישע מלוכה: בולגאַריע. און הינטער די אַן ערך 180 מיליאָן מענטשן אין פאַשיסטישע לענדער געפינען זיך די 140 מיליאָן רוסישע מענטשן אונטער סטאַלינס דיקטאַטור. דאָס קליינע דעמאָ־קראַטישע עסטרייך איז געווען אַרומגערינגלט פון העכער 300 מיליאָן אונטער דיקטאַטור. איינער קעגן 150״ (ציטירט פון דעם אָפיציעלן אָפּדרוק פון דער רעדע, אַרויסגעגעבן צו דער פרעסע.)

און דערביי זיינען געזעסן די „רעוואָלוציאָנערן״, וואָס האָבן אין זייער „אַפּיל״ צו די מיטגלידער אָנגערופן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד: „דאָס לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור״, וואו „די אַרבעטער זיינען אין מאַכט״ און „בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט״, און האָבן אַ וואָרט ניט געזאָגט פון דער טריבונע פונם צוזאַמענפאָר קעגן דער דאָזיקער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער פּלאַפּלעריי!

פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט אַזוי האָבן געשוויגן די הויפּט־פירער פון דער לינקער מערהייט — קזשיצקי, האַן, טאָמאַס, וועלכע זיינען געווען מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אין 1931, ווען הילקוויט איז אַרויסגעטראָטן פאַר די געוועזענע צאַרישע אָיל־מאַגנאַטן און האָבן דעמאָלט אויך ניט רעאַגירט.

די „סימפּאַטישע״ ווערטער פון דעם „לינקן״ פליגל פאַר סאָוועטן־פאַרבאַנד דאַרפן אייגנטלעך נאָר דינען פאַר דעם צוועק צו פאַר־שטעלן פאַר די מאַסן די אַנטי־סאָוועטישע מעשים פון דער פירער־שאַפט, איר מיטאַרבעט מיט די אַבראַמאָוויטשעס, דאָס זאַמלען געלט פאַר די מענשעוויקעס אין פּאַריז (פריער אין בערלין), און די מיטאַרבעט מיט מעטיו וואָל.

אַבראַמאָוויטש׳עס אָנפירנדיקע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין 1930 אין מאָסקווע, אויפן פּראָצעס קעגן די מענשעוויקעס, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן אין אַ ברייט־פאַרצווייגטער פאַרשווערונג פון סאַבאָטאַזש און צוגרייטונג צו אינטערווענציע. די אָנגעקלאָגטע סאַבאָטאַזשניקעס האָבן זיך דאַן מודה געווען, אַז זיי פלעגן נעמען זייערע אינסטרוקציעס פון דער מענשעוויסטישער ביוראָ אין בערלין, מיט אַבראַמאָוויטש און דאַן בראש. די מענשעוויקעס האָבן אין יענער צייט געשטעלט זייער קאָרט

אויף דער אינטערווענציע, וואָס איז דעמאָלט אָפן געפּלאַנעוועט געוואָרן. אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז נאָך געווען ביי דער מאכט, איז געווען אַ פליגל, וואָס איז געווען דורכאויס פאַר אינטער־ווענציע — ווי איין אָנגעקלאָגטער האָט אַרויסגעבראַכט — צווישן זיי דער דעמאָלטיקער פינאַנץ־מיניסטער הילפערדינג. דאָס עדות זאָגן פון די אָנגעקלאָגטע שער, יאַקובאָוויטש און אַנדערע שטעלן עס אַלץ פעסט מיט אויסערגעוויינלעכער גענויקייט.

אַבראַמאָוויטש, אַב. קאַהאַן, אָניל

דער זעלביקער אַבראַמאָוויטש איז אין מערץ 1930 געווען אין אַמעריקע צו זאַמלען געלט פאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון די מענשעוויקעס, און דערביי האָט ער געזוכט צו שטערן די דעמאָנ־סטראַציעס פאַר אַרבעטלאָזיקייט־הילף, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די אַרבעטלאָזע קאָונסילס האָבן אָרגאַניזירט איבערן גאַנצן לאַנד. דעם 6טן מערץ, אין דעם טאָג פון די דעמאָנסטראַציעס, האָט אַבראַמאָוויטש אָפּגעדרוקט אין דער „ניו יאָרק טאַימס" אַ דערקלערונג, אין וועלכער ער האָט דערציילט וועגן מיליאָנען אַרבעטלאָזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועגן דעם, אַז די אַרמיי ווערט באַשעפטיקט צו צעטרייבן דעמאָנסטראַ־ציעס פון אַרבעטלאָזע אין מאָסקווע!...

דער פאַרבאַנד מיט אַבראַמאָוויטש'ן ווערט אָנגעהאַלטן. דעם 4טן יולי 1933 האָט דער „דעילי וואָירקער" אָפּגעדרוקט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ בריוו, וואָס הילקוויט, לי, אָניל — אַלע מיטגלידער פון דער דע־מאָלטיקער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער ס. פּ. — צוזאַמען מיט אַב. קאַהאַן, ב. וולאַדעק, דזשעיקאָב פּענקין און אַנדערע, האָבן אַרויס־געשיקט אויף צו זאַמלען געלט פאַר די מענשעוויקעס אין בערלין. אין דעם בריוו איז אָפּגעדרוקט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ קעיבל פון אַבראַמאָ־וויטש'ן פון פּאַריז מען זאָל זאַמלען הילף. דער בריוו פון די ס. פּ. פירער הויבט זיך אָן אַזוי:

> „טראַגיש ווי עס איז די לאַגע פון די דייטשע סאָציאַליסטן אונטערן היטלער־רעזשים, איז די לאַגע פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַנטלאָפענע אין דייטשלאַנד דאָפּלט טראַגיש. קרבנות פון אַ טעראָריסטי־שער דיקטאַטור אין זייער אייגן היים־לאַנד, האָבן זיי געפונען אַ פּאָ־ליטישן אַזיל אונטער דעם פרייען רעפּובליקאַנישן רעזשים פון דעמאָ־קראַטישן דייטשלאַנד. איצט זיינען זיי אינגאַנצן אויסערן געזעץ."

די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאַרשווערער זיינען דאָ פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי קרבנות פון אַ „טעראָריסטישער דיקטאַטור". דאָס דייטש־לאַנד פון ברינינג, פאָן פּאַפּען און הינדענבורג ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ „פרייער רעפּובליקאַנישער רעזשים"...

פאַרשטייט זיך, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט נ י ט רע־אַגירט אויף דעם בריוו. איינער פון די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם בריוו, אָניל, איז אַ מיטגליד פון דער איצטיקער עקזעקוטיווע. אַלדזשער־נאָן לי איז דער פירער פון דער פּאַרטיי־שול, רענד סקול. און קלאָר איז, אַז די באַציאונגען מיט אַבראַמאָוויטשן ווערן ווייטער אָנגעהאַלטן. אַבראַמאָוויטש איז אַ מיטגליד פון דער ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אָן וועלכן די ס. פּ. איז אָנגעשלאָסן.

דאָס בילד וועט ניט זיין פול, ווען מען וועט ניט דערמאָנען די ווייס־גוואַרדייאישע העצע פון דעם רעכטן פליגל פון דער ס. פּ. (די „אַלטע גוואַרדיע") קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַ העצע וואָס שטייגט אָפט אַריבער אַפילו די העצע פון מעטיו וואָל און ראַלף איזלי. דאָס וועט באַרירט ווערן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל, ריידנדיק וועגן „פּאַרוועריטס". אָבער אָט איז פאַרן צוזאַמענפאַר אין דעטראָיט אַרויס אַ ביכל אין ענגליש, וואָס הייסט: „היר דהיי אַדהער סאַיד" (הער אויס דעם אַנדערן צד), רעדאַקטירט פון אַב. קאַהאַן. חוץ אים באַטייליקן זיך אין דעם ביכל: וואָלטער פּילד, דזשאַרדזש טאָקער, אָגוסט טאַילאָר, און סאַימאָן סטראָנ־סקי, וועלכער איז אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער אין דער „ניו יאָרק טאַימס" (שרייבער פון די טעגלעכע לייט־אַרטיקל נאָטיצן). אין דעם זאַמלביכל — „אַ סימפּאָזיום פון דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער מיינונג" — רעדט זיך אין דער פאָרערדע וועגן דער „האַנט פון (מאָסקווער) קרעמל", וואָס פירט אָן מיט דער „כוליגאַנישער שטימע פון די ניו יאָרקער קאָמוניסטן". אין אַן אַרטיקל פון אַב. קאַהאַן רעדט זיך וועגן „רייזיקע סומען", וואָס סאָוועטן־פאַרבאַנד גיט אויס אויף פּראָ־פּאַגאַנדע אין אַמעריקע. עס ווערט דאָ אָפן פּראָוואָצירט, אַז דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ „באָלשעוויסטישן אויפ־שטאַנד", וועלכע האָט זיך, הייסט עס, געשטאַרקט זינט ליטווינאָוו

איז דאָ געווען, ווערט פאַרבראָכן קעגן דעם אַפּמאַך, וואָס ער האָט אונטער־געשריבן מיט רוזוועלט׳ן...

דער דעטראָיטער צוזאַמענפאָר האָט ג י ט ר ע אַ ג י ר ט אויף אַזאַ מין כוליגאַניזם. דערמיט האָט ער ווידער באַוויזן דעם ווערט פון די ו ו ע ר ט ע ר פון די „לינקע". ער האָט אויך באַוויזן, אַז עס איז ניטאָ קיין גרענעץ, ווי ווייט פירער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קאָנען גיין אין זייער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט!

פון דעם נאָר־וואָס געבראַכטן איז קלאָר, אַז צוזאַמען מיט דער אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד גייט אַ ביטערע אַטאַקע, אַ העצע, קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ווי ווייט אַ סאָציאַליסטישער פירער קאָן דאָ גיין, וועט באַווייזן דער אויסצוג פון אַן אַרטיקל פון דזשעמיס אָניל אין אַ זאַמלבוך, וואָס דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן צום סוף 1931. אָניל זאָגט:

„אין די לעצטע יאָרן איז זי (די קאָמוניסטישע באַוועגונג) גע־וואָרן אַ „רעקעט", וואָס זאַמלט צונויף כוליגאַנעס. איר הויפּט־צוועק איז צו זאַמלען דורך פאַרשיידענע „אומשולדיקע" קלובן געלט, אום מיט דעם אויסצוצאָלן די געהאַלטן פון קאָמוניסטישע טשינאָווניקעס. ווי ווילדע וואָרפן זיך די קאָמוניסטן אַרויף אויף יעדן וויכטיקן קאַמף, באַשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען און זאַמלען געלט, און דאָס געלט ווערט ביי זיי פאַרשוואונדן. די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטישע באַוועגונג לײַדט פון דער ערנסטער קראַנקהייט אין אַמערי־קאַנער קאַפּיטאַליזם, פון „רעקעטירינג"." *)

אָניל איז דער רעדאַקטאָר פון אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אין ניו יאָרק און אַ מיטגליד פון דער ניי־אויסגעקליבענער עקזעקוטיווע...

*) „10 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט", פאַרלאַג „וועקער", ז. 42.

6. די ס. פּ. און די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען

אָפּטאָן סינקלער

אין 1933 איז פּאול בלאַנשאַרד, איינער פון די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו יאָרק און נאָרמאַן טאָמאַס'עס אַ נאָענטער מיטקעמפּער *), אַוועק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זיך געשטעלט אין דינסט פון די קאַפּיטאַליסטישע גרופּירונגען, וואָס האָבן אַרויסגערוקט דעם „פּראָגרעסיוון" דעמאַגאָג לאַ־גוואַרדיאַ אַלס מעיאָר פון ניו יאָרק (בלאַנשאַרד איז געוואָרן אַ מיטגליד אין זיין קאַבינעט). אויפן אַנדערן ברעג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַליפאָרניע, האָט דער לאַנג־יאָריקער אָנגעזעענער מיטגליד פון דער ס. פּ., אָפּטאָן סינקלער, געוועזענער גאָווערנאָר־קאַנדידאַט פון דער ס. פּ. אין דעם שטאַט, באַוויזן (אין 1934) נאָמינירט צו ווערן אַלס גאָווערנאָר אויפן דעמאָקראַטישן צעטל, אונטער אַ לאָזונג פון „עפּיק" („ענד פּאָווערטי אין קאַליפאָרניא" — מאַך אַ סוף צו אָרעמקייט אין קאַליפאָרניע). אין זעלביקן שטאַט איז דער פירער פון דער פּאַרטיי, דזש. סטיט ווילסאָן, צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַליסטן, אַריבער צו סינקלער'ן.

דאָס זיינען ניט קיין צופאַלן. די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע, זיינען פול מיט געוועזענע סאָציאַליסטן, — פירער, טוער און סתם מיטגלידער. אין פאַרלויף פון איר עקזיסטענץ זיינען דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דורכגעגאַנגען פיל הונדערטער טויזנטער מיטגלידער, אפשר אַ מיליאָן, אָדער מער. מען איז אַריין אין דער פּאַרטיי און מען איז אַרויס, און אָפט איז מען באַלד צוגעשטאַנען, אָדער צוריק צוגעשטאַנען, צו דער רעפּובליקאַנישער אָדער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. צווישן אַזעלכע עלעמענטן

*) זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעגעבן אַ בוך: „וואָס איז דאָס מיט ניו יאָרק" (מאַקמילען פאַרלאַג, 1932).

זיינען געווען לאָקאַלע טוער און אויך טוער פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם, ווי צום ביישפּיל ד ז ש אָ ן ס פּ אַ ר ג אָ, געוועזענער מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי און איינער פון אירע טעאָרעטיקער, וועלכער איז איצט אַן אָנגעזעענער רעפּובליקאַנער — פון רעאַקציאָנערסטן שניט. (נאָר די לעצטע צייט — אַ מיטאַרבעטער פון פּאַשיסטישן „עוועיקענער".)

עס איז אויך ניט קיין זעלטקייט, אַז פירער און טוער זאָלן גיין ה י ן און צ ו ר י ק, — פון דער ס. פּ. צו די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און צוריק צו איר. טשאַרלס עדוואַרד ר אָ ס ע ל און אָסקאַר אַ מ ע ר י נ ג ע ר זיינען ביישפּילן.*) פּונקט ווי עס זיינען דאָ יוניאָן־פירער ביי דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר (און אין די סאָציאַליסטישע יוניאָנס), וועלכע גייען הין און צוריק צווישן די אַרבעטער און די באַלע־באַטים, און זיינען היינט — יוניאָן־באַאַמטע, מאָרגן — באַאַמטע אין דער געזעלשאַפט פון די פאַבריקאַנטן, און באַלד ווידער יוניאָן־פירער, אַזוי איז עס מיט פירער און טוער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער טעאָרעטישער אונטערשלאַק פון דעם טיפּ יוניאָן־פירער איז — די אָפּלייקענונג פון קלאַסן־קאַמף; דער טעזיס, אַז דער אַרבעטער האָט „אינטערעסן" אין דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, אַז ער דאַרף זיך דינגען מיט זיין „שותּף" דעם פאַבריקאַנט. איז דער יוניאָן־פירער היינט אין „יוניאָן־ביזנעס", מאָרגן אין פאַבריקאַנטישע ביזנעס, און — ער בלייבט אַלץ אין זעלביקן „געשעפט". דער טעאָרעטישער אונטערשלאַק פאַר דער אַריבערלויפעריי צווישן דער ס. פּ. און דער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַטישער פּאַרטייען איז, ווידעראַמאָל, די אָפּלייקענונג פון קלאַסן־קאַמף — אָפן, ווי די ס. פּ. האָט עס געטאָן אין 1928, אָדער באַהאַלטן.

פּונקט אַזוי מיטן אַריבערלויפן פון סאָציאַליסטן צו דער בורזשואַזיע אין צייט פון מלחמה. דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל־סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך אָנגעזען אויפן ס. פּ. צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט**), און דער סאָציאַל־

*) ראָסעל, אַן אָנגעזעענער בורזשואַזער פּובליציסט, איז פאַר דער מלחמה געווען אַ וויכטיקער טוער אין דער ס. פּ. אין 1917 איז ער אַרויס פון דער פּאַרטיי צוליב דער סט. לואיס'ער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע. איצט האָט ער זיך ווידער דערנענטערט צו דער ס. פּ. וועגן אַמערינגער'ן — זע זייט 13.

**) זע זייטן 53, 54.

פּאַטריאָטיזם פון דער פירערשאַפט, ווי מיר האָבן אים געזען בעת דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה, איז א רעזולטאַט דערפון, וואָס די אַמעריקאַנישע ס. פּ., ווי יעדע פּאַרטיי פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איז א נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פּאַרטיי, איז ענג פאַרבונדן מיט „איר" בורזשואַזיע און מיט די געטרייסטע דינער פון דער בורזשואַזיע, די וויליאַם גרינס און מעטיו וואָלס. אין דעם געשריי פון דעם „לינקן" פירער דאַניעל האָאַן פון מילוואָקי, אויפן צוזאַמענפאָר פון דער ס. פּ. אין דעטראָיט, אַז ער וועט פאָדערן מען זאָל אינגאַנצן אויפהערן שיקן דעלעגאַטן אויף אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענקונפטן, כדי זיי זאָלן ניט ברענגען צוריק אַהער קיין „קריגערייען", האָט געקלונגען דער געשריי פון געוויסע סענאַטאָרן אין סענאַט קעגן „פרעמדע ענטאַנגלמענטס" (אויסלענדישע פאַרפּלאָנטענישן).

אָט־די אַלע פעדים, וואָס פאַרבינדן ט ע אָ ר ע ט י ש די ס. פּ. מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען, באַשאַפן די פאַרבינדונגען אין דער פּ ר אַ ק ט י ק, באַשאַפן די סינקלערס און בלאַנשאַרדס, וואָס ווילן דערגרייכן רעפאָרמען — דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט אַלס פירער פון דער ס. פּ. — אויף אַן אַנדער אופן. זיי זעען גאָר ניט קיין שום סתירה אין זייער אַריבערגאַנג צו די „פּראָגרעסיסטן", אָדער דעמאָקראַטן. צוליב די זעלביקע ט ע אָ ר ע ט י ש ע סיבות איז מעגלעך, אַז סאָציאַליסטישע פירער זאָלן (אין 1934) זיין מיטגלידער פון אָפיציעלע קאָמיסיעס פון דער ניו יאָרקער שטאָט־רעגירונג — נ י ט ווי אויסגעקליבענע דורך די אַרבעטער, נאָר ווי ב אַ ש ט י מ ט ע פ ו ן א ו י ב ן (נאָרמאַן טאָמאַס אין דער קאָמיסיע צו רעווידירן דעם טשאַרטער פאַר דער שטאָט ניו יאָרק און ב. וולאַדעק אין דער וואוינונג־קאָמיסיע).

דעבס פאַרשוויגן — טאָמאַס „געבוימט"

די אַלע טעאָריעס און מעשים האָבן ביי דער בורזשואַזיע און אין דער בורזשואַזער פּרעסע געשאַפן פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי א פּאָזיציע — זייט ביי זייט מיט דער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַטישער פּאַרטייען.

בעת ד ע ב ס פלעגט איגנאָרירט ווערן, אָדער כמעט איגנאָרירט ווערן, פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע אין א צייט ווען ער איז געווען א קאַנדידאַט פון א מאַסן־פּאַרטיי מיט העכער הונדערט טויזנט מיט־

גלידער, האָט נאָרמאַן טאָמאַס געקראָגן דעם גרעסטן אָנזען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, זייט ביי זייט מיט די קאַנדידאַטן פון די אַנדערע פּאַרטייען, נאָך אין 1926-1927, ווען די מיטגלידערשאַפט און איינפלוס פון דער ס. פּ. איז געווען געזונקען צו דער נידעריקסטער מדרגה. די ניו יאָרקער בורזשואַזע פּרעסע האָט פאַרשוויגן אַזאַ פיגור ווי טשאַרלז עדוואַרד ראָסעל, ווען ער איז אין 1913 געווען מעיאָר־קאַנדידאַט אין ניו יאָרק — נאָכאַמאָל: אַ קאַנדידאַט פון אַ פּאַרטיי מיט העכער הונדערט טויזנט מיטגלידער. אַנדערש איז אָבער געווען אין 1933, ווען מען האָט אַפילו פאַר אַ טשאַרלז סאָלאָמאָן ברייט געעפנט די שפּאַלטן פון דער זעלביקער פּרעסע.

עס האַנדלט זיך אָבער פיל מער ווי וועגן דעם, וואָס די בורזשואַזיע באַטראַכט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווי אַן אייגענע, אָדער וואָס די בורזשואַזע פּרעסע גיט דער פּאַרטיי אַפּ אָרט. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס די בורזשואַזיע האָט פּאַקטיש געהאָלפן ראַטעווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אונטערגאַנג. די פּובליסיטי, וואָס די ס. פּ. און אירע פירער האָבן געקראָגן — און קריגן — אין דער פּרעסע; די ערטער, וואָס זיי קריגן אין רעגירונגס־קאָמיסיעס און אַנדערע אינסטיטוציעס זיינען אויסגערעכנטע אַקטן מצד דער בורזשואַזיע, ניט צו לאָזן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַרשווינדן, נאָר צו האַלטן איר כסדר פאַר די אויגן פון די מאַסן, אויפבויען איר צווישן די מאַסן. אויב ניט צווישן די אַרבעטער — איז צווישן די קליינבירגער.

באַזונדערס שאַרף האָט זיך די האַנדלונג פון דער בורזשואַזיע און איר פּרעסע אָנגעזען אין ניו יאָרק אַרום דעם יאָר 1926. די ס. פּ. האָט זיך געפונען אויף איר נידעריקסטן פּונקט. זי האָט כמעט ווי ניט עקזיס־טירט. און אין דעם יאָר האָבן די לינקע געקראָגן דעם קאָנטראָל אין די מייסטע נאָדל־יוניאָנס און אָנגעפירט די באַרימטע סטרייקן פון די פּאַריער (פוטערוואַרג־אַרבעטער) און קלאָוקמאַכער (דאַמען־מאַנטל־אַרבעטער). האָט זיך די בורזשואַזיע אַ נעם געטאָן אָפּצושטעלן די אָפּענסיווע פון די לינקע — באַנוצנדיק די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי אַלס אינסטרומענט. קיין ניו יאָרק זיינען געקומען מעטיו וואָל און עדוואַרד פּ. מעקגרעידי. צוזאַמען מיטן הויפּט פון ניו יאָרקער סענטראַל לעיבאָר קאָונסיל, דזשאָזעף פּ. ראַיען,

האָבן זיי געשאַפן די ספּעציעלע „לעיבאָר"־קאָמיסיע צו באַקעמפן די לינקע און צו אויפשטעלן צוריק די פירערשאַפט פון די סאָציאַליסטן אין די נאָדל־פאַכן. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַראַטונגען מיט די פאָר־שטייער פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, פון דער רעגירונג, פון דער פּאָליציי. די גאַנצע מאַכט פון דער בורזשואַזיע איז געשטעלט געוואָרן הינטער די סאָציאַליסטן. פאַר דער בורזשואַזיע איז קלאָר געוואָרן, אַז זי טאָר ניט לאָזן די ס. פּ. אונטערגיין! די אַמעריקאַנישע בורזשואַזיע האָט קלאָר דערזען די ראָל, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין 1918, אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, אָפּגעשפּילט אין דייטשלאַנד.

צו שווער איז דער שידוך אין די נאָדל־יוניאָנס ניט אָנגעקומען. דאָ איז שוין פון יאָרן געווען אַ פאַרבאַנד צווישן די סאָציאַליסטישע יוניאָן־טוער און די פּאָליטישנס פון טאַמאַני.*) נאָך אין די שטאָט־וואַלן פון 1917 האָבן די פירער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן שטילערהייט געאַרבעט פאַרן דעמאָלטיקן טאַמאַני־קאַנדידאַט פאַר דיסטריקט־אַטורני (פּראָקור־ראָר), סוואַן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ באַצאָלונג פאַר דער באַפרייאונג פון זיגמאַן און די אַנדערע יוניאָן־באַאַמטע, וואָס זיינען אין 1915 געווען אָנגעקלאָגט פאַר מאָרד. דאָס איז אָבער ניט געווען די איינציקע פּאָ־ליטישע באַצאָלונג פון די סאָציאַליסטישע יוניאָן־באַאַמטע — לויט גאָמפּערס'עם לאָזונג: באַלוינען די פריינט און באַשטראָפן די פיינט. אין 1920 האָט די „נייע וועלט", אָרגאַן פון דער דעמאָלטיקער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אָפּגעדרוקט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ בריוו, וואָס דער דעמאָלטיקער פירער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, דער סאָציאַ־ליסט ב. שלעזינגער, האָט אַרויסגעשיקט, צו שטיצן די קאַנדידאַטור פון אוירוויין אונטערמייער (זון פון סעמיועל אונטערמייער), אַלס ריכטער, אויפן טאַמאַני־צעטל.

פּאָליטישע קאָרופּציע

די פירער פון די נאָדל־יוניאָנס שטייען כסדר אין פאַרבינדונג מיט

*) דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דער שטאָט ניו יאָרק.

דער הערשנדיקער פּאַרטיי אין ניו יאָרק, אָפּגערעדט פון זייער שטיצע פאַר אַלפרעד סמיט, פרענקלין רוזוועלט און הערבערט לעימאַן.*)

אין דער „מאָרגן־פרייהייט" איז ביי עטלעכע געלעגנהייטן (דאָס לעצטע מאָל — דעם 3טן נאָוועמבער 1932) אָפּגעדרוקט געוועןן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַזאַ בריוו, וואָס איינער פון די פירער פון דער „אינטערנעשאָנאַל" (יוניאָן פון דאַמען־קליידער אַרבעטער) האָט אין פרילינג 1927 דערהאַלטן פון דעם דעמאָלטיקן פּאָליציי־קאָמישיאָנער פון ניו יאָרק:

פּ אָ ל י ס ד ע פּ אַ ר ט מ ע נ ט

שטאָט ניו יאָרק

אַפּריל 14, 1927.

מר. דזשוליוס האָכמאַן, מענעדזשער,
דזשאָינט באָארד קלאָוק ענד דרעסמעיקערס יוניאָן,
130 איסט 25טע גאַס, ניו יאָרק.
טייערער הער האָכמאַן:

אַ דאַנק פאַר אייערע גוטע וואונטשן. איך וועל זוכן אַזוי צו פירן מיין אַמט אַלס קאָמישיאָנער אָוו פּאָליס, אַז ווען איך וועל אַוועקגיין (פון אַמט) וועט איר ניט באַדויערן פאַרוואָס איר האָט מיר גראַטולירט.

אויפריכטיק אייערע,
דזשאָזעף א. וואָרען.

---

*) אין זומער 1928 האָט זיך אין סאָציאַליסטישן „אָקלאַהאָמאַ לידער" באַוויזן אַן אַרטיקל: „וועגן שטיצן אַל. סמיט'ן", אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון אַ לייענער, וועלכער באַשולדיקט, אַז די צייטונג שטיצט סמיט'ן באַהאַלטענערהייט. אינם ענטפער ווייזט אָן דער אַרטיקל די אַלע „גוטע קוואַליטעטן" פון סמיט'ן און דערקלערט: „אין איצטיקן מאָמענט זיינען מיר ניט פאַר סמיט'ן. אָבער ער האַסט די שווינדלער און ער זשאַלעוועט ניט קיין קלעפּ די וואָס זיינען קעגן אונז. נאָכמער, אין ביידע פּאַרטייען איז ניטאָ נאָך איינער, וואָס זאָל זיין אַזוי פּראָגרעסיוו אין עקאָנאָמישע פראַגן און וועלכער זאָל, אַלס צולאָג, האָבן דעם מינדסטן שאַנס צו געווינען. קיין דריטע פּאַרטיי איז היינט ניטאָ. אין נאָוועמבער 1928 קאָן יאָ זיין אַ דריטע פּאַרטיי אָדער ניט. שמייכלען מיר דעריבער צוזאַמען מיט אַל. סמיט'ן, און וואַרטן דערווייל." (ציטירט פון דער דייטשער „ניו יאָרקער פּאָלקסצייטונג" פון 27טן אָקטאָבער 1928). דער רעדאַקטאָר פון „אָקלאַהאָמאַ לידער", אַמערינגער, איז דעמאָלט שוין ווידער געוועזן אָנגעזען אין דער ס. פּ. און האָט טעגלעך געשריבן פּאָליטישע קאָמענטאַרן אין דעם טעגלעכן „מילוואָקי לידער", וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון וויקטאָר בערגער, דעמאָלטיקער פּאָרזיצער פון דער ס. פּ.

דער בריוו, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון וואָרענ'ען, ווען ער איז פונם דעמאָלטיקן טאַמאַני־מעיאָר, וואָקער, באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליציי־קאָמישיאָנער (דער בריוו איז צופעליק אַריין אין די הענט פון אַזעלכע, וואָס האָבן געגעבן דער קאָמוניסטישער פּרעסע אַ געלעגנהייט אים צו פאָטאָגראַפירן), איז אַן אויסדרוק פון אַ שטענדיקער דערשיינונג ביי די סאָציאַליסטישע פירער פון די נאָדל־יוניאָנס — צו שטיין אין פריינטלעכער באַציאונג מיט די מאַכטהאָבער, און דער בעסטער אופן ווי צו צעמענטירן דעם בונד מיט זיי און זיי באמת אונטערקויפן איז — אַרבעטן פאַר זיי בעת די וואַלן.

אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס גיבן זיך פון צייט צו צייט אַ קרום אויף אַזאַ פּאָליטישן קו־האַנדל מיט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען (ווי די שטעלונג פון דער „נייער וועלט" צו שלעזינגער'ס אַקציע בנוגע אוירווין אונטערמייער). דאָס קאָן אָבער ניט פאַרשטעלן פאַר די אויגן די סיבות פון אַזאַ פּאָליטישער קאָרופּציע, — סיבות, וועלכע ליגן אין די טעאָריעס און אין דער פּראַקטיק פון דער ס. פּ. דער דאָזיקער פּאָליטישער קו־האַנדל איז אַ טייל פון אַן אַ ל־ג עמיינער דערשיינונג. קאַפּיטאַליסטישע קאַנדידאַטן זוכן — און קריגן — שטיצע ביי סאָציאַליסטן, און סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זוכן — און קריגן — שטיצע ביי די קאַפּיטאַליסטן.

אין 1914 האָט אַרויסגערופן אַ גערודער צווישן די מיטגלידער פון דער ס. פּ. דער פאַקט, וואָס די דעמאָלטיקע אָנפירער פון דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר מאיר לאָנדאָן (קאָנגרעס־קאַנדידאַט אויף דער איסט סאַיד אין ניו יאָרק) האָבן פאַרשפּרייט צווישן די וויילער אַ לייט־אַרטיקל אין הוירסט'ס געל־פּאַטריאָטישן „איוונינג דזשורנאַל", וואָס האָט זיך אַרויס־געזאָגט צום גונסטן פון לאָנדאָנ'ס קאַנדידאַטור (הוירסט, וועלכער האָט געזוכט צו ווערן גאָווערנאָר פון שטאַט ניו יאָרק און האָט געפירט אַ קאַמף קעגן טאַמאַני, האָט דערזען אַ מעגלעכקייט טאַמאַני אַ קלאַפּ צו טאָן; איז לאָנדאָן געשטיצט געוואָרן, בעת דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן צעטל האָט דער „דזשורנאַל" פאַרשוויגן).

איז געוואָרן אַ טומל אין דער פּאַרטיי, ספּעציעל אין ניו יאָרק. דאָס איז נאָך געווען אין די צייטן פון דעבס. די ס. פּ. האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ מאַסן־באַזע צווישן די אַרבעטער. זינט 1926 איז שוין אָבער געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך, אַז סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זאָלן ערב די וואַלן אונטערגעשטיצט ווערן פון די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, אויף די נייעס־שפּאַלטן און דורך לייט־אַרטיקלען, זאָלן אונטערשטיצט ווערן דורך בור־זשואַזע פּאָליטיקער, דורך גלחים און רבנים — און די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זאָלן זיך מיט אַזאַ שטיצע איבערנעמען.

זעלביקע קאַנדידאַטן ביי רעפּובליקאַנער און סאָציאַליסטן

ניין, פיל מער. אין די לעצטע יאָרן זיינען אפילו געווען פאַלן, ווען סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זיינען בעת די וואַלן געווען קאַנדידאַטן אויך פון אַנדערע פּאַרטייען. אין 1932 איז אין דער שטאָט ניו יאָרק געווען אַזאַ פאַל מיט אַ קאַנדידאַט פאַר אַ ריכטער, און די ס. פּ. האָט דער־קלערט, אַז דאָס האָט אַ קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטישן זיך אַליין אַרויפ־געשטעלט אויפן סאָציאַליסטישן צעטל, דורך אַ פּאָליטישן טריק, — כאָטש דאָס אַליין איז כאַראַקטעריסטיש גענוג. אָבער אין דער צווייטער גרעס־טער שטאָט פון שטאָט ניו יאָרק, באָפאַלאָ, איז דזש. וו. פּוירקינס, מעיאָר פון שטאָט (הויפּט פונם קאָונסיל), געווען אַ קאַנדידאַט סיי אויפן רעפּובליקאַנישן און סיי אויפן סאָציאַליסטישן צעטל. אַזאַ פאַל איז אין 1928, ווען פּוירקינס איז געווען דער קאַנדידאַט פוןביידע פּאַרטייען אין באָפאַלאָ, אויך געווען אין בינגהעמטאָן, אַן אַנדער אינדוסטריעלע שטאָט אין שטאָט ניו יאָרק, וואו ניין קאַנדידאַטן אויף פאַרשיידענע אַמטן האָבן פיגורירט אויף ביידע צעטלען.

מיט צוויי יאָר פריער, אין 1926, איז לאַ־גוואַרדיאַ געווען אַ קאַנ־דידאַט צום קאָנגרעס אין דער שטאָט ניו יאָרק (האַרלעמער דיסטריקט) אויף ביידע צעטלען — אויפן רעפּובליקאַנישן און סאָציאַליסטישן!...

אין 1927, ווען דזשעיקאָב פּענקין איז געווען אַ קאַנדידאַט (אין דער שטאָט ניו יאָרק) צו אָנהאַלטן זיין אַמט אַלס ריכטער — ער איז געווען ריכטער זינט 1917 — האָט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי פאַר־געלייגט צו אַרויפנעמען זיין נאָמען אויך אויף איר צעטל. דאָס זעלביקע

האָט זיך ווידערהאָלט שפּעטער, ווען פּענקין איז אין זעלביקן דיסטריקט געווען אַ קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעס. בלויז די פּאָרשלאַגן פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי זיינען כאַראַקטעריסטיש.

אין די וואַלן אין נאָוועמבער 1934, ווען די „ניו יאָרק טאַימס" האָט דורך אַ לייט־אַרטיקל געשטיצט דעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעס־קאַנדידאַט וואַלדעק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האַמילטאָן פּיש איז (אין 16טן ניו יאָרקער קאָנגרעס־דיסטריקט) אַ קאַנדידאַט אויך אויפן סאָציאַליסטישן צעטל. די ס. פּ. האָט דערקלערט, אַז זי שטיצט אים ניט, אָבער דער פאַקט, וואָס אַזאַ רעאַקציאָנער ווי פּיש האָט געוואָלט זיין אויפן ס. פּ. צעטל, איז כאַראַקטעריסטיש.

דאָס זיינען עטלעכע פאַלן פון אַ סך, וואָס באַווייזן אַ באַשטימטע פּאָליטישע קרובה'שאַפט צווישן די צוויי אַלטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַר־טייען מיט דער ס. פּ. דאָרט וואו די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אין מאַכט — זוכט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי צו פאַראייניקן מיט דער ס. פּ. אירע כוחות אין געוויסע דיסטריקטן. און אַזוי פאַרקערט. דער שרייענדיק־סטער פאַל, וואָס האָט אונטערשטראָכן די פּאָליטישע געמיינשאַפטלעכ־קייט צווישן די דריי פּאַרטייען, איז אָן ספק געווען דער פאַל אין פּיטס־בורג אין פרילינג 1934, ווען די אָרטיקע נאַציס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ ריי קאַנדידאַטן, צווישן זיי אַלע אָרטיקע סאָציאַליסטישע קאַנ־דידאַטן (זע זייט 102).

פון די סיכסוכים אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ברידזש־פּאָרט דערוויסט מען זיך, אַז דער דאָרטיקער סאָציאַליסטישער מעיאָר, דזשאַספּער מאַקליווי, איז אין די וואַלן פון נאָוועמבער 1933 געשטיצט געוואָרן פון די רעפּובליקאַנער. דערפאַר האָט ער, ווי דאָס האָט אויס־געזאָגט אַ רעזאָלוציע, וואָס די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע פון די יונגע סאָ־ציאַליסטן האָט אָנגענומען דעם 22טן יוני (1934), דערלויבט, אַז די סאָציאַליסטישע שעריפס, קוני און סנאָו, זאָלן זיך טיילן זייער „איינ־קונפט" (וואָס פאַר אַן איינקונפט?) מיט די רעפּובליקאַנישע שעריפס מאַלאָני און האָכהייזער; אַז מאַקליווי האָט געקעמפט דערפאַר, אַז דער רעפּובליקאַנער פּאָליטישן אימס, אַ פאַבריקאַנט, זאָל בלייבן אין דער פּאַרק־באָארד; אַז ער האָט באַשטימט דעם אָרטיקן אָנפירנדיקן רע־פּובליקאַנישן פּאָליטישן און פּרעזידענט פון דער רעאַקציאָנערער „שטייער־

צאלער־ליגע" אויף דער ווייכער געלטיקער שטעלע פון פארוואלטער פון מוניציפאלן גאראזש.*)

דאס פירט אונז אריין אין דעם *מוניציפאליזם* פון דער ס. פ., וועלכער ווערט שוין זינט יארן פראקטיצירט אין מילוואקי (און איז פראקטיצירט געווארן אין רעדינג און אנדערע שטעט, וואו די סאציאליסטן האבן געהאט די מאכט). דאס איז א פאליטיק פון געבן „אלע בירגער" אן „אנשטענדיקע" אדמיניסטראציע, וואס זוכט, אין „בעסטן" פאל, קלייניקע רעפארמען אויף זייער א פארזיכטיקן אופן. אזא אדמיניסטראציע זוכט אין קיין פאל ניט צו געבן דער שטאט א פארטיי־אדמיניסטראציע, וואס זאל דורכפירן אן ארבעטער־ליניע. מאקליווי, דער רעכטער, וועלכער האט אויף דעם סאציאליסטישן צוזאמענפאר אין דעטראיט פארלארן זיין אמט אלס מיטגליד פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע פון דער ס. פ., האט פשוט קאפירט די ליניע פון דעם „לינקן" דאניעל האאן, מעיאר פון מילוואקי, וועלכער איז פארבליבן אין דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע. ווי מיט א הויך־פרינציפיעלער טוגנט, באריימט זיך האאן מיטן פאקט, וואס ער זוכט ניט אריינצוזעצן קיין סאציאליסטן אין די פארשיידענע אמטן. ביי אים הייסט אוועקזעצן פארטיי־מיטגלידער — צוכאפן זיך צו דער קאריטע. דאס איז זיין אפשאצונג פון די סאציאליסטישע אדמיניסטראציעס, וואס האבן לאנג ניט עקזיסטירט.**) האאן טראכט אין די טערמינען פון קאפיטאליסטישער פאליטיק און טראכט ניט וועגן א סאציאליסטישער ליניע אין זיין מוניציפאלער ארבעט. דערפאר הייסט ביי אים אוועקזעצן סאציאליסטן ביי דער ארבעט — צוכאפן זיך צו דער קאריטע. דערפאר טיילט ער איין שטעלעס די פארשטייער פון אנדערע פארטייען און — האלט זיך אין מאכט...

האאן האט, באמת גערעדט, אויסגעטראכט א בילבול אויף די סאציאליסטישע אדמיניסטראציעס אין די ערטער וואו זיי זיינען שפעטער דורכגעפאלן. זיי האבן אלע פרובירט צופרידנשטעלן *אלע* בירגער. האאן דריקט אוים א „מוניציפאלע ליניע", וואס איז אן *אלגעמיינע* ליניע אין דער סאציאליסטישער פארטיי.

---

*) איינצלהייטן פון די פאליטישע סקאנדאלן אין דער ס. פ. אין ברידזשפארט — אין דער „מארגן־פרייהייט" פון 20טן אויגוסט, 1934.

**) „ניו לידער" פון 4טן אויגוסט, 1934.

דאָס איז נ י ט קיין פּראָלעטאַרישע קלאַסן־ליניע. דאָס איז אַ מוניציפּאַליזם פאַר „אַלע" בירגער, און במילא — פאַר דער בורזשואַזיע! שפּאַלט די פּאָליציי פון מילוואָקי און ברידזשפּאָרט די קעפּ פון די אַרבעטער, ווען זיי גייען אַרויס דעמאָנסטרירן פאַר אַרבעטלאָזיקייט פאַר־זיכערונג, ווען זיי גייען אַרויס דעמאָנסטרירן קעגן די נאַצים. פּונקט ווי דאָס טוט די פּאָליציי פון אַן אַנדער רעפאָרמיסט, לאַ־גוואַרדיאַ, אין ניו יאָרק.

די ראָל פון דער ס. פּ. אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי איז אפשר צום בעסטן אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך איינעם פון אירע הויפּט־פירער פון ניו יאָרק, טשאַרלז סאָלאָמאָן, וועלכער האָט אין 1930, ווען ער איז געווען קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעס פאַר אַ דיסטריקט אין ברוקלין, דערקלערט אין אַן אינטערוויו אין דער „ברוקלין איגל" פון 26טן אָקטאָבער:

> „דער געביט וואו מענטשן ווערן עקספּלואַטירט איז אַ געביט פאַר מאַשין־פּאָליטיק און קאָמוניזם. דאָס איז ניט קיין פרוכטבאַרער באָדן פאַר אונז. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַפּעלירט מער און מער צו די עלעמענטן, וואָס האָבן די פעיקייט צו דיינקען, צו אַנאַליזירן און אָפּשאַצן אונזער לערע.
>
> „די קראַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ליגט אין דעם אינטעלי־גענטן מיטלקלאַס און ניט, ווי מען שטעלט זיך געוויינלעך פאָר, צווישן די עקספּלואַטירטע אַרבעטער." *)

קלאָרער קאָן גאָרניט זיין. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווערט אָפן אַרויסגעשטעלט ווי אַ פּאַרטיי וואָס שטייט נ י ט אויפן באמת־פרוכט־באַרן באָדן פון דעם קלאַסן־קאַמף פון די „מענטשן וואָס ווערן עקס־פּלואַטירט". זי איז אַ קליינבירגערלעכע רעפאָרם־פּאַרטיי.

דער ר ע פ אָ ר מ י ז ם פון דער ס. פּ. איז דער פונדאַמענט פאַר

---

*) אַז סאָלאָמאָן האָט ניט אויסגעדריקט קיין פּערזענלעכע מיינונג קאָן אויך דינען ווי אַ באַווייז דאָס פּאַלגנדיקע. מיט צוויי חדשים פאַר דעם, דעם 31טן אויגוסט, האָט דער „פאָרווערטס" געהאַט אַ לייט־אַרטיקל: „פאַרוואָס ליבעראַלן גייען אַריבער צום סאָציאַליזם". דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף דער אינ־טעליגענץ, אויפן קליינבירגער. דעם 18טן אָקטאָבער האָט אַב. קאַהאַן געהאַט אויף דער ערשטער זייט אַ שרייענדיקן אַרטיקל: „די אינטעליגענטסטע און בעסטע אַמעריקאַנער גייען אַריבער צו אונז". אין דעם אַרטיקל, ווי אין לייט־אַרטיקל, ווערט דער אַרבעטער אינגאַנצן אויסגעלאָזט אַלס פאַקטאָר אין דער „אויפבליאונג" פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. עס האַנדלט זיך וועגן אַ ל י נ י ע.

אלע אירע קאנטאקטן, פארבינדונגען, אפמאכן, מיט אנדערע פאליטישע פארטייען, פאר אלע אונטערשטיצונגען, וואס זי קריגט ביי דער בורזשואזיע, פאר איר גאנצער ליניע אין וואל־קאמפאניעס און ווען זי גייט אריין אין אמט, — א ליניע, וואס ארבעט ק ע ג ן די אינטערעסן פון די ארבעטער, פ א ר דער בורזשואזיע.

7. די ס. פּ. און רעוואָלוציע

דער קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן

אין „מלוכה און רעוואָלוציע”, אינם קאַפּיטל וועגן קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן, שרייבט לענין:

„די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס ווילן זיין תלמידים פון ענגעלסן, האָבן זינט 1873 מיליאָנען מאָל געשטריטן קעגן די אַנאַרכיסטן, אָבער געשטריטן האָבן זיי נ י ט אַזוי ווי מאַרקסיסטן מעגן און דאַרפן שטרייטן. די אַנאַרכיסטישע פאָרשטעלונג וועגן דער אָפּשאַפונג פון דער מלוכה איז פאַרפלאָנטערט און נ י ט ־ ר ע ו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר, — אָט אַזוי האָט ענגעלס געשטעלט די פראַגע. די אַנאַרכיסטן ווילן בשום אופן ניט זען דאָס אויפקומען און די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, אירע ספּעציפּישע אויפגאַבן בנוגע געוואַלט, אויטאָריטעט, מאַכט, מלוכה.

„ביי די היינטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז די קריטיק פונם אַנאַרכיזם דערפירט געוואָרן צו אמת'ער באַלעבעסלדיקער וואולגאַריטעט: „מיר, הייסט עס, אָנערקענען די מלוכה און די אַנאַרכיסטן ניט!”. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ וואולגאַריטעט האָט ניט געקאָנט ניט אָפּשטויסן די וויפיל ניט איז דענקענדיקע און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער.

„. . . די הערשנדיקע אָפיציעלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט די פראַגע וועגן די קאָנקרעטע אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע געוויינלעך אָפּגעפּטר'ט ענטוועדער פּראָסט מיט אַ באַלעבעסלדיקן געלעכטערל, אָדער, אין בעסטן פאַל, אַרויסגעדרייט זיך מיט אַ סאָפיזם: „מירן דעמאָלט זען”. און די אַנאַרכיסטן האָבן געקראָגן דאָס רעכט צו ריידן וועגן אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז זי פאַרראַט איר אויפגאַבע רעוואָלוציאָנער צו דערציען די אַרבעטער.” *)

די ווערטער זיינען גלענצנדיק אָנגעפּאַסט אויף דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט פון די צייטן פון קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן גע'ירשנ'ט די טבע פון „באַלעבעסלדיקן געלעכטער” וועגן רעוואָלוציע, אָדער פון „אַרויסדרייען זיך” פון דער פראַגע.

נאָך דער „גרויסער דעבאַטע” מיט די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָט זיך

---

*) באַנד 21, ז. 413 (צווייטע רוסישע אויסגאַבע).

רעדוצירט צו אַ קאַמף פאַרן באַלאָט, אָדער קעגן באַלאָט, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ווי זי איז אַרויסגעוואָקסן פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַלאָט־פּאַרטיי, וואָס אָנערקענט דעם עקזיסטירנדיקן שטאַט און וואָס טראַכט לחלוטין ניט וועגן רעוואָלוציע, אָפּגערעדט שוין פֿון דערציען די מאַסן צו אַזאַ זאַך.

פֿון יענע טעג, ווען די אָנהייבער פֿון דער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט", די אַנאַרכיסטן, האָבן אָפּגעשפּאָט פֿון די „באַלאָט־סאָציאַליסטן", ביז דעם יאָר 1928, ווען די ס. פּ. האָט די ווערטער „קלאַסן־קאַמף" אַרויסגענומען פֿון דער אַפּליקאַציע־קאַרטע פֿאַר מיטגלידער און דערקלערט דעמאָקראַטיע ווי אַ מיטל פֿון „פֿרידלעכער לייזונג פֿון די פּראָבלעמען פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט*), איז דער סאָציאַליזם אין אַמעריקע געווען — סאָציאַל־רעפֿאָרמיזם, אָדער, לויטן אויסדרוק פֿון דער ערשטער גרעסערער אָפּגעשפּאָלטענער גרופּע פֿון דער ס. ל. פּ., אין 1897, וואָס האָט זיך שפּעטער קאָנצענטרירט אַרום „פֿאָרווערטס" אויף דער איסט סאַיד — „פֿאָלקס־סאָציאַליזם". איינע פֿון די הויפּט־סיבות דערפֿון, וואָס די עלעמענטן וואָס האָבן שפּעטער געבויט די ס. פּ. האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן סיי פֿון די אַנאַרכיסטן און סיי פֿון דער ס. ל. פּ., איז געווען דאָס, וואָס סיי די אַנאַרכיסטן און סיי דע־ליאָן האָבן גערעדט, אָפּט גערעדט, שאַרף גערעדט, וועגן רעוואָלוציע — אמת, אין סאָפּיזמען, ניט צוגרייטנדיק די מאַסן דערצו, אָפּלייקענענדיק אָדער פֿאַרקריפּלענדיק די ראָל פֿון דער פּאַרטיי — בעת די קומענדיקע פֿירער פֿון דער ס. פּ., די הילקוויטס, בערגערס און די לייט פֿון דער איסט סאַיד אין ניו יאָרק, האָבן פֿון רעוואָלוציע ניט געוואָלט הערן.

דאָס הייסט ניט, אַז אין משך פֿון דער געשיכטע פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען ניט פֿאָרגעקומען קיין רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, אין וועלכע סאָציאַליסטן האָבן געשפּילט אַ ראָל. אָבער דאָס זיינען געווען סאָציאַליסטן וואָס זיינען געווען אונטערן איינפֿלוס פֿון העיוואָוד און דעבס. דאָס זיינען געווען רעוואָלוציאָנערע אַקציעס, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען קעגן דעם ווילן פֿון דער פֿירערשאַפֿט!

דער סאָציאַל־רעפֿאָרמיזם פֿון דער פֿירערשאַפֿט איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער גלייכגילטיקייט צו דער פֿאַרמער־פֿראַגע, צו דער

*) פֿון דער רעזאָלוציע אויף דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון 1928 (זע זייט 135).

נעגער־פראַגע, צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל. די ס. פּ. פירער האָבן ניט געטראַכט וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט—דערפאַר האָבן זיי ניט געטראַכט, ווי לענין האָט עס פאָרמולירט, וועגן שותפים צום פּראָלעטאַריאַט.

אין זיינע מעמוארן, ריידנדיק וועגן די אַנאַרכיסטן, וועלכע „האָבן געוואָלט רעוואָלוציע", דערציילט הילקוויט ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אין זיינע אויגן פאַרקערפּערט גאָר עטוואָס אַנדערש.

„אויף מיר, פון דער אַנדערער זייט", זאָגט ער וועגן דעם קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן געוואָלט רעוואָלוציע, „האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק דער פּראַקטישער אידעאַליזם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. סאָציאַליזם איז קיינמאָל ניט געוואָרן פאַר מיר אַ רעליגיעזע דאָגמע. איך האָב אָנגענומען די סאָציאַליסטישע פילאָזאָפיע, ווי אַן איבערצייגנדיקע זאַך — אינגאַנצן גענומען, ניט באַשטייענדיק אויף יעדן קאַפּיטל פון מאַרקסיסטישן גלויבן, פאַר זיך אָדער פאַר מיינע חברים." *)

מיר האָבן דאָ אין אַ פינגערהוט סיי די באַציאונג צו רעוואָלוציע, סיי די באַציאונג צו מאַרקסיזם.

מיט יאָרן שפּעטער, אין 1912, האָט עס שפּעטער הילקוויט גענויער פאָרמולירט אין זיין „סאָשעליזם סאָמד אָפּ" (סאָציאַליזם בקיצור), אַ בראָשור, וואָס איז געוואָרן דער אַני מאמין פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַ האַנט־בוך פאַר יעדן מיטגליד. דאָרט האָט הילקוויט אַנטוויקלט די טעאָריע, אַז אַ לאַנד קאָן ניט „אַריינגעטריבן" ווערן („בול־דאָוזד") אין סאָציאַליזם אַריין, און אַז „די סאָציאַליסטישע קאָנצעפּציע פונם וועלט־פּראָצעס איז עוואָלוציאָנער און ניט קאַטאַקליסטיש". סאָציאַליזם וועט ניט איינגעפירט ווערן „דורכן המון (ראַבל), וואָס ווערט פאַרצווייפלט דורך נויט און הונגער." **) און אויב מען וועט אפילו מוזן שטעלן זיך קעגן דער בורזשואַזער מינדערהייט, ווען מען וועט קריגן די מערהייט דורך לעגאַלע מיטלען, איז רעוואָלוציע סיי־ווי, ווי די „גע־

---

*) הילקוויט, „לוז ליווס", א. אַז. וו., זז. 4־10.

**) ציטירט פון דער 1טער אויסגאַבע, פאַרלאַג „מעטראָפּאָליטאַן מאַגאַזין", ניו יאָרק, 1912, ז. 50. אין אַן איבערערעדאַקטירטער אויסגאַבע, דערשינען אין פאַרלאַג „רענד סקול" אין האַרבסט 1920, האָט הילקוויט די און אַנדערע צו שאַרפע סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע און אַנטי־רעוואָלוציאָנערע פראַזן אַרויסגעוואָרפן. די מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי האָט דעמאָלט געשטימט פאַר אָנשליסן זיך אָן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל...

שיכטע" האָט „באַוויזן", בכלל אַ צופעליקער ענין. כדי צו זיין זיגרייך מוזן זיך די סאָציאַליסטן דערשלאָגן „אַן אבסאָלוטע מערהייט פון די וויילער און פון דער באַפעלקערונג." אין זעלביקן יאָר (1912) האָט דער ס. פּ. צוזאַמענפּאַר אַנגענומען די רעזאָלוציע קעגן „סאַבאָטאַזש" און האָט די פּאָליטישע אַרבעט רעדוצירט צו וואַלן (זע זייט 33).

אָט די בראָשור האָט הילקוויט אונטערגעטראָגן דער לאַסק־קאָמיטע, אין 1920, ווען די פינף אויסגעשלאָסענע סאָציאַליסטישע אַסעמבלי־לייט פון דער ניו יאָרקער אַסעמבלי (שטאַט־פּאַרלאַמענט) זיינען גע'משפט געוואָרן, — ווי אַ באַוויז, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז נ י ט קיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. דאָ האָט ער אויך דערקלערט, אַז ווען די סאָוועטן וועלן „באַפאַלן" די פּאַראייניקטע שטאַטן, וועט ער נעמען אַ ביקס און גיין פאַרטיידיקן דאָס לאַנד...

אָפּקויפן דעם קאַפּיטאַליזם...

דער פרידלעכער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם אַריין איז אַלע מאָל געווען דער יסוד פון דעם רעפאָרמיזם פון דער ס. פּ. נאָרמאַן טאָמאַס, אין זיין בוך „אַמעריקאַ'ס וועי אוט", האָט ניט אַנטדעקט דעם געדאַנק, אַז מען וועט דאַרפן א ו י ס צ א ל ן די קאַפּיטאַליסטן.*) נאָך אין 1912 (דעם 18טן יולי), ווען מען האָט אין קאָנגרעס געפרעגט וויקטאָר בערגער'ן, ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאָר די אָרדענונג וועט געענדערט ווערן פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אויף אַ סאָציאַליסטישער, האָט ער גע־ ענטפערט:

„געוויס וואָלטן מיר געקאָנט קריגן דאָס אייגנטום פון די טראַסטן אויפן זעלביקן שטייגער ווי זיי האָבן דאָס געקראָגן. די טראַסטן האָבן באַצאָלט פאַר זייער פאַרמעגן מיט פּאַרוואַסערטע אַקציעס (סטאָק), פּריווי־ לעגירטע (פּריפּוירד) און איינפאַכע (קאָמאָן). און מיר קאָנען געבן די בעסטע פּאַפּירן (סעקיורויטי) וואָס עקזיסטירט היינטיקן טאָג — די ווערט־ פּאַפּירן (באָנדס) פון די פּאַראייניקטע שטאַטן."

**) „מען קאָן אָנגעבן געגנוג טענות", האָט טאָמאַס געשריבן, „פאַרוואָס עס זאָלן קאָמפּענסירט ווערן די, וועמענס אייגנטום עס ווערט צום ערשטן סאָ־ ציאַליזירט." . . . „נאָך אַלעמען, זיינען אַ סך אייגנטימער שולדיק אין ניט קיין גרעסערן פאַרברעכן, ווי שפּילן די שפּיל לויט די אָנגענומענע כללים און אויס־ איבן אַ גרעסערע פונקציע מיט דער דערלויבעניש פון דער געזעלשאַפט."

ביל העיוואוד, וועלכער ברייננגט די ציטאַטע אין זיין בוך (ז. 260), באַמערקט ביטער, אַז בערגער איז דאָ געווען ווייט הינטערשטעליק אַפּילו פון אַזאַ בורזשואַזן פּראָגרעסיסט, ווי סענאַטאָר פּעטיגריו, וועלכער האָט אין זיין ביכל „אימפּיריאַל וואַשינגטאָן" באַוויזן, ווי אַזוי די טראָסטס האָבן זייער פּאַרמעגן פּשוט צוגערויבט פון אַמעריקאַנישן פאָלק. „קאָנ־גרעסמאַן בערגער", זאָגט העיוואוד, „וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן סאָציאַליסטישן צעטל, איז גרייט געווען צו באַזייטיקן דעם קלאַסן־קאַמף און צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דעם קלאַס עקספּלואַטאַטאָרס דורך געבן זיי די בעסטע זיכער־פּאַפּירן אין דער וועלט — די ווערט־פּאַפּירן פון די פאַראייניקטע שטאַטן!"

און אין דעם יאָר (1912) האָט די ס. פּ. אָנגענומען דעם „אַרטיקל 2, סעקשאָן 6", וואו דער באַלאָט איז דערקלערט געוואָרן ווי פּאָליטישע אַקציע און אַלצדינג אויסערן באַלאָט — ווי „פאַרברעכן, סאַבאָטאַזש, אָדער אַנדערע פאָרמען פון געוואַלט"!

פון יענע צייטן, ווען די אויבערהאַנט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט שוין פון לאַנג געהאַט דער הילקוויט־פליגל, דורך די ערשטע מלחמה־יאָרן, ווען טאָם מוני איז אין סאַן פראַנציסקאָ געווען געצוואונגען צו טראַנספערירן זיין מיטגלידערשאַפט אין דעם אָרטיקן אונגאַרישן ברענטש — ווייל ער איז פאַרן „רעגולערן", ענגלישן, ברענטש געווען צו רעוואָלוציאָנער, ביז מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, קלאַרענס סיניאָר, האָט דערקלערט אַ ברענטש אין אָהייאָ, אַז מען דאַרף ניט אַרבעטן פאַר דעם „דאַינאַמאַיטער" (דינאַמיט־מענטש) טאָם מוני, ביז צו די יאָרן ווען די פּאַרטיי האָט אָנ־געהויבן טראַכטן וועגן אַראָפּוואַרפן פון איר נאָמען דאָס וואָרט „סאָציאַ־ליסטישע", האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פּאַרטיי. הילקוויט'ס אַדוואָקאַטישע רעזערוואַציעס וועגן מאַרקסיזם האָבן אָפּ־געקלונגען אינם מויל פונם וואולגאַרן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אויפן צוזאַמענפאָר אין קליוולאַנד, אין 1924, אַז „מאַרקסיזם איז באַנק" (באָב־קעס!), און אין טאַמאַס'עס דערקלערונג אין אַ ניו יאָרקער צייטונג, אַז ער איז ניט קיין מאַרקסיסט.*) די פּאַרטיי האָט זיך אָפּן געשטעלט

---

*) „איוונינג טעלעגראַם", אויגוסט 26, 1930. „אַי העוו נעוווער קלעימד טו בי ען אָרטאָדאָקס מאַרקשיען" („איך האָב קיינמאָל ניט פּרעטענדירט צו זיין אַן אָרטאָדאָקסישער מאַרקסיסט"), האָט ער געזאָגט אין אַ בריוו אין רעדאַקציע.

אויף דער זייט פון עדואַרד בערנשטיין, וועלכער האָט „רעווידירט" מאַרקס'ן. ווען יענער איז געשטאָרבן, אין סוף 1932, האָט די סאָציאַליסטישע פּרעסע דערקלערט, אַז דער רעוויזיאָניזם איז אָנגענומען געוואָרן ניט נאָר פון איר אַליין, נאָר פון גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל (זע קאַפּיטל וועגן „פאָרווערטס").

ל׳: „מאַרקס האָט אַ טעות געהאַט"

ווען הילפערדינג, נאַפטאַלי און די אַנדערע טעאָרעטיקער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן אין די יאָרן פון דער צייטווייליקער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם געגומען אַנטוויקלען די טעאָריעס פון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", האָבן די היגע ס. פ. פירער, אַלע מאָל געטרייע נאָכפאָלגער פון דער דייטשער ס. ד., אָנגעהויבן ווידערהאָלן די טעאָריעס, כאָטש אויף אַן „איינפאַכערן" שטייגער. איינער פון די היגע טעאָרעטיקער, אַלדזשערנאָן לי, האָט עס פאָרמולירט אויף אַ צוזאַמענקונפט אין סאָציאַליסטישן קעמפּ (לאַגער) „טאַמימענט" דעם 1טן יוני, 1928:

> „... עס איז מער קיין פראַגע ניט וועגן געוויסע אַספּעקטן פון די פאָראויסזאָגונגען פון מאַרקס'ן, — נעמלעך, די טעאָריע פון פּעריאָדישע קריזיסן, די עטוואָס ברייטערע טעאָריע פון איבערפּראָדוקציע און אַרבעטלאָזיקייט, די פאָראויסגעזאָגטע אַראָפּנידערונג פון רעאַלע שכירות און די אַזוי־גערופענע טעאָריע פון דער זיך־פאַרגרעסערנדיקער נויט.
>
> „... נו, אָפן גערעדט, איך גלויב ניט, אַז מאַרקס, צי ענגעלס, האָבן קלאָר פאָראויסגעזען די מעגלעכקייט, אַז אַ הויך־אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַליזם זאָל קאָנען איינצאַמען די אַרבעטלאָזיקייט־בעסטיע." *)

אָט אַזעלכע מויערן האָט מען געשטעלט אויף דעם „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם"! דעם גאַנצן גאַנג פון דער עקאָנאָמישער געשיכטע האָט ער אָפּגעשטעלט, די גאַנצע לערע פון מאַרקס און ענגעלס האָט ער צעשמעטערט! אויס פּעריאָדישע קריזיסן, אויס איבערפּראָדוקציע און אַרבעטלאָזיקייט, אויס פאַפּעריזאַציע (פאַראָרימונג) פון די מאַסן! הילפערדינג און נאַפטאַלי האָבן גערעדט וועגן דעם זיך־אויסשפּרייטנדיקן

---

*) זאַמלונג פון רעדעס אויף דער באַראַטונג פון 1טן יוני, 1928, אונטערן באַדייטונגפולן נאָמען: „סאָשעליזם אָוו אָור טאַים" (סאָציאַליזם פון אונזער צייט). פאַרלאַג ווענגאַרד פּרעס, ניו יאָרק.

וואוילזיין, ווענן דעם אַז דער „אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַליזם" הויבט אָן אַלץ מער צו טיילן זיך מיט די מאַסן מיט זיינע פּראָפיטן, און די אַמעריקאַנישע „סאָציאַליסטישע" טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן — ווי אַלע מאָל — איבערגעקייט די רייד פון די דייטשע אָפּאָרטוניסטן, האָבן פּראָסט־פּשוט אַרויפגעצויגן אָנשטאָט די פּאָן פון מאַרקס'ן, די פּאָן פון קלאַסן־קאַמף — די פּאָן פון קולידזש און הואָווער און אייביקע פּראָספּעריטי! און די אַלדזשערנאָן ליס האָבן אונטערגעשמייכלט: מאַרקס און ענגעלס האָבן נעבעך ניט פאָראויסגעזען...

1928 איז געווען דאָס יאָר, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אויפגעדעקט. לי האָט אין יוני פון דעם יאָר נאָך פאַנאַנדערגעוויקלט דעם טעזיס, וואָס דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט אין אַפּריל (אין ניו יאָרק) אָוועקגעלייגט. דער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגענומען פון דער אַפּליקאַציע פאַר מיטגלידערשאַפט די ווערטער „קלאַסן־קאַמף". אָנשטאָט „איך גלויב אין קלאַסן־קאַמף", ווי עס איז געשטאַנען אין דער אַפּליקאַציע, וואָס דער מיטגליד האָט געדאַרפט אונטערשרייבן, איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן: „איך גלויב אין אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע אַקציע." די ס. פּ. האָט זיך אָפּן, שוואַרץ אויף ווייס, אָוועקגעשטעלט אַלס אַ באַלאָט־פּאַרטיי פיור ענד סימפּל. פרידלעכער איבערגאַנג צום סאָציאַליזם מיט דער הילף פונם באַלאָט.*)

ווען דער צוזאַמענפאָר (אין 1928) האָט אָנגענומען די ווייסגוואַרדייאישע רעזאָלוציע קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, איז דאָס געווען ניט סתם אַ פּראָטעסט קעגן דער באַהאַנדלונג פון די מענשעוויקעס־קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. דאָ איז קעגן דעם סאָוועטישן אופן פון בויען סאָציאַליזם אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ מין הואָווערשער אופן פון בויען סאָציאַליזם („סאָשעליזם אָוו אור טאַים", הייסט די זאַמלונג

*) אויפן צוזאַמענפאָר אין מילוואָקי, אין מאַי 1932, איז אַ פאָרשלאַג אַריינצושטעלן צוריק די ווערטער „קלאַסן־קאַמף" אין דער אַפּליקאַציע אָפּגעוואָרפן געוואָרן. עס איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָלגנדיקער נוסח: „איך, דער אונטערגעשריבענער, שלאָג מיך דאָ פאָר פאַר מיטגלידערשאַפט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַלע מיינע פּאָליטישע טעטיקייטן וועלן פאַר דער צייט, וואָס איך וועל זיין אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיין אין איינקלאַנג מיט דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, פּלאַטפאָרם און קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי" („ניו לידער", מאַי 28, 1932).

פון רעדעס פון לי און אַנדערע !). און באַלד נאָך די צוויי פּאַראַגראַפן פון ביטערער אַטאַקע קעגן סאָוועטן־רעזשים און רעוואָלוציע *), איז געקומען אַ פּאַראַגראַף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי :

„מיר פּראָטעסטירן אויך קעגן די רעאַקציאָנערע דיקטאַטורן, וואָס הערשן איבער איטאַליע, רומעניע און אונגאַרן. אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן די מאַסן פון אַלע מאָדערנע נאַציעס געקעמפט און זיך געאָפּפערט כדי צו עטאַבלירן דעמאָקראַטיע און בירגער־רעכט, ווי אַ באַזיס פאַר דער פרידלעכער ליזונג פון די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט", א. אַז. וו. (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

פונקט ווי עס איז ניט געווען קיינער אויפן צוזאַמענפאָר (אויף וועלכן טאָמאַס איז נאָמינירט געוואָרן פאַר פּרעזידענט אין די וואַלן פון דעם יאָר, צוזאַמען מיט דזשעימס מאַורער) — פּונקט ווי עס איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל זיך אָפּרופן מיט אַ וואָרט קעגן דעם ווייס־גוואַרדייאישן אַנטי־סאָוועטישן כאַראַקטער פון דער רעזאָלוציע, וואָס פּענקין האָט פאָרגעלייענט אין נאָמען פון דער רעזאָלוציע־קאָמיטע, אַזוי איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל זיך אָפּרופן מיט אַ וואָרט וועגן דעם טעזיס פון „פרידלעכער לייזונג פון די פּראָבלעמען". אָן שום דעבאַטן, איינשטימיק, האָט מען די רעזאָלוציע אָנגענומען.

היילן דעם קאַפּיטאַליזם

ענדלעך — רז. ענדלעך — קיין שום דעבאַטן איבער די פונדאַמענטאַלסטע ענינים. די ס. פּ. פירערשאַפט איז געקומען צו איר לאַנגגעגאַרטן אויסדרוק און זי האָט זיך באַרואיקט. זי איז מער ניט געווען געצוואונגען פון דער מיטגלידערשאַפט צו באַנוצן וועלכע עס איז רעוואָלוציאָנערע פליטערלעך. אין דער פּאַרטיי זיינען געווען צו ווייניק מיטגלידער און גאָר ווייניק אַרבעטער, וואָס זאָל שטערן די רו פון די באַלעבעסלעך. און אין לאַנד האָט געהערשט „פּראָספּעריטי"!

אין 1929 האָט געקראַכט דער „סאָציאַליזם" פון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם". דער קאַפּיטאַליסטישער כאַאָס איז געוואָרן אַזוי אָפן, אַז אַפילו בורזשואַזע עקאָנאָמיקער האָבן וועגן אים אָנגעהויבן ריידן. די „איינגעצאַמטע" אַרבעטלאָזיקייט־בעסטיע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון

*) זע זייט 108.

דער קייט. זעקס מיליאָנען אַרבעטלאָזע, אַכט, צען, פֿופֿצן, זיבעצן מיליאָן! האָט עס געהאַט אַ ווירקונג אויף די ס. פּ. פֿירער?

זיי זיינען געבליבן וואָס זיי זיינען אַלע מאָל געווען. די ווערטער „קלאַסן־קאַמף" זיינען געבליבן פֿון דרויסן. און נאָרמאַן טאָמאַס האָט אין זיין „אַמעריקאַ'ס וועי אוט", אין 1931, געשריבן וועגן די געמיינשאַפֿטלעכע אינטערעסן, וואָס די אַרבעטער און די פֿאַבריקאַנטן פֿאַרמאָגן (ז. 138). דאָ האָט מען שוין אַפֿנים נאָכגעפֿאָלגט די „נייע" טעאָריעס פֿון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער, וועגן „היילן דעם קאַפּיטאַליזם". און אָט דערפֿון נעמט זיך די שטיצע, וואָס סאָציאַליסטישע פֿירער גיבן דער נ.ר.א.

דער קראַך פֿון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם" האָט אין די אויגן פֿון די ס. פּ. פֿירער — פּונקט ווי אין די אויגן פֿון די ריין־בורזשואַזע טעאָרעטיקער — אַלץ ניט רעאַביליטירט מאַרקס'ן און ענגעלס'ן. די ס. פּ. פֿירער האָבן גענומען דופֿען אויף אַ נייער זאַך: מלוכה־קאַפּיטאַליזם. אויך דאָ האָבן די היגע ס. פּ. פֿירער נאָכגעזאָגט די פֿירער פֿון דער אייראָפּעאישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דעם 7טן נאָוועמבער 1931 (צום יובילײ פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע) האָט די ווינער „אַרבעטער־צייטונג" געשריבן:

> „מלוכה־קאַפּיטאַליזם, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿונם צוזאַמענברוך פֿון פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל, איז נאָך ניט סאָציאַליזם, אָבער ווען די מלוכה באַהערשט די בענק און דורך זיי די אינדוסטריע, ווערט דער מלוכה־קאַפּיטאַליזם פֿאַרוואַנדלט אין סאָציאַליזם אין דעם מאָמענט ווען די מאַסן, וועלכע אַרבעטן אין די פֿאַבריקן, דערשלאָגן זיך די מלוכה־מאַכט, וואָס פֿירט אָן מיט די פֿאַבריקן."*)

---

*) ציטירט לויט חבר בראַודער'ס „דהי מינינג אָוו סאָשיעל פֿאַשיזם" (די באַדייטונג פֿון סאָציאַל־פֿאַשיזם), ז. 33. בראַודער באַווייזט דאָ, אַז די דייטשע ס. ד. פֿירער האָבן באַנוצט די טעאָריע צו באַרעכטיקן זייער שטיצן ברינינג'ס רעאַקציאָנערן דעקרעטן־רעזשים. ער ציטירט דאָ ענגעלס'ן, וועלכער האָט דערקלערט: „די מאָדערנע מלוכה, אַלץ איינס וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם זי טראָגט, איז וועזנטלעך אַ קאַפּיטאַליסטישע מאַשין, די מלוכה פֿון די קאַפּיטאַליסטן, די אידעאַלע פֿערזאָניפֿיקאַציע פֿון דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם. וואָס מער פּראָדוקטיווע כוחות זי נעמט איבער, אַלץ מער נאַציאָנאַל־קאַפּיטאַליסטיש ווערט זי, אַלץ מער בירגער ווערן דורך איר עקספּלואַטירט. די אַרבעטער פֿאַרבליבן לוין־אַרבעטער — פּראָלעטאַריער. די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונג ווערט ניט אָפּגעשאַפֿט. פֿאַרקערט, זי ווערט מער פֿאַרשאַרפֿט."

דעריבער זיינען די אונטערהאַנדלונגען מיט דאַלפוס'ן געווען אַ מיטל פרידלעך אריינצוגיין אין סאָציאַליזם אריין...

דער עסטרייכישער „מארקסיזם" האָט שענדלעך באַנקראָטירט צוזאַמען מיטן אָפענעם רעוויזיאָניזם פון דער דייטשער ס. ד. די אַרבעטער האָבן צוליב די טעאָריעס טייער באַצאָלט. אָבער די ס. פּ. פירער גייען נאָך אַלץ אין די פוס־טריט פון די באַוערס און הילפערדינגס און קאַוטסקיס, — אויב אפילו זיי האָבן זיך אָפּגעלערנט פון די באַוערס, ווי מיר האָבן געזען, צו באַנוצן רעוואָלוציאָנערע פראַזן, אונטערגעשפּאַרט מיט נענוג „אויב"ס אויף סטראַטעגישע פּאָזיציעס...

די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער ס. פּ. זינט 1928 — און אין דעטראָיט, אין 1934, זיינען די ווערטער „קלאַסן־קאַמף" ווידער אריינגענומען געוואָרן — איז אַן ענדערונג וואָס איז אַ רעזולטאַט פון די שטימונגען פון די מאַסן אין לאַנד און אַ מיטל „נאָכצוקומען" אָט די שטימונגען, לויט אַן אַרבעט־איינטיילונג צווישן „לינקס" און „רעכטס", וואָס חבר קנאָרין האָט אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אין זיין רעדע אויפן 13טן פּלענום פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמינטערן אין דעצעמבער 1933.*)

די נייע לאַגע איז אַ רעזולטאַט פון אַרבעט־צעטיילונג (די „לינקע" שרייבן „לינקע" רעזאָלוציעס און די רעכטע טוען די רעכטע מעשים), און אַ רעזולטאַט פון אַ פאַנאַנדערפאַלונג פון אידייען. און די ס. פּ. האָט שוין אַ טראַדיציע פון אַזאַ פאַנאַנדערפאַלונג, און פון אַ פולשטענדיקער דיסציפּלינלאָזיקייט, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט די וואָס שטייען ביי דער אַרבעט — די רעכטע, געוויינלעך! — צו גיין ווי ווייט זיי ווילן נאָר!

מענשעוויסטישע דיסציפּלינלאָזיקייט

די אָרגאַניזאַציאָנעלע לויזקייט פון דער ס. פּ. איז אַן אַנדער אויסדרוק פון איר מענשעוויסטישן כאַראַקטער. אין 1928 איז אָט־די לויזקייט געקומען צום פולסטן אויסדרוק דורך הילקוויט'ס פאָרשלאַג, אין נאָמען פון דער קאָנסטיטוציע־קאָמיטע, אַז יעדער סאָציאַליסטישער

*) זע זייט 160.

ווײַלער זאָל פאַר א דאָלאַר א יאָר זיך קאָנען רעכענען ווי א מיטגליד פון דער ס. פּ., פּונקט ווי יעדער רעפּובליקאַנישער ווײַלער (אָדער דעמאָקראַטי־שער) רעכנט זיך פאַר א מיטגליד פון דער פּאַרטיי.*) דער צוזאַמענפאָר האָט עס אָפּגעוואָרפן — ניט צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, נאָר צוליב טעכנישע, צוליב „קאָנטראָל", צוליב דער אומבאַקוועמלעכקייט, וואָס צווייערליי סאָרטן מיטגלידער, „אַקטיווע" און „פּאַסיווע", וואָלטן גע־שאַפן. עס איז אָבער ניט ריכטיק צו ריידן וועגן מיטגלידער פון דער ס. פּ. ווי וועגן „אַקטיווע" — אויב אַפילו זיי צאָלן מער ווי א דאָלאַר א יאָר. איר האָט דאָ מיטגלידער, וואָס קומען קיינמאָל ניט צו קיין מיטינג פון זייער ברענטש, וואָס צאָלן איין זייער אָפּצאָל דורך א שליח, אָדער מען מאָנט עס ביי זיי אויף איין מאָל אין א לייכגערע צייט, און וואָס גיבן ניט קיין שום רעכענונג דער פּאַרטיי פאַר זייערע מעשים — פאַר זייערע פאַרבינדונגען מיט א רוזוועלט, אָדער לאַ־גוואַרדיא, פאַר זייער שטיצע דער נ.ר.א., פאַר זייער טעטיקייט אין די יוניאָנס, וואו זיי פירן געטריי דורך די ליניע פון וויליאַם גרין און מעטיו וואָל.

צוליב איר מענשעוויסטישער דיסציפּלינלאָזיקייט און פּרינציפּן־לויזקייט איז די מיטגלידערשאַפט פון דער ס. פּ. פאַרבונדן צווישן זיך דורך א צעשוואומענעם „סאָציאַליסטישן סענטימענט" און איז ניט אַן עלעמענט פאַר אַקציע. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אין 1919, ווען דער סענטימענט פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט איז אריבער אויף דער זייט פון רעוואָלוציע — אונטערן איינפלוס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין אייראָפּע — האָט אָבער אָט־די מערהייט ניט געקאָנט באַווייזן אַרויסצורייסן פון דער רעכ־טער פירערשאַפט דעם רודער פון דער פּאַרטיי, און האָט אויך ניט באַוויזן, אוועקגייענדיק פון דער פּאַרטיי, צו אַריין אין א נייער, רעוואָלוציאָנערער, פּאַרטיי. פון די העכער 90 טויזנט מיטגלידער, וואָס די ס. פּ. האָט פאַר־לאָרן נאָך דער שפּאַלטונג אין סעפּטעמבער 1919, זיינען בלויז א פאָר צענדליק טויזנט אַריין אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען באַלד

*) סטענאָגראַפישע פּראָטאָקאָלן פונם צוזאַמענפאָר אין ניו יאָרק, אין אַפּריל 1928, ז. 7־ד.

געגרינדעט געוואָרן.*) עס האָט געדויערט פיל יאָרן ביז דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט זיך איינגעגבן אפילו אין אירע אייגענע רייען אויסצוראָטן די מענשעוויסטישע ירושה און איינשטעלן באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען. אין דער ס. פּ. איז ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן די מענשעוויסטישע דיסציפּלינלאָזיקייט, די אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשוואומענקייט, די איינשטעלונג אויף „אויטאָנאָמע" שפּראַך־פעדעראַציעס, וואָס אַלץ צוזאַמען איז עס אַן אויסדרוק פון דעם רעפאָרמיסטישן אינהאַלט פון דער פּאַרטיי.

*) קאָמוניסטישע פּאַרטיי און קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. זיי האָבן זיך אין מאַי 1921 פאַראייניקט אין איין קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויך דער פאַקט וואָס צ ו ו י י פּאַרטייען זיינען געגרינדעט געוואָרן איז ענג פאַרבונדן מיטן צושטאַנד פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער ס. פּ.

8. דער „פֿאָרווערטס“

„די צייטונג איז ניט די ס. פּ.“

אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי וועט איר טרעפֿן טוער, וואָס אַז איר דערציילט זיי וועגן די מעשים פֿון „פֿאָרווערטס“, מאַכן זיי אַוועק מיט דער האַנט: אָ, דער „פֿאָרווערטס“! דערציילט מיר ניט וועגן „פֿאָרווערטס“! די צייטונג איז ניט די ס. פּ.

אַנדערע לייגן דערביי צו אַ ניט־שמייכלהאַפֿטן קאָמפּלימענט אויפֿן רעכענונג פֿונם רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג, אב. קאַהאַן, און דערמיט זוכט מען אָפּצוקומען. אָבער אַזאַ שטעלונג איז ניט נאָר אַ צייכן פֿון דער לויזקייט, ניין — פֿון דער אינערלעכער צעפֿוילונג אין דער ס. פּ., נאָר אויך אַן אויסדרוק פֿון היפּאָקריזם. די זעלביקע וואָס ריידן אַזוי וועגן „פֿאָרווערטס“ זוכן ביי דער צייטונג „מאָראַלע“ און פֿינאַנציעלע הילף, ש פּ אַ ר ן ז י ך אָ ן אָן דער צייטונג — בעת וואַל־קאַמפּאַניעס, אין זייערע קאַמפֿן קעגן קאָמוניסטן, קעגן לינקע.

דער „פֿאָרווערטס“ איז אַ גרויסער כוח אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. דער „פֿאָרווערטס“ איז די גרעסטע און רייכסטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און די א י י נ־צ י ק ע סאָציאַליסטישע טעגלעכע צייטונג אין די (אינדוסטריעלע) מזרח־שטאַטן פֿון לאַנד. דער „פֿאָרווערטס“ מאַכט ניט סתם „טעות'ן“, האָט ניט סתם „משוגעת'ן“, נאָר ער פֿירט דורך אַ ל י נ י ע. ער דריקט אויס, און פּאַרטייטשט דורך פּראַקטישע מעשים, די ליניע פֿון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי ה אָ ט ניט קריטיקירט, און קריטיקירט ניט, די ליניע פֿון „פֿאָרווערטס“. די פּאַרטיי גיט איר ש ט ע מ פּ ל דעם „פֿאָרווערטס“, אויף אירע צוזאַמענפֿאָרן, דערקלערט אים ווי אַ סאָציאַליסטישע צייטונג.

מיר האָבן ניט בדעה צו געבן דאָ אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער געשיכטע און דער פּראַקטיק פֿון „פֿאָרווערטס“. דאָס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל אָרט.*)

---

*) אויספֿירלעכער וועגן „פֿאָרווערטס“ — אין אַ סעריע אַרטיקלען „30 יאָר „פֿאָרווערטס“, געדרוקט אין דער „פֿרייהייט“ אין 1927.

מיר וועלן דאָ געבן אַ ריי פאַקטן, אַרויסגעריסן — טיילווייז צופעליק אַרויסגעריסן — פון דער געשיכטע און פּראַקטיק פון „פאָרווערטס", וועלכע וועלן גענוג שאַרף כאַראַקטעריזירן די צייטונג און במילא איר פּאַרטיי.

די צייטונג איז קודם אַ געלע שונד־צייטונג, וואָס דריקט איר שונד־שטאָף, פּאָרנאָגראַפיע־שטאָף, שונד־ראָמאַנען, בריוו פון „געבראָכענע הערצער" מיט עצות פון רעדאַקציע, ווי אַן אויסגערעכנט מיטל כדי דער־מיט צו פאַנגען און האַלטן לייענער.*) אויף וויפיל דער שטאָף פאַר־גרעבט, פאַרוואולגאַריזירט, פאַרטעמפּט און וויגט איין דעם אַרבעטער — און דערפאַר איז דאָך שונד אַ מיטל אין הענט פון דער בורזשואַזיע — אויף אַזוי פיל האָט דער „פאָרווערטס" שוין דורך זיין שונד אַליין גע־האָלפן, און העלפט, אונטערגראָבן די אַרבעטער־באַוועגונג.

דער „פאָרווערטס" איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אָפענעם רעוואָלט פון אַ גרופּע אָפּאָרטוניסטן קעגן פּאַרטיי־דיסציפּלין, קעגן פּאַרטיי־פּרעסע, און האָט אין דער גאַנצער ס. פּ. געשאַפן אַ ליניע קעגן פּאַרטיי־קאָנטראָל איבער דער פּרעסע. דער „פאָרווערטס"

---

*) דעם 15טן מערץ, 1902, ווען קאַהאַן האָט צום צווייטן מאָל — און אויף זיין גאַנצער לעבנס־צייט — איבערגענומען די רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", האָט ער אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג אָפּגעדרוקט אַ מעלדונג, אין אַ קאַסטן, וואו ער האָט געזאָגט, אַז די נייעס אין „פאָרווערטס" וועט זיין גע־שריבן „אויף ריינע פליינע אידישע אידיש, און מיר האָפן אַז יעדע שורה וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם גאַנצן אידיש־שפּרעכענדען פאָלק פון גרויס ביז קליין". קאַהאַן האָט אָנגעזאָגט אַרטיקלען, וואָס דער „פאָרווערטס" וועט דרוקן — „וועגן אוירישע אָדער איטאַליענישע קריסטן, וואָס האָבן זיך מגייר געווען צוליב מעדכען פון אידישן קוואַרטאַל", „וועגן אָרימע אידן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין קאַלעדזש אָדער אין האַי־סקול", און אַ נייעם ראָמאַן „דעם פּראָצענטניק'ס טאָכטער". דעם 29טן מערץ (1902) לאָזט די רעדאַקציע וויסן: „מיר האָבן אָנגעזאַמלט מאַסן פאַקטן וועגן די חתונות אין אידישן קוואַרטאַל, וועגן די פאַרזעסענע מעדכען פון קוואַרטאַל, וועגן מעדכען וואָס האָבן חתונה צו פרי, וועגן די אַלטע בחורים פון קוואַרטאַל." דאָ איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ פּראָגראַם, וועלכע איז זינט דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אויסגעהאַלטענעם און ענערגישן אופן. שונד, פּאָרנאָגראַפיע, און די צווילינג־ברידער פון שונד — דער וואולגאַרסטער אָפּאָרטוניזם, נאַציאָנאַליזם. אַ צייטונג פון „דעם גאַנצן אידיש־שפּרעכענדן פאָלק פון גרויס ביז קליין", ניט קיין קלאַסן־צייטונג, פון אַרבעטער־קלאַס.

האָט זיך דערקלערט ווי אַן אָרגאַן פון גאַנצן אידישן פאָלק. און זינט 1898, ווען דער „פאָרווערטס" האָט אויף זיין נעלן שטייגער געשריען הורא פאַר דער מלחמה מיט שפּאַניע, און האָט אָנגערופן דער־ליאַנ'ען: „דער שפּאַניער הקדוש", ביז 1929, ווען זיין פּראָ־ציוניסטישער רעדאַקטאָר האָט אין זיינע קעיבלס פון פּאַלעסטינע געלאָזט וויסן, אַז די ענגלישע באָמבע־עראָפּלאַנען, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קעגן די אַראַבער, זיינען די שענסטע מוזיק אין זיינע אויערן, איז דער „פאָר־ווערטס" געווען דורכגעזאַפּט מיטן אידישן שאָוויניזם.

דער „פאָרווערטס" דריקט פולשטענדיק אויס די ליניע פון דער „אַלטער גוואַרדיע", פון הילקוויט, לי, בערזשער, פּענקין, וואָלדמאַן, אָניל, און אויף אַזאַ אופן — די ליניע פון דער פּאַרטיי (ביזן דעטראָיטער צוזאַמענפאָר) אָדער אַ ליניע פון דער פּאַרטיי. די מייסטע פון די פירער פון אַט־דער גוואַרדיע זיינען מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט ("פאָר־ווערטס"־אַסאָסיעישאַן), וואָס גיט אַרויס די צייטונג. אין אַלע קאַמפּן קעגן רעוואָלוציע, אין די קאַמפּן קעגן די „אַי־דאַבליו־דאַבליו", קעגן ביל העיוואוד, קעגן די לינקע אין 1919 און אין די ווייטערדיקע יאָרן, איז דער „פאָרווערטס", אויף זיין ווילדן שטייגער, געווען דער טשעמפּיאָן פון די רעכטע. דער שטייגער זיינער — דער שטייגער פון אַ ריכטונג — איז אויסגעדריקט געוואָרן אויף ענגליש אין דעם זאַמלבוך „היר דהי אָדהער סאַיד" (זע ז. 114), אין אָנילס אָנפאַל (זע ז. 115), און אין דעם אָנפאַל פון איינעם פון די פירער פון די רעכטע, דער אַדוואָקאַט לואיס וואָלדמאַן, וועלכער פּרובירט זיך איבערנעמען דעם מאַנטל פון מאָריס הילקוויט, אויף דעם צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט, וואו ער האָט באַצייכנט די „פּרינציפּן־דעקלאַראַציע" — „אַ פּראָוואָצירנדיקע, אַנאַרכיסטישע, אומלעגאַלע און קאָמוניסטישע דאָקטרין."*)

פאַר דער רעוויזיע פון מאַרקסן

עס וואָלט, ווי געזאָגט, פאַרנומען צופיל אָרט צו בלעטערן דעם רעקאָרד פון „פאָרווערטס" זינט 1897. עס וועט דאָ גענוג זיין צו דער־מאָנען עטוואָס דערפון, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געשריבן די לעצטע יאָרן.

---

*) ניו לידער", פּטער יוני, 1934.

דער זעלביקער „פאָרווערטס", וואָס האָט נאָכן דעטראָיטער צוזאַמענ־פאָר געקלאָגט, אַז די „לינקע" באַשטייען פון „סטודענטן, גלחים, פאַרלאָר־רעוואָלוציאָנערן" (קאַהאַן, יוני 10), האָט דעם 31טן אויגוסט 1930, אין אַ לייט־אַרטיקל: „פאַרוואָס ליבעראַלן גייען אַריבער צום סאָציאַליזם" באַזונגען דעם פאַקט, וואָס „די סאָציאַליסטישע אידייען האָבן גענומען אַריינדרינגען אין די אַמעריקאַנער קאַלעדזשעס". און דעם 30טן אָקטאָבער (1930) פון דעם זעלביקן יאָר האָט דער זעלביקער קאַהאַן געהאַט אַן אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט: „די אינטעליגענטסטע און בעסטע אַמעריקאַנער קומען צו אונזער פּאַרטיי."

אין דעם טאָג פון די פּרעזידענט־וואַלן פון 1932 (8טן נאָוועמבער) האָט דער „פאָרווערטס" געשריבן אין אַ לייט־אַרטיקל:

> „היינט איז דער טאָג ווען דער בירגער זאָגט אַרויס זיין וואָרט. ער איז היינט דער העלד פון טאָג: ער איז היינט דער מעכטיקער הערשער, וועלכער באַשטימט ווער עס זאָל רעגירן אין לאַנד אין פאַרלויף פון די נעקסטע עטלעכע יאָר."

דער אַ ר ב ע ט ע ר ווערט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט. אומעטום רופט מען דעם „בירגער", אַ ל ע בירגער, וועלכע באַשטימען ווער עס זאָל רעגירן... דאָס גאַנצע „אידיש־שפּרעכענדע פאָלק"...

דעם 20טן דעצעמבער 1932, אין אַ לייט־אַרטיקל וועגן עדוואַרד בערנשטיין, שרייבט דער „פאָרווערטס":

> „די פרומע „אָרטאָדאָקסישע" מאַרקסיסטן, וואָס האָבן געהאַלטן הייליק יעדעס וואָרט וואָס קאַרל מאַרקס האָט ווען אַרויסגעזאָגט, האָבן בערנשטיינ'ען ביטער אַטאַקירט. אייניקע האָבן זאָגאַר געפאָדערט, אַז מען זאָל אים אויסשליסן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַלס פאַררעטער. גליקלעכערווייז האָט די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ניט געפאָלגט די עצה פון די דאָזיקע פאַנאַטיקער. בערנשטיין איז פאַרבליבן אַ מיטגליד אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און עס איז ניט אַוועק קיין 10־15 יאָר, ווי זיינע אידייען און פּרינציפּן האָבן געזיגט, פריער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד און דערנאָך אויך אי ן ד ע ר ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר ב אַ װ ע ג ו נ ג פ ו ן ג אַ נ ץ א י ־ ר אָ פּ ע." (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

דעם 12טן פעברואַר, 1933, פאַסט דער „פאָרווערטס" צו די בערנ־שטיין־ליניע צו דער לאַגע אין אַמעריקע און דערקלערט (קאַהאַן), אַז מיליאָנערן ליידן פון קריזיס, און אַז „אויב די לאַגע זאָל אַזוי גיין ווייטער

און ווייטער וועט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס גאַר אָן רעוואָלוציע בלייבן אויס קאַפּעליוש־מאַכער".

אריבערגייענדיק די אַלע ציטאַטן און באַמערקונגען אָן קאָמענטאַרן — ווייל זיי ריידן פאַר זיך אַליין, וועט זיין וויכטיק ע ט ו ו אַ ס אָפּ־צושטעלן זיך אויף דער באַציאונג פון „פאָרווערטס" צו דער נ.ר.א. און צו רוזוועלט'ן. פ אַ ר ש ט י י ט ז י ך, אַז דער „פאָרווערטס" האָט דאָ געגעבן נאָר שטיצע, און מיט דער פולער האַנט, און אויף זיין צע־כראַסטעטן אופן.

הורא פאַר רוזוועלט'ן

באַלד ווי רוזוועלט האָט איבערגענומען די מאַכט (מערץ 1933) האָט זיך דער „פאָרווערטס" געשטעלט צום דינסט פון ווייסן הויז. האָט רוז־וועלט אויף זיין דעמאַגאָגישן שטייגער גערעדט וועגן העכערן די שכירות פון די אַרבעטער, האָט עס דער „פאָרווערטס" געלאָזט וויסן דורך די גרעסטע, אַכט־שפּאַלטיקע, קעפּ, אויף דער ערשטער זייט. די נ.ר.א. איז ביים „פאָרווערטס" געווען אַ שטיק געזעצגעבונג צום גונסטן פון די אַרבעטער, קעגן די באַלעבאַטים. דעם 14טן אויגוסט (1933) האָט דער „פאָרווערטס" געשריבן אין אַ לייט־אַרטיקל:

> „דער גאַנצער ריקאָווערי־פּלאַן איז אַ נייע ניט־אויסגעפּרובירטע זאַך, און איז זייער אַ דעליקאַטער ענין. דעריבער פאָדערט ער אַ סך פאַר־זיכטיקייט פון אַלע צדדים, און אַ געטריישאַפט און איבערגעבנקייט פון אַלע צדדים, און אי ן ד ע ר ע ר ש ט ע ר ל י נ י ע — פ ו ן ד י אַ ר ב ע ט ע ר." (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

דעם 15טן אויגוסט (1933) האָט דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון די אַרבעטער־נייעס אין „פאָרווערטס" (לואיס שייפער) געשריבן, אַז עס איז „מעגלעך", אַז

> „די גרויס־קאַפּיטאַליסטן, וועלכע מוזן איצט שטילערהייט קריצן מיט די ציין, וועלן זיך ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויפוואַרפן אויף רוזוועלט'ן און אים פאַרניכטן."

ניט אַז רוזוועלט און די נ.ר.א. זיינען אינסטרומענטן פון קאַפּיטאַ־

ליזם, נאָר אַז ביידע שטעלן זיך איין פאַר די אַרבעטער אין קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע „מוזן איצט שטילערהייט קריכן מיט די ציין"... און די ס. פּ. פירערשאַפט, וועלכע האָט מיט אַ קאַרגן יאָר שפּעטער דערקלערט אין דעטראָיט, אַז זי האָט פון אָנהויב דערזען די קלאַסן־ראָל פון דער נ.ר.א., צום גונסטן פון קאַפּיטאַליזם, האָט אין זומער 1933 גאָרניט געזאָגט וועגן אַזעלכע אַרויסטרעטונגען. דער „פאָרווערטס" האָט אויך דאָ נאָר אויסגעדריקט איר מיינונג — אפשר אויף אַ צו־גראָבן און אומפּאַרזיכטיקן אופן.

אַזוי ווייט איז מען געגאַנגען מיט דער פּרינציפּנלאָזער צעכראַסטעטער הילף פאַר רוזוועלט'ן, אַז דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" האָט דעם 5טן אָקטאָבער 1933 דערקלערט אויף אַ ריזן־מיטינג פון נאָדל־אַרבעטער אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן (גרעסטער זאַל פון ניו יאָרק), אַז רוזוועלט וואָלט געקאָנט ווערן אַ פולשטענדיק־באַרעכטיקטער מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס איז שוין געווען צופיל — ניין, צו אָפן, און אויף ענגליש, פאַר דער גאַנצער וועלט — און די פּאַרטיי האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע זיך דורכצורעדן מיט קאַהאַנ'ען...

מלחמה, שאָוויניזם, רעליגיע

פון די אויבן־געבראַכטע מוסטערן און פון זיין האַנדלונג אין 1898, איז קלאָר, אַז דער „פאָרווערטס" שטיצט און וועט שטיצן אימפּעריאַליסטישע מלחמות. בעת דער פאַרגאַנגענער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה איז דער „פאָרווערטס" צום אָנהויב, ביז 1917, געווען פּראָ־דייטש, אויף זיין צעכראַסטעטן שטייגער (די פּאַרטיי האָט, פאַרשטייט זיך, ניט רעאַגירט אויף דעם). ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה, אין 1917, איז דער „פאָרווערטס", ווידעראַמאָל אויף זיין שטייגער, אַריבער אויפן אַנדערן קאַפּיטאַליסטישן מלחמה־האַלטנדיקן צד (און אויך אויף דעם, פאַרשטייט זיך, האָט די פּאַרטיי ניט רעאַגירט). און כדי צו באַווייזן דער וועלט אויף וועלכער זייט דער „פאָרווערטס" געפינט זיך, כדי ניט פאַרפאָלגט צו ווערן ווי דעבס און אַנדערע, האָט קאַהאַן דעם 8טן אָקטאָבער (1917) דערקלערט אין דער ניו יאָרקער טעגלעכער צייטונג „סאַן":

„די אַנאַרכיסטן פּרעדיקן מלוכה־פּאַראַט (סעדישאָן); די סאָציאַליסטן זיינען קעגן דעם, און דערפאַר האַסן אונז די אַנאַרכיסטן."

„עס איז געווען מיין פּאָליסי אין לויף פון 35 יאָר, אַז *איינמאָל איז אַ געזעץ אָנגענומען מוזן מיר אים אויספאָלגן*. געוויס זיינען מיר פּאַציפיסטן, אָבער *ווייט פון שטעלן זיך קעגן דעם געזעץ, וואָס צווינגט גיין אין מיליטער* (דרעפט), האָבן מיר איינגעשטעלט אַ באַצאָלטע ביוראָ פון אינפאָרמאַציע, אונטער מיין פּערזענלעכער אויפזיכט, כדי צו דערקלערן דעם געזעץ און *לערנען געהאָרכזאַמקייט*. די ביוראָ באַדינט פון פינף הונדערט ביז זיבן הונדערט מענטשן אַ טאָג. אין קעמפּ אָפּטאָן זיינען איצט פאַראַן אַרום טויזנט פון אונזערע באָיעס און אַ סך פון זיי האָבן ביי אונז אָנגעפרעגט וועגן דרעפט־געזעץ. אונזער ענטפער איז אַלעמאָל געווען: *איר זייט איצט אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, זייט אַ גוטער סאָלדאַט*." אַלעמאָל איז עס מיין ליניע געווען — שטענדיק. „*אונטערדריקט אייערע אַנשויאונגען, אויב זיי שטימען ניט מיט די אַנשויאונגען פון אייער לאַנד*," זאָג איך זיי. „מיר גלויבן אין אַ רעגירונג פון דער מערהייט." (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

דאָס זיינען קלאָרע און אָפענע ווערטער פון אַ סאָציאַל־פּאַטריאָט, אַ סאָציאַל־שאָוויניסט! ווען מען וועט פאַרגלייכן די ווערטער מיט די ווערטער פון אַן אַנדער רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער טעגלעכער צייטונג, וויקטאָר בערגער, וועלכער האָט דעם 6טן אַפּריל דערקלערט אין „מילוואָקי לידער": „די סאָציאַליסטן זיינען לאָיאַל היינט, לאָיאַל זיינען זיי געווען אַלע מאָל, און לאָיאַל וועלן זיי פאַרבלייבן", וועט קלאָר זיין, אַז קאַהאַן האָט אויך דאָ בלויז אויף אַ מער אָפענעם שטייגער אויסגעדריקט די מיינונג פון דער גאַנצער פירערשאַפט פון דער ס. פּ.

איז קלאָר, אַז די דאָזיקע צייטונג פאַרן „גאַנצן אידיש־שפּרעכענדן פאָלק" וועט זיך שטעלן אויף דער זייט פון די מלחמה־פּאַטריאָטן אין דער קומענדיקער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. דאָס איז אַן עכט־פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנישע צייטונג און אַן עכט־שאָוויניסטישע אידישע צייטונג. דער „פאָרווערטס" איז פּראָ־ציוניסטיש, שטיצט די היסטאַדרעס (פּאַלעסטינישע „סאָציאַליסטישע" געווערקשאַפטן) אין איר קאַמף צו „איינגעמען

די אַרבעט" פון די אַראַבישע אַרבעטער, און דרוקט אויך רעליגיעזן שטאָף.*)

נאָר אַט וועלן מיר ברענגען אַ ציטאַטע פון „פאָרווערטס", וואָס אין „ליכט" פון איר ע ווערטער ווערט פשוט לעכערלעך צו זוכן ביים „פאָרווערטס" עוולות אין פרט פון רעפאָרמיזם, אָפּאָרטוניזם, סאָציאַל־שאָוויניזם!

*) די ס. פּ. האָט אויף איר צוזאַמענפאָר אין 1908, ווען דער רעוואָלוציאָנערער פליגל איז, ניט רעכענענדיק 1919, געווען אויף זיין העכסטן פונקט פון איינפלוס, אָנגענומען מיט 79 שטימען קעגן 78 אַזאַ רעזאָלוציע וועגן רעליגיע: „די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז הויפּטזאַכלעך אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַוועגונג. זי קימערט זיך ניט וועגן די אינסטיטוציעס פון חתונה אָדער רעליגיע." אויב אַזוי האָט געהאַלטן מיט דער גאַנצער ס. פּ., איז שוין קלאָר ווי עס האָט געהאַלטן און עס האַלט מיטן „פאָרווערטס", אָרגאַן פון „גאַנצן אידיש־שפּרעכענדן פאָלק". גילטנדיק אָפיציעל ווי ניט־רעליגיעז, האָט ער ניט געזשאַלעוועט רעליגיעזע טערמינען אַפילו אין „סאָציאַליסטישער" אַרבעט. צום ביישפּיל, בשעת הילקוויט איז געווען אַ קאַנדידאַט צום קאָנגרעס אויף דער איסט סאַיד, אין 1908, האָט דער „פאָרווערטס" אין דעם טאָג פון די וואַלן געשריבן: „אַזוי ווי אַן ערלעכער פרומער איד, איינוויקלענדיק זיך אין טלית יום כיפור גיט אַוועק זיין ריינסטן גייסט, רעדט מיט אַ ציטערנדיע האַרץ, אָפּגעבענדיק דין וחשבון דער געטלעכער מאַכט, אַזוי דאַרפט איר זיך פירן היינט אין דער פרי, אָפּגעבן דין וחשבון דער נאַציאָן, דער גאַנצער מענטשהייט, זיך אַליין, אין דעם הייליקן מאָמענט פון שטימען." פון דעם דאָזיקן „סאָציאַליסטישן" שונד, וואָס האָט אינדירעקט פאַרשפּרייט רעליגיע, האָט דער „פאָרווערטס" פּראָגרעסירט ביז אָפּדרוקן ביי זיך אויף אַ זייער אָנגעזעענעם אופן די רעליגיעז־שאָוויניסטישע אַרטיקלען פון שלום אַש, וואו עס איז געזאָגט געוואָרן: „מיר גלויבן אין אויסבאַהאַלטענער געטלעכער גערעכטיקייט"... „מיט בטחון אין אונזער האַרץ אויף דער אויסבאַהאַלטענער געטלעכער גערעכטיקייט נעמען מיר אָן מיט געבויגענע קעפּ די שטראָף, וואָס גאָט האָט אויף אונז געשיקט." . . . „די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון דער אידישער אמונה, וועלכע האָט געפורעמט דאָס אידישע פאָלק, מוז באַנייט ווערן, מוז אויסגעבריט ווערן און מוז אָננעמען מאָדערנע פאָרמען. און דאָ קאָן און מוז אונז קומען צוהילף ארץ ישראל." („פאָרווערטס, 1טן סעפּטעמבער, 1934, ריידנדיק וועגן היטלעריזם. אַן ענלעכער רעליגיעז־שאָוויניסטישער אַרטיקל פון אַש'ן איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" פון 15טן סעפּטעמבער, 1934.)

סאַקאָ און װאַנזעטי — „רױבער און האָלד־אַפּניקעס"

אין 1927 — און פֿאַר דעם יאָר — איז אַמעריקע און די גאַנצע װעלט געװען אױפֿגערודערט צוליב דעם ענין סאַקאָ און װאַנזעטי. אין די טעג אײדער מען האָט די צװײ מאַרטירער פֿאַרברענט אױפֿן עלעקטרישן שטול, און אין דעם טאָג גופֿא (פֿאַר דער נאַכט פֿון 22טן אױפֿן 23טן אױגוסט, 1927), זײנען אין אַמעריקע פֿאָרגעקומען די גרעסטע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס אין דער געשיכטע פֿון אַרבעטער־קאַמף פֿון דעם לאַנד. אָבער דעם 24טן אױגוסט, װען די קערפּערס פֿון די צװײ מאַרטירער זײנען נאָך ניט געװען אָפּגעקילט, האָט דער געהילף־רעדאַקטאָר (און אין קאַהאַנ'ס אָפּװעזנהײט — פֿאַקטישער רעדאַקטאָר) פֿון „פֿאָרװערטס", הלל ראָגאָף, געשריבן, און אױף מאָרגן (25טן) אָפּגעדרוקט, די פֿאָלגנדיקע װערטער:

„אין די לעצטע צװאַנציק יאָר זײנען דאָ פֿאָרגעקומען פֿיר באַרימטע מאָרד־קעיסעס, װעלכע זײנען געװען פֿאַרבונדן מיט דער אַרבעטער און ראַדיקאַלער באַװעגונג: די מאָיער־העיװאוד־קעיס אין 1905, די מעק־נאַמאַראַ־קעיס אין 1914, די טאָם מוני־קעיס אין 1916 און די סאַקאָ־װאַנזעטי־קעיס אין 1921. מיט װאָס האָבן זיך אַלע קעיסעס געענדיקט?

„מאָיער, העיװאוד און פּעטיבאָן זײנען באַפֿרײט געװאָרן; די מעק־נאַמאַראַס האָבן זיך דערקלערט שולדיק אין מיטן טרײַעל מיט דער באַ־דינגונג, אַז זײער שטראָף זאָל זײן אַ טערמין פֿון פּריזאָן, ניט טױט; טאָם מוני איז געפֿונען געװאָרן שולדיק, פֿאַר'משפּט געװאָרן צום טױט, און דערנאָך איז די שטראָף פֿאַרביטן געװאָרן אױף לעבנס־לענגלעכע געפֿענגעניש; סאַקאָ און װאַנזעטי זײנען הינגעריכטעט געװאָרן.

„... ניט אַזױ איז געװען דער פֿאַל מיט סאַקאָ און װאַנזעטי. פֿאַר דער עפֿנטלעכקײט זײנען די צװײ מענטשן גע'משפּט געװאָרן אַלס *אײנ־פֿאַכע פֿאַרברעכער*, אַלס *רױבער און האָלד־אַפּניקעס*. פֿאַר *דער װעלט האָבן זײ מיט זיך ניט פֿאָרגעשטעלט קײן אַרבעטער־באַװעגונג*. דער מאָרד, אין װעלכן זײ זײנען באַשולדיקט גע־װאָרן, איז ניט געװען פֿאַרבונדן מיט קײן ראַדיקאַלע אָדער אַרבעטער־טעטיקײט." (אונטערגעשטראָכן פֿון מיר. — פּ. נ.)

אָט־די היסטאָרישע נידערטרעכטיקײט — צו באַצײכענען די צװײ מאַרטירער אױף אַזאַ אופֿן — איז דער „פֿאָרװערטס" באַגאַנגען אין זײן פֿאַרזוך צו אײנשטילן די אױפֿגעברױזטע מאַסן, צו רעאַביליטירן די אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַליסטישע „גערעכטיקײט". אָט, מיט „לעגיטימע"

אַרבעטער־פירער באַגייט זיך די גערעכטיקייט גאָרניט אַזוי שלעכט! מאַיער, העיוואוד און פעטיבאָן זיינען באַפרייט געוואָרן, און די מעק־נאַמאַראַס און טאָם מוני זיינען „בלויז״ אויף שטענדיק פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע... אָבער סאַקאָ און וואַנזעטי? —

סאַקאָ און וואַנזעטי, פאַר וועמען די אַרבעטער פון אַמעריקע און פון דער גאַנצער וועלט זיינען געגאַנגען אין קאַמף, זיינען געווען „איינפאַכע רויבער און האָלד־אָפּניקעס״, האָבן ניט געהאַט קיין שייכות מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן פאַר דער וועלט ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין אַרבעטער־באַוועגונג!

דערפאַר זיינען וויליאַם גרין און מעטיו וואָל שטענדיק אין די אויגן פון „פאָרווערטס״ די פאַרקערפּערונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. וואָס פאַר אַ געמיינהייטן די לעיבאָר־פאַרפירער זאָלן ניט אָפּטאָן, וואָס דער שוואַרץ־מאה'ניק מעטיו וואָל, פּרעזידענט פון דער סיוויק פעדערעישאָן, זאָל ניט טאָן, וועט אין „פאָרווערטס״ ניט נאָר ניט זיין קיין וואָרט קריטיק קעגן זיי, נאָר אויף ווי ווייט מעגלעך וועט מען זוכן זיי צו שיצן און שטיצן.

אַזוי האָט דער „פאָרווערטס״ (ווידעראַמאָל דורכן מויל פון הלל ראָגאָף) געשטיצט וויליאַם גרינ'ען אין זיין פּראָוואָקאַציע קעגן די קאָמוניסטן (אויגוסט 1934) און אויך געשטיצט זיין פּלאַן, אַז קאָמוניסטן זאָלן באַזייטיקט ווערן אַלס מיטגלידער פון די יוניאָנס.

ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פון גרין און וואָל צום „סאָציאַליסטישן״ „פאָרווערטס״, איז מעטיו וואָל געקומען צום באַנקעט פאַר אַב. קאַהאַנ'ען און אים באַגריסט, ווען יענער איז געוואָרן 70 יאָר אַלט.*) דער פאַרבאַנד צווישן וואָל און דעם „פאָרווערטס״ איז אויסגעשמידט געוואָרן דורך דער אומגעהויערער ברייטער „מאָראַלער״ און פינאַנציעלער הילף, וואָס די צייטונג האָט געגעבן אין דער פּאָגראָם־אַטאַקע אויף די לינקע אין די נאָדל־יוניאָנס, באַזונדערס אין קאַמף קעגן די פּאָריער (פוטערוואַרג־אַרבעטער), וואו דער פּאָגראָם איז געפירט געוואָרן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, די געריכטן, דער אונטערוועלט, אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון מעטיו וואָל. דער „פאָרווערטס״ האָט געגעבן

---

*) דעם 15טן יולי, 1930. אויפן באַנקעט, אין ברעוואור האָטעל, זיינען צווישן אַנדערע געווען: הילקוויט, טאָמאַס, וואָל, לי.

גרויסע סומען געלט און האָט טאָג־טעגלעך געהעצט, צוגעשטעלט די געמיינסטע פּראָוואָקאַציעס.

אָבער ניט ווייניקער, אפשר נאָך מער, איז דער פאַרבאַנד צווישן „פאָרווערטס" און מעטיו וואָל (און ענלעכע וויס־גוואַרדייער) צעמענטירט געוואָרן צוליב דער שטעלונג פון „פאָרווערטס" קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַ ווייס־גוואַרדייאישע צייטונג

אָן שום אָפּהאַלטונג און קוואַליפיקאַציעס דאַרף דערקלערט ווערן, אַז עס איז ניטאָ אין די פּראָגרעסיווע שטאַטן קיין שום קאַפּיטאַליסטישע צייטונג (איינגעשלאָסן אַפילו די הוירסט־צייטונגען), וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיטן „פאָרווערטס" אין פּרט פון העצן קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און זאָל קאָנען גיין נאָך נידעריקער, ווי דער אָרגאַן פון דער ס. פּ. איז געגאַנגען און גייט אין זיין העצע! אָט דאָ האָבן מיר אַ ריכט־שנור פון דער ליניע פון דער ס. פּ.

דער געמיינער רעקאָרד פון „פאָרווערטס" אויף דעם געביט איז אַ צו־לאַנגער. מיר ווילן דאָ אָן שום באַמערקונגען ברענגען אַ ריי צופעליק־אָפּגעקליבענע ביישפּילן.

דעם 30טן אויגוסט, 1930, האָט דער „פאָרווערטס" געשריבן אין אַ לייט־אַרטיקל: „די מאַסן־אַרעסטן פון די ספּעציאַליסטן און געלערטע אין סאָוועט־רוסלאַנד":

> „די מאַסן־אַרעסטן פון די ספּעציאַליסטן און געלערטע זיינען אַ רעזולטאַט פון דעם געוואַלדיקן דורכפאַל פון סטאַלינ'ס פּלענער. דער סאָוועטישער דיקטאַטאָר זוכט דורך די אַלע אַרעסטן פון איין זייט צו שאַפן ביי די רוסישע מאַסן דעם איינדרוק, אַז די „בורזשואַזע" ספּע־ציאַליסטן און געלערטע זיינען עס כלומרשט שולדיק אין דעם דורכפאַל פון זיינע „סאָציאַליסטישע" פּלענער."... „פון דער אַנדערער זייט זוכט ער זיך אויסצורייניקן דאָס לאַנד פון די אַלע עלעמענטן, אַרום וועלכע עס קאָנען זיך גרופּירן די וואַקסנדע אַרמייען פון אומצופרידענע קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן."

דעם 21טן סעפּטעמבער האָט דער „פאָרווערטס" געשריבן אין אַ לייט־אַרטיקל:

„אַז אין רוסלאַנד איז פאַראַן אַ ריזיקע אַרמיי פון אַרבעטלאָזע מענער און פרויען, וואָס זיינען וויליק צו טאָן די שווערסטע אַרבעט און זיי האָבן קיין שום מעגלעכקייט ניט און קיין שום האָפענונג ניט צו קריגן אַרבעט, לייקענען דאָך אַפילו די סאָוועטישע ציַיטונגען ניט."

דעם 11טן אָקטאָבער, 1932, האָט דער „פאָרווערטס" אָן שום באַמערקונג אָפּגעדרוקט אויף אַן אָנגעזעענעם אופן אַ בריוו פון איינעם מ. חכם, וואו עס ווערט געזאָגט:

„אַלע פויערים, אַלע אידן, אַפילו פיל סלוזאַשצעס (באַאמטע) קוקן אַרויס, אַז עס זאָל אַריין אַן אַנדער וולאַסט (רעגירונג). עס וואָלט גאַנץ רוסלאַנד געלאָפן אַנטקעגן. . . .

„גיט אַ טעלעגראַמע צו דעם באַנדיט סטאַלין. עס איז אַ וולאַסט (רעגירונג) פון באַנדיטן. זיי ראַבעווען אַלץ און שיקן קיין אויסלאַנד, און מיר זעען אַז איר ווייסט ניט פון גאָר. ראַטעוועט אייערע ברידער! מיר ווייסן, אַז מיט אייער געשריי וועט איר אונז העלפן בעסער ווי מיט געלט! צעשיקט כאָטש דעם בריוו. אויב חשי"ת וועט העלפן, אַז מיין בריוו וועט קומען צו אייך. שווייגט ניט."

דעם 20טן נאָוועמבער, 1932, דרוקט דער „פאָרווערטס" אַ גרויסן אַרטיקל פון זיין מיטאַרבעטער מ. איוואַנאָוויטש, אונטער אַן אַכט־שפּאַלטיקן קאָפּ: „איז דער דורכפאַל פון די באָלשעוויקעס אַ דורכפאַל פון סאָציאַליזם?". דאָרט זאָגט זיך:

„האָט ניט קיין מורא פאַר דעם טויט פון דער רוסישער דיקטאַטור, וועט איר טויט ניט זיין שרעקלעך פאַרן סאָציאַליזם." . . . „סיי פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, סיי פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט דאַרפן מיר ביי יעדער מעגלעכקייט אַראָפּוואַרפן פון זיך יעדן פאַרדאַכט און באַקעמפן ענערגיש יעדע באַשולדיקונג, אַז דער סאָציאַליזם איז פאַראינטערעסירט אין דעם ווייטערדיקן לעבן פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור."

דעם 31טן דעצעמבער, 1932, שרייבט דער „פאָרווערטס" אין אַ לייט־אַרטיקל: „די נייע גזרות אין רוסלאַנד" (וועגן דעם דעקרעט צו שניידן די צאָל אָנגעשטעלטע אין די קאָנטאָרן, און דעם דעקרעט אַז שפּייז־קאַרטן זאָלן קאָנטראָלירט ווערן אין די פאַבריקן):

„נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן באַרויבט פריער די בורזשואַזיע און דערנאָך די פויערים, איז פאַר זיי איצט ניט געבליבן קיין אַנדער וועג ווי אָוועקצונעמען דעם לעצטן שטיקל ברויט

אויך ביי די באַאמטע, ביי די אַרבעטער און אַפילו ביי אַ גרויסן טייל קאָמוניסטן אויך. מיט יעדער נייער גזירה פאַרגרעסערט סטאַלין אַלץ מער און מער די צאָל פון זיינע געגנער און פיינט, ניט נאָר צווישן די פּויערים, נאָר אויך צווישן די אַרבעטער און קאָמוניסטן. ווי לאַנג קאָן עס אַזוי אָנהאַלטן?״ (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — ג. נ.)

דעם 1טן יאַנואַר, 1933, עפנט אויף דער „פאָרווערטס״ דאָס נייע יאָר מיט אַ ריזן־אַרטיקל אונטער אַן אַכט־שפּאַלטיקן קאָפּ: „בלוטיקע לעבעדיקע גרוסן פון דער טראַגישער לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד״, געשריבן פון איינעם אַ ב. גאָרדאָן פון תל אָביב.

דעם 14טן אַפּריל, 1933, אין פאַרבינדונג מיטן פּראָצעס קעגן די אינזשענערן פון דער ענגלישער וויקערס קאָמפּאַניע, שרייבט דער „פאָרווערטס״ אין אַ לייט־אַרטיקל:

„פאַר די וואָס זיינען נאָר עטוואָס באַקאַנט מיט סטאַלינ׳ס מעטאָדן, איז פון אָנפאַנג אָן געווען קלאָר, אַז די „פאַרשווערונג״ פון די ענגלישע אינזשענערן, וואָס די געפּעאו האָט אַנטדעקט אין מאָסקווע, איז ניט מער ווי שווינדל און פּראָוואָקאַציע.״

„. . . אום צו צווינגען די אַרעסטירטע „מודה״ צו זיין זיך, דאָס הייסט, שפּייען זיך אַליין אין פּנים אַריין און אויך פאַראַכטן אַנדערע מענטשן, ווענדט די געפּעאו אָן אַזוינע מיטלען, צו וועלכע די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרן אַפילו האָבן זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן.״

און איינער פון די מיטלען, לויטן לייט־אַרטיקל פון „פאָרווערטס״, איז — אָנטאָן די אַרעסטירטע ברייטע הויזן, אָן קנעפּלעך, אָן שטריק, און —

„די אומגליקלעכע מוזן זיך באַוועגן אונטערהאַלטנדיק די גאַנצע צייט די הויזן.״

דעם 31טן מערץ, 1934, אין אַ לייט־אַרטיקל: „דער סאָוועטישער קאָנסול געפינט אַ דירה״, שרייבט דער „פאָרווערטס״ וועגן דעם, וואָס דער קאָנסול האָט אין ניו יאָרק אָפּגעדונגען אַ גרויסע שיינע הויז לעבן סענטראַל פּאַרק:

„דער טייפל מוז לאַכן: דער פּאַלאַץ איז אַמאָל אויסגעבויט געוואָרן מיט אַרבעטער־בלוט און איצט וועט ער אויפגעהאַלטן ווערן מיט אַרבעטער־בלוט.״

מיר מוזן זיך אָפּשטעלן. מען וואָלט געקאָנט אויספילן באמת גאַנצע ביכער מיט די ציטאַטן פון אַרטיקלען און לייט־אַרטיקלען, וואָס די דעגענערירטע מוחות פון די וויים־גוואַרדייער, וואָס פירן אָן מיט דער רעדאַקציע פון דער „סאָציאַליסטישער״ צייטונג, און באַטייליקן זיך אין

איר, האָבן אָפּגעדרוקט. מיר האָבן שוין פאַרנומען צופיל אָרט. אָבער עס איז קלאָר, אַז די אויבן־געבראַכטע צופעליק־אָפּגעקליבענע ציטאַטן וועלן זיין גענוג אויף צו געבן אַ באַגריף וועגן דער ראָל פון „פאָרווערטס".

אריבער און אריבער גענוג — צו כאַראַקטעריזירן די פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וועלכע שטיצט זיך אויף דער דאָזיקער רייכער צייטונג, האַלט אוים פאַרטיי־אינסטיטוציעס, איינגעשלאָסן דעם „ניו לידער", מיט דער הילף פון די געלטער פון דער צייטונג, און גיט אויך דער דאָזיקער צייטונג אַ סאָציאַליסטישע חתימה אויף יעדן פון אירע צוזאַמענפאָרן.

9. צוויי וועגן

די צעפאַלונג פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל

אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין פאַריז, אין אויגוסט 1933, האָט אַ רעדנער געזאָגט, אַז דער אונטערשייד פון די ריכטונגען אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז אַזוי גרויס, ווי עס איז גרויס דער אונטערשייד צווישן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אַרבעטער אין היטלער׳ס אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מיניסטער אין דער שוועדישער רעגירונג. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק וועגן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, פון דער טריבונע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל גופא, איז ניט ווייניקער עכט — און ניט ווייניקער בילדלעך — ווי די כאַראַקטעריסטיק פון דער אַמעריקאַנישער ס. פּ. געשילדערט אין אירע אייגענע אָרגאַנען, ווי מיר האָבן דאָס געזען צום סאַמע אָנהויב.

די צעמישעניש אין דער אַמעריקאַנישער ס. פּ. איז נאָר אַ טייל פון דער צעמישעניש אין דעם גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

ניין, פיל מער ווי צעמישעניש. די מערהייט פון דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע אויף דער פּאַריזער קאָנפערענץ (פּעליקס, קריגער, לעווינסאָן, סיניאָר) האָט געזאָגט אין איר באַריכט: „די פאַנאַנדערפאַלונג פונם קאַפּיטאַליזם טרעפט אין די סאָציאַליסטישע רייען ניט סתם אַ צעמישעניש, נאָר — אין אירע שטאַרקסטע סעקציעס — מפּלות און פאַנאַנדערפאַלונג. אין דער שעה פון די גרעסטע מעגלעכקייטן, האָבן מיר געזען, ווי אונזער סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך, צוערשט אין רוסלאַנד, דערנאָך אין איטאַליע, און איצט אין דייטשלאַנד, אַרומגעוואַקלט צווישן קאָמפּראָמיס און אומאַנטשלאָסנקייט, ביז די זיגן, וואָס זיינען געוואונען געוואָרן דורך דורות־לאַנגע סאָציאַליסטישע קרבנות, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שענדלעכע מפּלות. דער רעקאָרד פון דער בריטישער לייבאָר פּאַרטי אין די צוויי לייבאָר־רעגירונגען איז פון זעלביקן סאָרט קאָמפּראָמיס־גייסט; און ווייניק פּאַרטייען אינם אינטערנאַציאָנאַל זיינען

ניט געפּאַרבט ביז אַ געוויסער מאָס מיט דער זעלביקער באַרשט, וואָס האָט פאַרשווארצט די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.״*)

דאָס אַריינוואַרפן אין איין טאָפּ רוסלאַנד — מיט איטאַליע און דייטשלאַנד, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די פירער פונם „לינקן״ פליגל אין דער ס. פּ. אָבער וואָס זיי זיינען געצוואונגען געווען צו זאָגן וועגן זייער אייגענעם אינטערנאַציאָנאַל, איז געווען נאָר אַ קליינער טייל דערפון וואָס זיי אַליין וואָלטן געקאָנט טאָן, באַזירנדיק זיך כאָטש אויף די פאַקטן פון זייער אייגענעם באַריכט.

זיי דערציילן, ווי דער „לינקער״ דע-פראַנציסקאָ פון שפּאַניע האָט געפרעגט דעם פירער פון דער דייטשער ס. ד., אָטאָ וועלס, ווען יענער האָט דערקלערט, אַז די אַרבעטער האָבן ניט געוואָלט קעמפן:

— מיט וואָס פאַר אַ סאָרט פּראָפּאַגאַנדע האָט איר געהאָדעוועט די דייטשע אַרבעטער, אַז זיי האָבן ניט געוואָלט קעמפן, ווען דער מאָמענט פון קאַמף איז געקומען?

אָטאָ וועלס האָט געזאָגט ר כ י ל ו ת אויפן דייטשן אַרבעטער. די פירער פון די דייטשע געווערקשאַפטן זיינען געווען געצוואונגען צו דער-ציילן, אַז זיי זיינען דעם 20טן יולי, 1932, ווען פאָן-פּאַפּען האָט אַראָפּ-געוואָרפן די בראַון-סעווערינג רעגירונג, פאַרפלייצט געוואָרן מיט אָנפראַגן פון גאַנצן לאַנד: וואָס זאָלן מיר טאָן? די אַרבעטער רייסן זיך צו גענעראַל-סטרייק! די דייטשע אַרבעטער האָבן יאָ געוואָלט קעמפן. אָבער די פראַגע פון דע-פראַנציסקאָ האָט דערמאָנט — נאָר ד ע ר מ אָ נ ט, מיט אַ פ ר אַ ז ע — אָן אַ ליניע, וואָס לעניו האָט אַוועקגעלייגט מיט יאָרן פריער, אַ ליניע וואָס איז דער קעגנזאַץ פון דער ליניע פון די פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז די ליניע צ ו צ ו ג ר י י ט ן די אַרבעטער צום גוואַלטזאַמען קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע (זע זייט 61).

דער באַריכט פון דער מערהייט פון דער אַמעריקאַנישע דעלעגאַציע קלאָגט זיך דערויף, וואָס היטלער האָט זיך פראַנק און פריי דורכגע-שפּאַצירט צו דער מאַכט, בעת „די סאָציאַליסטן אַליין זיינען פאַרבליבן דאָן-קיכאָטישע באַשיצער״. דער באַריכט קלאָגט דערויף, וואָס אַרטור הענדערסאָן איז אַלס פאָרזיצער פון דער „אַנטוואָפענונג״-קאָנפערענץ פון

*) אָפיציעלער באַריכט (מולטיגראַפירט), אַרויסגעגעבן פון הויפּט-אָפיס פון דער אַמעריקאַנישער ס. פּ., שיקאַגאָ.

דער פעלקער־ליגע געקומען (אין זומער 1933) צו היטלער'ן אין די אינ־טערעסן פון „אנטוואָפענונג און פרידן"... דער באריכט ווייזט אָן, אז אָטאָ באוער, אין זיין באריכט פאר דער מערהייט פון דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע אויף דער פאריזער קאָנפערענץ, איז געווען געצוואונגען אָפּנהארציק צו דערקלערן:

— די קאָמיסיע האט געמוזט זיין באשיידן. קיינער וועט ניט זיין צופרידן מיט איר באריכט. מיר האָבן אין אים פארקערפערט נאָר יענע מיינונגען, וואָס זיינען אונז אלעמען געמיינשאפטלעך.

אָט פון דעם באריכט, ווי עס דערציילט די מערהייט פון דער אמעריקאַנישער דעלעגאציע*), האט אָטאָ באוער אַרויסגעוואָרפן דעם פאראגראף: „די דייטשע דעמאָקראטיע פון דער צוקונפט וועט זיין ענטוועדער סאָציאליסטיש, אָדער זי וועט גאָרניט צושטאנד־קומען. אין די פאשיסטישע לענדער מוז דער ציל פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאמף זיין ניט דאָס אומקערן זיך צו דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, נאָר דער זיג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע." אָן צווייפל האט מען דעם פאראַ־גראף ארויסגעוואָרפן לויט דעם באשטיין פון די דייטשע פאַרשטייער. דאָס האט א טייל פון זיי פונדעסטוועגן ניט געשטערט מיט חדשים שפעטער, אין יאנואר 1934, ארויסצולאָזן דעם „באַרימטן" אויפרוף וועגן רעוואָלוציאָנערן קאמף אין דייטשלאנד, אונטערן לאָזונג: „נייער בע־גינען" (נייער אָנהויב). פאסירט האט עס, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אז די סאָציאַל־דעמאָקראטישע מאסע אין דייטשלאנד איז אוועק אויף א נייעם וועג.

די מעטאָדן פון קאמף קעגן מלחמה זיינען ניט באטראכט געוואָרן אין באוער'ס רעזאָלוציע־קאָמיסיע. דאָ האט געוויס געפעלט געמיינשאפט־לעכקייט צווישן די דעלעגאטן... און אָן אַנדער וויכטיקער פאראגראף איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון באוער'ס באריכט: „דער אינטערנאציאָ־נאַל וועט מיט אלע זיינע מיטלען זיך שטעלן קעגן יעדן אָנגריף אויפן סאָוועטן־פאַרבאנד. ער פאַרדאַמט נאָכאַמאָל די באנדיטעריי פון יאַפּאַ־נעזישן אימפעריאליזם קעגן דער כינעזישער רעוואָלוציע און די געפאר

*) די מינדערהייט איז באשטאנען פון דזשעיקאָב פענקין און הערמאַן קאָבע. זי איז געגאנגען מיט דער מערהייט פון 291 אויף דער קאָנפערענץ, בעת די מערהייט (4) פון דער אמעריקאנישער דעלעגאציע איז געגאנגען מיט דער מינדערהייט פון 18 אויף דער קאָנפערענץ.

וואָס יאַפּאַן באַשאַפט אויפן מזרח־גרענעץ פון רוסלאַנד."*) אויך דאָ האָט געפעלט געמיינשאַפטלעכקייט...

די צעמישעניש, די פאַנאַנדערפאַלונג, די גייסטיקע צעפוילעניש, ווערט קלאָר פון זייערע אייגענע רייד.

די בורזשואַזיע און דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל שפּיגלט אָפּ אין זיך די פאַנאַנדער־פאַלונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דאָס ניט קאָנען אייניגן צווישן זיך — אויף אַ קאָנפערענץ פון אַן „אינטערנאַציאָנאַל"! — אויף דער פראַגע פון קאַמף קעגן מלחמה, איז נאָר אַן אויסדרוק פון דער פּערמאַנענץ פון דעם אויגוסט 1914 פּעריאָד, אין די פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איינגעשלאָסן, פאַרשטייט זיך, די אַמעריקאַנישע.

דער גאַנצער קריזיס פון דער בורזשואַזיע, די פאַרלאָרנקייט פון אירע וואָרט־זאָגער און אידעאָלאָגן, די אומזיכערקייט, דאָס אָנכאַפּן זיך אָן פאַרשיידענע רפואות („טעכנאָקראַטיע", „נ.ר.א." און אַנדערע „לייזונגען"), די אומפאַרמיידלעכע אַנטוישונגען — דאָס אַלץ מוז זיך אָפּשפּיגלען אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון דער פירערשאַפט, וועלכע האָט אין אויגוסט 1914 געשלאָסן מיט דער בורזשואַזיע אַ בונד אויף לעבן און טויט, און האָט פאַרפעסטיקט דעם בונד אין 1918 און שפּעטער, ווען די ס. ד. פירער האָבן אין מער ווי איין לאַנד געראַטעוועט די בורזשואַזיע פון אונטערגאַנג. ניט די בורזשואַזיע קאָן עס פאַרגעסן, ניט די ס. ד. פירערשאַפט קאָן — און וויל — דעם בונד איבעררייסן.

די פירערשאַפט פון דער דייטשער ס. ד. איז געווען אַזוי גרייט צו דינען דער בורזשואַזיע, אַפילו נאָך דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, אַז זי האָט זיך (אין פעברואַר 1933) צוריקגעצויגן פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל — כדי צו בלייבן אין „נאַציאָנאַלע" ראַמען. „די באַציאונגען צווישן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און דער דייטשער ס. ד. האָבן פאַקטיש אויפגעהערט", האָט לעאָן בלום, פירער פון דער פראַנצויזישער ס. פּ., געשריבן אין דער ווינער „אַרבעטער־צייטונג" דעם 7טן

---

*) דאָרט, זייט 3.

פּעברואַר, 1933, נאָכדעם ווי אָטאָ װעלס האָט רעזיגנירט פון דער ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. און נאָר דער פאַקט, וואָס היטלער האָט די ס. ד. פירער אַפילו ווי משרתים ניט געוואָלט האַלטן ביי זיך — ווייל ער האָט געמוזט צעשמעטערן די ס. ד. פּאַרטיי, מורא האָבנדיק, אַז זי וועט ווערן אַ באַזע פאַר די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן — נאָר דעמאָלט האָבן זיך די װעלס'עס אומגעקערט צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, ווי קיינער וואָלט גאָרניט געמיינט... מיט לייכטן געמיט אַרויס און מיט לייכטן געמיט געקומען צוריק. און מען האָט זיי אָן שום באַדינגונגען, אָדער אויסריידן, אַריינגענומען, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט...

ווייל עס האַנדלט זיך דאָ בכלל ניט וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַל! ווי דין עס איז ניט געווען דער באַנד צווישן די פאַרשיידענע פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פאַר 1914, איז אָבער אָט־דער באַנד אין 1914 אויף שטענדיק איבערגעריסן געוואָרן! יעדע פּאַרטיי איז — באַנוצנדיק דעם אויסדרוק פון דער אַמעריקאַנישער מערהייט־גרופּע אין פּאַריז — פאַרשוואַרצט געוואָרן מיט דער זעלביקער שאָוויניסטישער בארשט. און דעם קאָליר קאָנען זיי שוין פון זיך ניט אָפּוואַשן.

דאָס איז שוין אַפילו דער פאָרזיצער פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, עמיל וואַנדערוועלדע, געווען געצוואונגען צו דערקלערן נאָך אין 1931:

„איך וואָלט געקאָנט ברענגען נייע פאַקטן פון אַלע לענדער צו באַווייזן אויף ווי ווייט מיר זיינען איצט, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געוואָרן אַן אמת'ע מאַסן־פּאַרטיי, ביז די העלזער איינגעטונקען אין סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. ווען מיר האָבן אין בעלגישן פּאַרלאַמענט ניט לאַנג צוריק געטאָן אונזער פליכט אין קאַמף קעגן די באַוואָפענונג־קרעדיטן, האָט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיטגליד פון פּאַרלאַמענט דערקלערט, אַז זינט דער מלחמה האָט ער ניט געגעבן אַ דייטש די האַנט. כמעט אין דער אייגענער צייט האָט איינער פון אונזער דייטשע חברים דערקלערט אין אַ קאָמיסיע פון רייכסטאַג, אַז אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַלער פּאַרטיידיקונג שטייט ער אויף דער זייט פון גענעראַל גרענער קעגן די קאָמוניסטן." *)

אָט וואָס פאַר אַן „אינטערנאַציאָנאַל"! איז נאָך אַ וואונדער, וואָס

---

*) זשורנאַל „קאַמף", ווין, יולי־אויגוסט, 1931. ציטירט פון בעלאַ קון'ס „דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער אין פּראָצעס פון אויפלייזונג" („דהי סעקאָנד אינטערנעשאָנאַל אין דיסאָלוישאָן"), ניו יאָרק, 1933.

אזעלכע נאציאנאלע „סאָציאליסטן" האָבן געלייגט דעם באָדן פאַר נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם? און איז א וואונדער, וואָס אין פאַריז, אין אויגוסט 1933, האָט מען ניט געפונען קיין געמיינשאַפטלעכן באָדן אין דער פראגע פון קאמף קעגן מלחמה? אז אפילו אויף דעם אינטערנאציאָנאַלן סאָציאליסטישן קאָנגרעס אין ווין, אין 1931, ווען די וועלטלאַגע איז נאָך ניט געווען אזוי פאַרשאַרפט, האָט מען זיך אין די קאָמיסיעם ארומגעדונגען וועגן ווערסאַלער אָפּמאַך, וועגן די מלחמה־חובות און וועגן אנטוואָפענונג, פונקט ווי מען דינגט זיך ארום אין די קאָמיסיעם פון דער פעלקער־ליגע — זיגער און „ווערסאַלער" מלוכות אויף איין זייט, און באזיגטע און אנטי־ווערסאַלער מלוכות אויף דער אנדערער.

בורזשואזע דעמאָקראטיע אָדער פּראָלעטארישע דיקטאטור

דער קאמף צווישן די „לינקע" אין דער אמעריקאנישער סאָציאליסטישער פאַרטיי און דער „אלטער גוואַרדיע", צווישן די וואָס באַנוצן די פראַזן וועגן פּראָלעטארישער דיקטאטור און די וואָס שטייען שטאָל און אייזן פאַר דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, איז א גענויע קאָפּיע דערפון וואָס קומט פאָר אין אלע פאַרטייען פון צווייטן אינטערנאציאָנאַל. אין יעדער פון די פאַרטייען איז דאָ א „לינקער" פליגל, וואָס רעדט לינקע רייד, כדי צו „איינגעמען" די ראַדיקאַל־ווערנדיקע מיטגלידער, כדי איינצוהאַלטן זיי אין די רייען פון דער סאָציאליסטישער פאַרטיי. די „שטאַרקייט" פון די פראַזן פון די דאָזיקע „לינקע" ווענדט זיך אָן דעם שטאַרקן אָדער שוואַכן דרוק פון דער מיטגלידערשאַפט פון אונטן.

אזא מייסטער אויף פראַזן ווי אָטאָ באַוער איז דאָ א גלענצנדיקער ביישפּיל. אין פאַריז, פאַר פעברואַר 1934, האָט ער פון זיין באַריכט ארויסגעוואָרפן די פראַזע וועגן קאמף פאַרן „זיג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע" (ווער ווייס וואָס דאָס איז!). דערפאַר אָבער נאָך פעברואַר 1934, ווען דאָלפוס האָט צעשמעטערט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראטיע, און די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער האָבן אָנגעהויבן אריבערגיין צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָט אָטאָ באַוער, אין יולי 1934, געשריבן אין נומער 20 פון דער (אין טשעכאָסלאָוואַקיע ארויסגעגעבענער) „ארבעטער־צייטונג", אז א סך סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער זיינען אריינגעפאַלן אין דעם „טעות" צו מיינען, אז „רעוואָ־

לוציאָנערן קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור קאָן מען פירן נאָר אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם". באַוער האָט שוין איצט געזוכט צו איבערצייגן די, ווי ער אַליין זאָגט, נייַנציק פּראָצענט אַרבעטער וואָס ווילן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, „וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען מיט די אַרבעטער־מערדער און צעברעכן זייער הערשאַפט־אַפּאַראַט, וואָס זאָל צונעמען די ערד ביי די פּריצים און ביי דער קירכע און זי צעטיילן צווישן די פּויערים און דאָרף־אַרבעטער, וואָס זאָל סאָציאַליזירן אַלע גרויסע אונטערנעמונגען פונם גרויס־קאַפּיטאַל", — באַוער האָט געזוכט צו איבערצייגן די נייַנציק פּראָצענט, אַז עס איז ניט נויטיק צו גיין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כדי דאָס צו דערגרייכן. אונטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט וועט מען דאָס אויך קאָנען „מאַכן". פּונקט אַזוי איז די גרופּע „נויער בעגינען" אַרויסגעקומען מיט לינקע פּראַזן, כדי אָפּצוהאַלטן די דייטשע אַרבעטער פון אַריבערגיין צו די קאָמוניסטן. דערביי האָט מען אַנטוויקלט אַ גאַנצן פּילפּול וועגן „דערציען די בור־זשואַזיע" צום סאָציאַליזם, באַגיין זיך אָן קאָנפיסקאַציע (איינער פון די דייטשע „לינקע", אופּהייזער), אָדער גאָר אויסגעטייטשט דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט ווי אַ . . . סוגעסטיע פון ווערטער (דער „לינקער" פּוילי־שער פירער ניעדזשאַלקאָווסקי אויף דער פּאַריזער קאָנפערענץ). דער צוזאַמענפאָר פון דער ענגלישער לעיבאָר פּאַרטיי, אין אָקטאָבער (1934) האָט אָפיציעל באַשלאָסן אָפּקויפן דעם קאַפּיטאַליזם, באַצאָלן פאַר קאָנ־פיסקירטע פאַרמעגנס. אַנדערע (אַבראַמאָוויטש און די מערהייט פון דער ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל) האַלטן זיך סיי אָן „רעוואָלוציע" — אין די לענדער פון פאַשיזם, און סיי אָן דעמאָקראַטיע — אין די לענדער וואו פאַשיזם איז ניטאָ, אָדער נאָך ניטאָ, — פאַרזעענדיק, אַז דער פאַשיזם איז אָן אַרויסוואוקס פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ווי דאָס האָט פּאַסירט אין דייטשלאַנד, וואו היטלער איז אויף אַ „דעמאָ־קראַטישן" אופן אַריין אין מאַכט...

מען רעדט! מען זשאָנגלירט ניט קיין פאָרמולעס. און אַלץ גייט געגנוי לויט דער פאָרמולע פון חבר וו. קנאָרין, אין זיין רעדע אויפן 13טן פּלענום פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (דעצעמבער 1933):

„אין יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זיינען פאַראַן עטלעכע פראַקציעס, וואָס דריקן אויס די אידייאישע צעפאַלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער **טאָן טוען די רעכטע**, וואָס גייען

אָפּן צום פאַשיזם, וואָס שפּאַנען זיך אָפּן איין אין דעם רייטוואָגן פון נאַציאָנאַליזם. די „לינקע" ב ל ײ ב ן פ אַ ס י ו ו א ו ן פ ל אַ פּ ל ע ן, אָפּהאַלטנדיק די מאַסן פון איבערגאַנג צום קאָמוניזם. די רעכטע טוען, אָרגאַניזירן — די „לינקע" שרייבן „לינקע" רעזאָלוציעס."

מיר האָבן געזען וואָס עס איז געוואָרן אין אַמעריקע פון דעם „מוראדיק" „לינקן" מאַניפעסט פון דער „רעוואָלושאָנערי פּאַליסי קאָמיטע". און מיר האָבן געזען ווי די „לינקע", וועלכע זיינען אריין אין דער פירערשאַפט אויף דעם צוזאַמענפאָר אין דעטראָיט, האָבן אַליין פאַרגעזעצט די רעכטע מעשים. מיר האָבן געזען זייער שטעלונג אין דער פראַגע פון פאַראייניקטן פראָנט — וועלכן זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אין סעפּטעמבער 1934, ניט געקוקט אויף דעם וואָס איידער זיי האָבן געקראָגן די מאַכט האָבן זיי זיך ארויסגעזאָגט פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט. איבערנעמענדיק די פירערשאַפט, מיט דער הילף פון די לאָזונגען, וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם ווילן פון די מיטגלידער, האָבן די „לינקע" פירער באַוויזן ר ע כ ט ע מ ע ש י ם — נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געווען אין אמט.

פונקט אַזוי שאַרף רעכט האָט זיך די נייע, „לינקע", פירערשאַפט ארויסגעוויזן אין איר באַציאונג צו דער פירערשאַפט פון דער אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. די „לינקע" האָבן ניט נאָר ניט קריטיקירט די וויליאַם גרינס פאַר זייערע פאַרראַטן אינם גענעראַל־סטרייק אין סאַן פראַנציסקאָ, אין דעם גרעסטן סטרייק פון די אַמעריקאַנישע ארבעטער — טעקסטיל־סטרייק (סעפּטעמבער 1934), נאָר אָט די „לינקע" זיינען אָנגעפאַלן אויף די קאָמוניסטן פאַר וואָגן ארויסקומען מיט קריטיק!

די מ ע ש י ם פון די פירער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מוזן גיין אין דער ליניע פון די מעשים פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס איז געווען די אמת'ע, די „ריינסטע" סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער פּראָטאָטיפּ פון סאָציאַל־רעפאָרמיזם, דער „קלאָרסטער" אויסדרוק פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אַלדאָס אַנדערע איז נאָר אַ צודעק פאַר דעם דאָזיקן „ריינעם" סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם. אין איין אָרט הייסט דער צודעק: „נויער בעגינען", אין אַן אַנדער אָרט (ביי באַוער'ן, נ אָ ך פעברואַר 1934): „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", אין אַמעריקע: „פּרינציפּן־דעקלאַראַציע", און ביי אַנדערע איז אַלץ צוזאַמען: אי דיקטאַטור, אי דעמאָקראַטיע...

ב אַ ז ו נ ד ע ר ס פאַר דער אַמעריקאַנישער פּאַרטיי איז דער

דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אַ מוסטער און אַ וועגווייזער, צוליב דעם דירעקטן און אומדירעקטן איינפלוס פון דייטשע סאָציאַליסטן אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, ווי מיר האָבן עס צום אָנהויב געזען.

„עס זיינען דאָ זאַכן, וואָס שטייען העכער ווי אייניקייט" (ענגעלס)

אין „קראַך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל" האָט לענין געשריבן:

„דער קריזיס, וועלכן עס האָט געשאַפן די גרויסע מלחמה, האָט אַראָפּגעריסן דעם שלייער, האָט אַראָפּגעוואָרפן אַלע באַדינגלעכקייטן, האָט געעפנט דעם געשוויר, וועלכער האָט שוין לאַנג אָנגעריסן און האָט באַוויזן דעם אָפּאָרטוניזם אין זיין אמת'ער ראָל, אין דער ראָל פון אַ שותף צו דער בורזשואַזיע. ס'איז נויטיק געוואָרן דעם דאָזיקן עלעמענט פולשטענדיק, אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּצוטיילן פון די אַרבעטער־פּאַרטייען.

„די אימפּעריאַליסטישע עפּאָכע קאָן ניט דערלאָזן, אַז אין איין פּאַרטיי זאָלן זיך געפינען די אַוואַנגאַרדן פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אינאיינעם מיט דער האַלב־קליינבירגערלעכער אַריסטאָקראַטיע פונם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע באַקומען ברעקלעך פון די פּריווילעגיעס, וואָס שטאַמען פון דער „גרויסמעכטיקער" לאַגע, וואָס „איר" נאַציע פאַרנעמט. די אַלטע טעאָריע וועגן אָפּאָרטוניזם ווי וועגן אַ „געזעצלעכן ניואַנס" אין אַ פאַראייניקטער פּאַרטיי, וועלכע האַלט ניט פון „עקסטרעמקייטן", איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוואַלטיקער אָפּנאַרעריי פון די אַרבעטער, אין אַ געוואַלטיקער שטערונג פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער אָפענער אָפּאָרטוניזם, וועלכער שטויסט באַלד פון זיך אָפּ די אַרבעטער־מאַסן, איז ניט אַזוי שרעקלעך און שעדלעך ווי די טעאָריע פונם „גאָלדענעם מיטן", וועלכע באַרעכטיקט מיט מאַרקסיסטישע פראַזן די אָפּאָרטוניסטישע פּראַקטיק און וועלכע באַווייזט מיט אַ גאַנצער ריי סאָפיזמען, אַז עס איז ניט די צייט פאַר רעוואָלוציאָנערע מעשים." *)

אין מאָסקווע איז אין 1932 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ריי בריוו פון מאַרקס און ענגעלס צו בעבעל, ווילהעלם ליבקנעכט, קאַוטסקי און אַנדערע, וועלכע קאַוטסקי האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן פון דער וועלט. די בריוו האָט דער געוועזענער דירעקטאָר פון מאַרקס־ענגעלס־לענין אינסטיטוט, ריאַזאַנאָוו, איבערגענומען ביי קאַוטסקי'ן מיטן צוזאָג זיי ניט צו פאַרעפנטלעכן ביז נאָך זיין (קאַוטסקי'ס) טויט. ווען ריאַזאַנאָוו איז אַראָפּגעזעצט

*) לענין, באַנד 18, ז. 279, צווייטע רוסישע אויסגאַבע.

געוואָרן און איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר זיינע באַציאונגען מיט די מענשעוויקעס, האָט מען זיך דערשלאָגן צו די בריוו און זיי פאַרעפנטלעכט.

אין די בריוו — צוערשט ציטירט אין אַן איבערזיכט אין „באָלשע־וויק", זשורנאַל פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (אויגוסט 1932), שפּעטער אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם דורכן מאַרקס־ענגעלס־לענין אינסטיטוט, האָט ענגעלס געשריבן: „אַז עס זאָל קומען צו אַ מיינונג־צעטיילונג מיט די בירגערלעך־געשטימטע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי און צו אַ צעשיידונג צווישן רעכטן און לינקן פליגל . . . האָב איך גראָד געהאַלטן פאַר געוואונטשן" (בריוו פון 21טן יוני, 1882); „עס זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס שטייען העכער פאַר דער אייניקייט" (בריוו פון 28טן אָקטאָבער, 1882); „אַ שפּאַלטונג „קאָן אונז אַרויסגעצוואונגען ווערן, און דעמאָלט מוז מען קוקן די פאַקטן אין די אויגן" (בריוו פון 10טן מאַי, 1883).

אין די בריוו ווערט דורכגעפירט כסדר די ליניע פון קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם. נאָך מאַרקס' טויט (1883), ווען דער אָפּאָרטוניזם אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך געשטאַרקט, האָט ענגעלס דעם קאַמף פאַרגעזעצט, און אין 1891 געצוואונגען קאַוטסקי'ן אָפּדרוקן מאַרקס' „קריטיק פון דער גאָטאַ'ער פּראָגראַם", וואו דער לאַסאַליאַנישער אָפּאָר־טוניזם ווערט אַנאַליזירט און אַרונטערגעריסן און וואו עס ווערט אונטער־געשטראָכן, אַז צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און דער סאָציאַליסטישער ליגט די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. אין זיין בריוו צו זאָרגע'ן פון 11טן פעברואַר 1891 שרייבט ענגעלס: „האָסט שוין גע־לייענט מאַרקס' אַרטיקל אין דער „נייער צייט". צווישן די סאָציאַליס־טישע הארן פון דייטשלאַנד האָט דער אַרטיקל צום אָנהויב אַרויסגערופן גרויס צאָרן, וועלכער האָט זיך שוין, אגב, ווייזט אויס, איינגעשטילט. דערפאַר אָבער אין דער פּאַרטיי־מאַסע — מיטן אויסנאַם פון די אַלטע לאַסאַליאַנער — איז דער אַרטיקל באַגעגנט געוואָרן מיט פרייד."*)

ענגעלס האָט אין זיינע לעצטע יאָרן געדראָאָט מיט אַרויסגיין פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און געהאַמערט אויף באַזייטיקן די

*) בריוו פון מאַרקס'ן, ענגעלס'ן און אַנדערע צו זאָרגע'ן, אַלטע רוסישע אויסגאַבע, פּעטערבורג, 1908, ז. 356.

אָפּאָרטוניסטן. ענגעלס'עס טויט (1895) האָט די „סאָציאַליסטישע האַרן" פריי געמאַכט דעם וועג פאַר זייער אָפּאָרטוניזם. און עס איז געווען די טראַגעדיע פון דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס, וואָס דער לינקער פליגל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָנגעפירט פון ראָזאַ לוקסעמבורג, האָט ניט נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון לענין אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ניט אָפּגעטיילט דעם אָפּאָרטוניסטישן עלעמענט „פול־שטענדיק, אָרגאַניזאַציאָנעל" (לענין). ווען די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז געקומען, איז ניט געווען די פּאַרטיי, וואָס האָט אין משך פון יאָרן דערצויגן די מאַסן „לויט אַזאַ און נאָר אַזאַ קוק" (לענין) אויף רעוואָלוציע, אַ געוואַלטזאַמע רעוואָלוציע, און האָט ניט געהאַט דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט אויף אָנפירן מיט די מאַסן. ערשט אין אָנהויב 1919, אונטערן דער שיסערײַ אין די באַריקאַדן־קאַמפן, אָנגעפירט פון די ספּאַרטאַקיסטן, האָבן ליבקנעכט און לוקסעמבורג גענומען די פּאַרטיי גרינדן. דייטשלאַנד, און גאַנץ אייראָפּע, וואָלטן איצט אַנדערש אויסגעזען ווען אין דייטשלאַנד וואָלטן די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן באַזייטיקט געוואָרן פון דער באַוועגונג, ווען ענגעלס האָט עס געפאָדערט, אָדער ווען די פּאַרטיי וואָלט געשפּאָלטן געוואָרן ווען די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין 1903!...

די שפּאַלטונג איז אַמעריקע, ריכטיקער — דאָס באַזייטיקן די רעפאָרמיסטישע הילקוויט־בערגער פירערשאַפט פון דער הונדערט־טויזנט קעפּיקער מאַסע, וואָס איז ביז 1919 געווען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז אויך פאָרגעקומען צו שפּעט. דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־קלאַס האָט טייער באַצאָלט פאַר דעם „געזעצלעכן ניואַנס" פונם אָפּאָרטוניזם אין איין פּאַראייניקטער פּאַרטיי, וועלכער האָט זיך צוגעדעקט מיט דעבס'ן, ווען דאָס איז נויטיק געווען, (און דעקט זיך איצט צו מיט „לינקע" פראַזן פון דער דעטראָיטער מאַרקע). אָבער אין 1919 איז די באַזייטיקונג פאָרגעקומען.

אויפגעהויבן די פאָן פון העימאַרקעט !

אין אַ געוויסן זין איז די עקזיסטענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געווען — מיר זאָגן: געווען, ווייל די ס. פּ. וועט שוין קיינמאָל ניט קומען צו איר אַמאָליקער גרויסקייט — אַ רעפאָרמיסטישע הפסקה אין דער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע פון

דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע. עס זייַנען — ווי שוין געזאָגט פריער — פאָרגעקומען רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אויך צווישן די יאָרן 1901 און 1919, און סאָציאַליסטן האָבן זיך אין די קאַמפן באַטייליקט. אָבער דאָס איז פאָרגעקומען *ניט געקוקט* אויף דער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפט. די באַטייליקטע זייַנען געווען סאָציאַליסטן פון העיוואוד׳ס, דעבס׳ און רוטענבערג׳ס שניט. די פירערשאַפט האָט גראָב־אָפּאָרטוניסטיש געזוכט צו איבערהאַקן דעם רויטן פאָדים פון דער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס. מען האָט אַפילו אָנגעהויבן אַרויסרוקן טעאָריעס, אַז דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער איז ניט געמאַכט פונם רעוואָלוציאָנערן שטאָף, אַז ער איז קאָנסערוואַטיוו.

די געשיכטע פונם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס, די העלדישע קאַמפן זייַנע, פון די מאַלי מעקגוואַיערס, ביז העימאַרקעט, און האָומסטעד, און די מאַינער־קאַמפן, ביז דעם גרעסטן סטרייק אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנישער באַוועגונג, דער טעקסטיל־סטרייק אין 1934, האָבן באַוויזן, אַז דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער קאָן זיך שלאָגן מיטן שונא, איז פול מיט קאַמף־לוסט. און אין 1919 איז געבאָרן געוואָרן די פאַרטיי, די *קאָמוניסטישע* פאַרטיי, וועלכע האָט אויפגעהויבן די אַרונטערגעלאָזטע פאָן פון רעוואָלוציע, די פאָן, אויף וועלכער עס זייַנען אָנגעשריבן די אַלע קאַמפן פונם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס, די נעמען פון די מאַרטירער פונם אַרבעטער־קלאַס — פון פאַרסאָנס און די אַנדערע העימאַרקעט־מאַרטירער ביז סאַקאָ־וואַנזעטי און טאָם מוני.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי — דאָס איז די אַמעריקאַנישע באָלשעוויסטישע פאַרטיי. זי גייט אין די וועגן פון מאַרקס, ענגעלס, לענין, סטאַלין. זי פירט אַ ביטערן קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם און אַ קאַמף קעגן סעקטאַנטישקייט, ווי אויסגעדריקט דורך דער ס. ל. פּ און ענלעכע גרופּן. טרייַ צום מאַרקסיזם־לעניניזם זוכט זי צוצוגרייטן די אַרבעטער צו דער לעצטער שלאַכט דורך טאָג־טעגלעכע קאַמפן, פאַר טאָג־טעגלעכע פאַרבעסערונגען, אַרבעטנדיק כסדר צווישן די מאַסן, פירנדיק זייַ כסדר אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע און אירע דינער, אָריענטירנדיק די אַרבעטער כסדר אויף געוואַלטזאַמער רעוואָלוציע, פאַר אַרבעטער־מאַכט, פאַר אַ סאָוועטן־אַמעריקע. אין די קאַמפן און דורך די קאַמפן זוכט די קאָמוניסטישע פאַרטיי צו געווינען די מערהייט פון אַרבעטער־קלאַס פאַר דער רעוואָלוציע. אַרויסרוקנדיק אַ פּראָגראַם פאַר טאָג־טעגלעכע פאָדערונגען

פאַר די פאַרמער, זוכט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צו געווינען די אַרבעטנ־דיקע פאַרמער און מיטל־שיכטן אַלס שותפים צום אַרבעטער־קלאַס אין זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זוכט צו אָרגאַניזירן די מאַסן אין אַ ברייטן פאַראייניקטן פראָנט אין קאַמף קעגן מלחמה, כדי צו פאַרמיידן מלחמה, און זוכט צוצוגרייטן די מאַסן צו פאַרוואַנדלען די מלחמה אין אַ בירגער־קריג אויב און ווען זי וועט אויסברעכן. פונקט אַזוי זוכט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צו אָרגאַניזירן די מאַסן אין אַ ברייטן פאַראייניקטן קאַמף קעגן פאַשיזם, וועלכער איז אויך ניט אומפאַרמיידלעך און וועלכער קאָן אויסגעמידן ווערן דורך אַ פאַראייניקטן פראָנט פון די ברייטע מאַסן אַרבעטער אויף אַ פּראָגראַם פון רעוואָלוציאָנערער אַקציע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעוויזן אויף דער ראָל פון דער נ.ר.א. ווי אויף אַ קאַפּיטאַליסטישן קלאַסן־אינסטרומענט באַלד ווי דער פּראָיעקט איז אויפגעקומען, ווען די רעפאָרמיסטן האָט זיך נאָך געהאַט איינגעגעבן צו פאַרבלענדן די אויגן פון גרויסע מאַסן מיט אילוזיעס וועגן די „סאָציאַליסטישע" מעגלעכקייטן פון רוזוועלט'ס „עקספּערימענט".

נאָכפאָלגנדיק לענינ'ס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, די פּראָגראַם פון קאָ־מוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך איינעם פון די גרונט־אונטערשיידן צווישן אָט־דעם רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל און דעם צווייטן „אינטערנאַציאָנאַל", האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַנטוויקלט אַ ברייטע באַוועגונג פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגער־מאַסן, כמעט דורכאויס האַרפאַשניקעס, וועמענס קאַמף פאַר באַפרייאונג עס איז אַן אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער, אַנטי־אימפּעריאַליסטישער קאַמף. לויט דער זעלביקער ליניע פירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַ קאַמף פאַר די פרעמד־געבוירענע, אַ קאַמף קעגן נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציעס.*)

די ליניע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — דאָס איז די ליניע פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער, „וואָס זיינען געפּאַרבט אין אַ געוויסער מאָס מיט דער זעלביקער בארשט, וואָס האָט פאַרשוואַרצט

---

*) וועגן דער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זע דעם מאַניפעסט פון דעם אַכטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי (קליוולאַנד, אַפּריל 1934), אַרויס־געגעבן פון דער „וואָירקערס לאַיברערי" אונטערן נאָמען „דהי ווײַ אויט" (דער אויסוועג).

די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". דאָס איז די ליניע פון צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל אומעטום, וואָס האָט געפירט דעם אַרבעטער צו מפּלות, צו טראַגעדיע, צו פאַשיזם, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד, עסטרייך, שפּאַניע און אַנדערע לענדער זאָלן צייטווייליק פאַרשפּילט ווערן, צווינגענדיק דעם אַרבעטער צו ברענגען אַלץ נייע קרבנות.

די ליניע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז די ליניע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, די ליניע פון לענינ'ס זיגרייכער פּאַרטיי, וואָס בויט סאָציאַליזם אויף אַ זעקסטל פון דער ערד, וואָס האָט אונטער דער פירערשאַפט פון סטאַלינ'ען מיט דערפאָלג פאַרענדיקט דעם ערשטן פינף־יאָר פּלאַן, גייט פאָראויס מיטן צווייטן פינף־יאָר פּלאַן, און האָט מיט דערפאָלג דורכגעפירט דעם סאָציאַליסטישן אָנגריף אויך אינם דאָרף. אין אָט דעם לאַנד, וואו עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן קאַפּי־טאַליזם, און צוזאַמען מיט אים אַרבעטלאָזיקייט, ראַסן־האַס, פּאָגראָמען, לינטשערייען, איז ניט מעגלעך פאַשיזם.

פון אַלע רעוואָלוציעס נאָך דער מלחמה איז געבליבן באַם אַרבעטער נאָר איין לאַנד — דאָס לאַנד וואו די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט און וואו עס איז דורכגעפירט געוואָרן לענינ'ס ליניע. אין די וועגן פון לענינ'ס פּאַרטיי און פון דעם רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אונטערן לענינ'ס פירער־שאַפט און וואָס ווערט ווייטער געפירט אין לענינ'ס וועגן דורך דעם אָר־גאַניזאַטאָר פון דעם דערפאָלגרייכן סאָציאַליסטישן אָנגריף אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און דעם פירער פון דער וועלט־רעוואָלוציע, חבר סטאַלין, אין די וועגן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, גייט די אַמעריי־קאַנישע סעקציע זיינע, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע פאַראייניקט די העלדישע טראַדיציעס פון דעם אַמעריי־קאַנישן אַרבעטער־קלאַס מיט די דערפאַרונגען פון דער זיגרייכער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי, אין אַ קאַמף פאַר אַ סאָוועטן־אַמעריקע.

ביילאַגע

(קורצע באַמערקונגען וועגן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער־פירער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און אַנדערע ענינים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אינ'ם בוך)

אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, אָרגאַניזירט אויף צוזאַמענפאָר אין פיטסבורג, נאָוו. 1881, 107 דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע יוניאָנס, אונטערן נאָמען „פעדערעישאָן אָוו אָרגאַנאַיזד טרעידס יוניאָנס אָוו דהי יונאַיטעד סטעיטס ענד קאַנאַדאַ“. האָט פּראָקלאַמירט 1טן מאַי 1886 ווי קאַמף־טאָג פאַר 8 שעה אַרבעט, געשפּילט אָנפירנדיקע ראָל אין 8 שעה אַרבעט באַוועגונג. דעצ. 1886, אין קאָלומבוס (אָהאַיאָ) צוזאַמען מיט אַנדערע יוניאָן־גרופּן רעאָרגאַניזירט זיך אונטערן איצטיקן נאָמען. פון 50,000 מיטגל. אין 1882 געוואָקסן ביז 775 טויזנט אין 1900. שטאַרק אויסגעוואָקסן אין מלחמה־צייט, פון 2 מיליאָן אין 1914 אויף 4,078,740 אין 1920. מיטגלידערשאַפט אָפּגעפאַלן אין 20־ער יאָרן און אין קריזיס־צייט ביז 2,126,796 אין 1933. פאַרמאָגט איצט (1934), לויט די צאָלונגען אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג, 2,824,698 מיטגלידער. זינט דעם טויט פון גאָמפּערס (זע זייט 175), 1924, איז וויליאַם גרין דער פּרעזידענט. וועגן דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון דער א. פ. אָוו ל. (זע זז. 17—26, 71—86).

אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד (אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער וועלט), אַ קעמפערישע עקאָנאָמישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין שיקאַגאָ, יוני 1905, אויף צוזאַמענפאָר פון 186 דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע, אַנאַרכיסטישע, טרעיד־יוניאָניסטישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, בראש מיט דער וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס. צו דער צווייטער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט 60,000 מיטגלידער, אָבער צווישן די פאַרשיידענע עלעמענטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף. די וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס איז אַרויס. אין 1908 איז פאָרגעקומען אַ נייער אינערלעכער קאַמף און עס זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי צענטערס, אין דעטראָיט און אין שיקאַגאָ. די לעצטע איז פאַרבליבן די „א. וו. וו.“, אָבער זי האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער אָריגינעלער פּרינציפּן־דערקלערונג דעם רוף צום פּאָליטישן קאַמף. וואָס ווייטער האָט די אָרגאַניזאַציע אַלץ מער אַרויסגעוויזן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע טענדענצן. אין די לעצטע יאָרן, באַזונדערס זינט

דעם אָפּפּאָרן פון העיוואוד (זע זייט 175), האָט די אָרגאַניזאַציע דעגענערירט אין אַ רעאַקציאָנערער אַנטי־סאָוועטישער סעקטע. פאַר דער מלחמה אָנגעפירט העלדישע קאַמפן און געהאַט צוגעצויגן צו זיך באַדייטנדיקע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. מיטגלידער פון דער „א. וו. וו." זיצן נאָך היינט אין טורמע אַלס רעזולטאַט פון די ביטערע און ברוטאַלע פאַרפאָלגונגען אויף דער אָרגאַניזאַציע בשעת דער „רויטער היסטעריע", אין 1919-1918.

אינטערנעשאָנאַל לעידים גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן (אינטערנאַציאָנאַלע פרויען־קליידער אָרגאַניזאַציע), געגרינדעט אין 1900, געפינט זיך כסדר אונטער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט, גייט האַנט אין האַנט מיט דער פירערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל., איז געווען צווישן די ערשטע יוניאָנס אין אַמעריקע צו אָנהויבן אויסשליסן קאָמוניסטן און בכלל „ווידערשפעניקע" קעגן דער אַדמיניסטראַציע. אין 1925 האָט די אויסשליסונג פון די דריי גרעסטע לאָקאַלן פון דער אָרגאַניזאַציע אין ניו יאָרק געבראַכט צו אַ מאַסן־אויפשטאַנד, וואָס האָט געצוואונגען דער הויפּט־פאַרוואַלטונג טיילווייז נאָכגעבן. אין 1926 האָט די פאַרוואַלטונג אויסגעשלאָסן די גאַנצע ניו יאָרקער פאַרוואַלטונג (דזשאָינט באָארד) און עס האָט זיך אַנטוויקלט אויף יאָרן אַ ביטערער און בלוטיקער קאַמף פון די פירער קעגן די מיטגלידער. דאָס האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון דער אינדוסטריעלער נאָדל־אַרבעטער יוניאָן אין אָנהויב 1929. די פירערשאַפט האַלט זיך אָן אַ ליניע פון קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט און דינט געטריי רוזוועלט'ן.

אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ (צוזאַמענגעשלאָסענע קליידער־אַרבעטער פון אַמעריקע), פאַרבאַנד פון מענערשניידער, געגרינדעט אין 1914 אַלס רעזולטאַט פון אַ רעוואָלט קעגן דער רעאַקציאָנערער פירערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. יוניאָן „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס" (פאַראייניקטע קליידער־אַרבעטער), צום אָנהויב באַטראַכט געוואָרן ווי אַ ראַדיקאַלע יוניאָן, געשטאַנען אין קאַמף קעגן גאָמפערס'ן און דעם „פאָרווערטס". שפּעטער — איינע פון די ערשטע צו אָנהויבן ברייט אַנטוויקלען און טעאָרעטיש באַגרינדן קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט מיט די באַלעבאַטים, אָרגאַניזירן דעם פאַך דורך די באַלעבאַטים. האַלט זיך (ווי די מייסטע יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל.) אויף שווינדלערישע וואַלן און ברוטאַלער אונטערדריקונג פון דער אָפּאָזיציע. די פירערשאַפט דינט געטריי רוזוועלט'ן. אין 1933 אַריינגענומען געוואָרן אין דער א. פ. אָוו ל.

אַסעמבלי־קאָמיטע. אין נאָוועמבער 1919 זיינען אין ניו יאָרק דערוויילט געוואָרן פינף סאָציאַליסטישע פאָרשטייער אין דער אַסעמבלי (שטאַט־פאַרלאַמענט): דע־וויט, אָר, סאָלאָמאָן, קלעסענס, וואָלדמאַן. צוליב דער היסטעריע קעגן „רויטע" זיינען זיי אויסגעשלאָסן געוואָרן, און אין משך פון קאַרגע דריי חדשים האָט זיך געצויגן אַ פאַרהער וועגן זיי פאַר דער יורידישער קאָמיסיע פון דער אַסעמ־

בלי. הילקוויט איז געווען דער הויפּט־פּאַרטיידיקער. די ליניע פון דער פּאַרטיידיקונג איז געווען, אַז די ס. פּ. האַלט פון מאַיאָריטעט־הערשאַפט און זוכט איינפירן סאָציאַליזם דורך אַ מערהייט ביי די וואַלן. הילקוויט האָט צוגעשטעלט זיין „סאָשיאַליזם סאָמד אָפּ” (סאָציאַליזם בקיצור) ווי אַ באַווייז, אַז די ס. פּ. איז ניט פאַר אַ געוואַלטזאַמער רעוואָלוציע. אויף אַ פראַגע פון אַן אַסעמבלימאַן (עוואַנס), האָט הילקוויט געענטפערט, אַז אין פאַל די סאָוועטן־רעגירונג זאָל באַפאַלן אַמעריקע וואָלט ער גענומען אַ ביקס צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. די 5 סאָצ. אַסעמבלילייט זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן. אין ספּעציעלע וואַלן, סעפּטעמבער 1920, זיינען זיי אַלע צוריק דערוויילט געוואָרן. די אַסעמבלי האָט דריי פון זיי (סאָלאָמאָן, קלעסענס, וואַלדמאַן) ווידער אויסגעשלאָסן. די אַנדערע צוויי האָבן זיך צוליב דעם אָפּגעזאָגט פון זייערע מאַנדאַטן. אין די פאָלגנדיקע וואַלן זיינען סאָלאָמאָן און אָר ווידער דערוויילט געוואָרן.

העימאַרקעט - געשיכטע. ערב 1טן מאַי 1886, טאָג פון גענעראַל־סטרייק פאַר 8 שעה אַרבעט, האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין דער מעקאָרמיק־האַרוועסטער פאַבריק, שיקאַגאָ. דעם 3טן מאַי, ווען די סטרייקער, אויף אַ מיטינג פאַר דער פאַבריק, האָבן זיך געוואָלט ווענדן צו די סטרייק־ברעכער, האָט די פּאָליציי אין אַ בלוט־באָד דערשאָסן 6 אַרבעטער. אויף מאָרגן (4טן) איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־מיטינג אויף העימאַרקעט סקווער. עס האָבן גערעדט די אַנאַרכיסטישע פירער שפּיז, פּאַרסאָנס (רעדאַקטאָר פון „אַלאַרם”), און פילדען. ביים לעצטן רעדנער זיינען אָנגעקומען אַרום 180 פּאָליציאַנטן. פילדען האָט פאַרלאַנגט פון קאַפּיטאַן באָנפילד צו לאָזן ענדיקן דעם מיטינג רואיק. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַן אַטאַקע. ס'איז געפאַלן אַ באָמבע, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. עס זיינען געפאַלן טויט 7 פּאָליציאַנטן און 4 אַרבעטער. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן די פירער פון דער באַוועגונג: פּאַרסאָנס, שפּיז, פילדען, שוואַב, פישער, נעעבע, ענגעל, לינג, שנאַובעל, זעליגער. דער לעצטער איז געוואָרן אַן עדות פאַר דער אָנקלאַגע, שנאַובעל איז אַנטלאָפן. די באָמבע איז געווען די אַרבעט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, מיטן צוועק צו דערשטיקן די באַוועגונג פאַר 8 שעה אַרבעט. אַלע אָנגעקלאָגטע האָבן געקראָגן טויט־שטראָף, נעעבע — 15 יאָר טורמע. שוואַב און פילדען האָבן אָנגעגעבן פּעטיציעס, געקראָגן לעבנסלענגלעכע טורמע. לינג איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פּאַרסאָנס, פישער, שפּיז און ענגעל זיינען דעם 11טן נאָוועמבער 1887 אויפגעהאַנגען געוואָרן, נאָכדעם ווי אַ העכערער געריכט האָט באַשטעטיקט דעם אורטייל (די פאַבריקאַנטן האָבן געשאַפן — אין עטלעכע שעה — אַ פאָנד פון $100,000 צו באַקעמפן דעם אַפּיל). שפּיז האָט פאַרן היינגען דערקלערט: „די צייט וועט קומען ווען אונזער שווייגן אין קבר וועט ריידן העכער ווי אונזערע רעדעס.” אַ שפּעטערדיקער גאָווערנאָר (אַלטגעלד) האָט שוואַב'ן, פילדענ'ען און נעעבע'ן באַפרייט מיט דער דערקלערונג: „דער שולדיקער אין טויט פון די פּאָליציאַנטן איז קאַפּיטאַן באָנפילד.” ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם הויפּט־ריכטער (גערי) פון געריכט,

וואָס האָט די אָנגעקלאָגטע פאַר'משפט. פון די העימאַרקעט־העלדן זעט זיך איצט אָפט אויף קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציעס לוסי פאַרסאָנס, די פרוי פון אומגעבראַכטן אַלבערט פאַרסאָנס.

נ.ר.א. — פון די ווערטער „נעשאָנאַל רעקאָוועריִ אַדמיניסטרעישאָן", נאַציאָנאַלע געזונטמאַכונג אַדמיניסטראַציע, — די פאַרוואַלטונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם „נעשאָנאַל אינדאָסטריעל רעקאָוועריִ עקט" (נאַציאָנאַלער אינדוסטריעלער געזונטמאַכונג אַקט), אָנגענומען דורכן קאָנגרעס אין יוני 1933. האָט פּרעטענדירט צו געזונט־מאַכן די אינדוסטריע, אָפּשאַפן דעם קריזיס, באַדייטנדיק פאַרקלענערן די אַרבעטלאָזיקייט, אויסמיידן סיכסוכים צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל דורך פיקסירן שכירות און אַרבעט־שעה'ען. אַרום דער נ.ר.א. האָט זיך אויפגעהויבן אַ דעמאַגאָגיע. די פירער פון דער אַמעריקען פדערעישאָן אָוו לעיבאָר און די מערסטע פירער פון דער ס. פּ. האָבן באַגריסט די רעפאָרמען. פיל פון זיי זיינען אַריין אין נ.ר.א. אַפּאַראַט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פון אָנהויב אָן דערקלערט, אַז די נ.ר.א. איז אַן אינסטרומענט אין די אינטערעסן פון גרויס־קאַפּיטאַל.

נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן

נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן, געגרינדעט אין 1900 מיטן צוועק צו „ברענגען שלום צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט", אַ רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציע, דאָמינירט פון וואָל־סטריט מאַגנאַטן און אָפענע סטרייקברעכער. גאָמפּערס איז געווען אַ מיטגליד פון דער נ. ס. פ., איצט איז מעטיו וואָל, וויצע־פּאָרזיצער פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, דער „עקטינג פּרעזידענט". פּאָרזיצער פון דער עקזעקוטיוו איז ראַלף איזלי, טאָוועטן־פּרעסער, אַנטי־קאָמוניסטישער העצער, וועלכער האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן נאַציסטע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. גראָווער ווהעילען, העלד פון די אַנטי־סאָוועטישע „ווהעילען־דאָקומענטן", איז הויפּט פון „דעפּאַרטמענט פון צעשטערערישע באַוועגונגען".

סאָשיעליסט לעיבאָר פּאַרטי

(ס. ל. פּ.) — סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי, געגרינדעט אין דעצעמבער 1877, זיך אַנטוויקלט פון דער לאַסאַליאַנישער „סאָשיעל דעמאָקראַטיק וואָירקינגמענס פּאַרטי", וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פונם אַמעריקאַנישן אָפּטייל פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. אין 1879 — 10,000 מיטגלידער. שפּאַלטונג מיט די אַנאַרכיסטישע עלעמענטן אין 1883. זינט דעמאָלט קיינמאָל ניט מער פון זיבן־אַכט טויזנט מיטגלידער. נאָך 1890, אונטער דער פירערשאַפט פון דע־ליאָן (זע ז. 175), האָבן זיך אַנטוויקלט שאַרפע קאַמפן מיט די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן. אין יאַנואַר 1897 האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן די גרופּע אויף דער איסט סאַיד, וואָס האָט אין אַפּריל געגרינדעט דעם „פּאָרווערטס". אין 1898 האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן די „פאָלקסצייטונג"־גרופּע (מויסטנס דייטשן). די גרעסטע צאָל שטימען האָט די ס. ל. פּ. געקראָגן אין 1898—82,204. זינט 1899 איז די פּאַרטיי געגאַנגען שנעל באַרג אַראָפּ. פון איר איז געבליבן אַן אומבאַדייטנדיקע סעקטע. די הויפּט־פּרעסע אין די

80־ער יאָרן איז געווען אַ דײַטשע („פאָלקסצײַטונג", דער אָפיציעלער אָרגאַן „דער סאָציאַליסט", א. אַ.). אונטער דע־ליאָנ'ען איז די „פּיפּל" געוואָרן אַ טעגלעכע צײַטונג. אויף אידיש האָט די פּאַרטײ פאַרמאָגט די וועכנטלעכע „אַרבײַטער־צײַטונג" (1890—1902) און דעם טעגלעכן „אַבענד־בלאַט" (1894—1902), און שפּעטער דעם וועכנטלעכן „אַרבײַטער" (1908). איצט פאַרמאָגט די פּאַרטײ בלויז די אומבאַדײַטנדיקע וועכנטלעכע „פּיפּל". אין די פּרעזידענט־וואַלן אין 1932 האָט די פּאַרטײ געקראָגן אין לאַנד 33,276 שטימען.

סט. לואיס רעזאָלוציע. אין אָנהויב אַפּריל 1917 איז אויפן צוזאַמענפאָר פון דער ס. פּ. אין סט. לואיסט, מיט אַ מערהייט פון 140 שטימען (פון 193 דעלעגאַטן) אָנגענומען געוואָרן אַזאַ רעזאָלוציע קעגן מלחמה: די ס. פּ. דריקט ווידער איר אויס געטרײשאַפט צו די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליזם; מלחמות ווערן פאַראורזאַכט פון קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן; זײ צינדן אָן ראַסן־האַס און פאַלשן פּאַטריאָטיזם, פאַרטונקלען דעם אַרבעטער־קאַמף; די ס. פּ. איז אָן קאָמפּראָמיסן קעגן דער „סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע און קלאַסן־הערשאַפט, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן און געשטאַרקט דורך מיליטערישער מאַכט און בלומרשטן נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם"; די ס. פּ. „רופט די אַרבעטער פון אַלע לענדער צו אָפּזאָגן זיך צו שטיצן זײערע רעגירונגען אין זײערע מלחמות"; די ס. פּ. דערקלערט, אַז „דער איינציקער קאַמף וואָס וואָלט באַרעכטיקט די אַרבעטער צו נעמען זיך פאַרן געווער איז דער גרויסער קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט צו באַפרײַען זיך פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און פּאָליטישער אונטערדריקונג, און מיר וואָרענען באַזונדערס די אַרבעטער קעגן דעם חוזק און דער פאַרפירונג פון אַזוי־גערופענע פאַרטיידיקונג מלחמות"; „אויף צו שטיצען דעם קאַפּיטאַליזם וועלן מיר מיט גוטן ניט געבן קיין איין לעבן אָדער קיין איין דאָלאַר, אויף צו שטיצן דעם קאַמף פון די אַרבעטער פאַר באַפרײַונג זאָגן מיר צו אַלצדינג." די רעזאָלוציע דערקלערט, אַז מלחמות ווערן געפירט צוליב די עקאָנאָמישע און אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע מלוכות און אַז אַמעריקע איז אַרײַן אין דער מלחמה צוליב די זעלביקע אינטערעסן. די רעזאָלוציע פאַרדאַמט די קריגס־דערקלערונג פון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג „ווי אַ פאַרברעכן קעגן דעם פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן", און רופט די אַרבעטער ניט אָפּצושוואַכן דעם קאַמף, נאָר פאַרקערט, נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם קלאַסן־קאַמף, צו קעמפן קעגן מלחמה עפנטלעך, „דורך דעמאָנסטראַציעס, מאַסן־פּעטיציעס, און אַלע אַנדערע מיטלען אין אונזער מאַכט", צו שטעלן זיך קעגן יעדער געזעצגעבונג פאַר מיליטערישע צוועקן, צו קעמפן קעגן מיליטאַריזירונג אין די סקולס, צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין אינדוסטריעלע יוניאָנס, צו אָנפירן פּראָפּאַגאַנדע קעגן מלחמה און פאַר דער פאַרניכטונג פון די סיבות פון מלחמה. רעזאָלוציע איז פאַרפאַסט געוואָרן פון הילקוויט, רוטענבערג און לי, און איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון הילקוויט'ן.

אַ מילדערע רעזאָלוציע, פאָרגעלייענט פון לואיס ב. בודין, האָט געקראָגן 31 שטימען. אַ רעזאָלוציע פון מלחמה־פאַטריאָט ספאַרגאָ — 5 שטימען.

21 פונקטן. אין 1920, אויף זיין צווייטן קאָנגרעס, האָט דער דריטער (קאָמוניסטישער) אינטערנאַציאָנאַל אַרויסגעשטעלט 21 פונקטן פאַר די פאַרטייען, וואָס האָבן געזוכט אָנצושליסן זיך אָן אים. דער אינהאַלט זייערער, אין קורצן, איז: 1) די פראָפאַגאַנדע און אַגיטאַציע מוז זיין אין איינקלאַנג מיט דער פראָגראַם און די באַשלוסן פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל און אָנגעפירט ווערן דורך קאָמוניסטן; וועגן דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט דאַרף מען ניט סתם ריידן, נאָר די פראָפאַגאַנדע פאַר דעם מוז אָנגעפירט ווערן אַזוי, אַז פאַר יעדן אַרבעטער, סאָלדאַט, פויער זאָל דער לאָזונג קלאָר ווערן. 2) יעדע אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל זיך אָנשליסן, מוז רעגולער און סיסטעמאַטיש באַזייטיקן די רעפאָרמיסטישע און צענטריסטישע עלעמענטן פון אַלע מער אָדער ווייניקער וויכטיקע פאָסטנס אין דער אַרבעטער באַוועגונג. 3) אומעטום מוז געשאַפן ווערן אַ פאַראַלעלער אומלעגאַלער אַפאַראַט, פאַראַלעל מיטן לעגאַלן אַפאַראַט; ביידע אַפאַראַטן מוזן קאָמבינירן זייערע טעטיקייטן. 4) עס מוז געפירט ווערן סיסטעמאַטישע פראָפאַגאַנדע אין דער אַרמיי. 5) עס מוז געפירט ווערן סיסטעמאַטישע פראָפאַגאַנדע צווישן פאַרמער. 6) עס מוז אַרונטערגעריסן ווערן דער סאָציאַל־פאַטריאָטיזם און דער סאָציאַל־רעפאָרמיזם, עס מוז סיסטעמאַטיש קלאָר געמאַכט ווערן פאַר די אַרבעטער, אַז קאַפיטאַליזם וועט פאַרניכטעט ווערן נאָר דורך אַ געוואַלטזאַמען קאַמף. 7) עס מוז איבערגעריסן ווערן מיטן רעפאָרמיזם און צענטריזם; דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל קאָן ניט אַריינלאָזן צו זיך אַזעלכע אָפאָרטוניסטן ווי עס שטעלן פאָר טוראַטי, קאַוטסקי, הילפערדינג, הילקוויט, לאָנגע, מאַקדאָנאַלד, מאָדיליאַני און אַנד. 8) עס מוז געפירט ווערן אַ קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די קאָלאָניאַלע פעלקער. 9) עס מוז געפירט ווערן סיסטעמאַטישע פראָפאַגאַנדע אין די טרעיד־יוניאָנס, אין די שעפער, קאָאָפעראַטיוון און אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. 10) פירן אַ קאַמף קעגן דער פירערשאַפט פון אַמסטערדאַמער טרעיד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. 11) די פאַרטרעטערשאַפט אין די פאַרלאַמענטן מוז אָפגערייניקט ווערן פון רעפאָרמיסטישע עלעמענטן. 12) די פאַרטייען, וואָס געהערן צום קאָמינטערן מוזן זיך פירן לויטן פרינציפ פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. 13) די פאַרטייען וואָס זיינען לעגאַל מוזן פון צייט צו צייט דורכפירן באַ זיך אַ רייניקונג. 14) יעדע פאַרטיי מוז זיך שטעלן צום שוץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און צום קאַמף קעגן קאָנטער־רעוואָלוציע. 15) די פאַרטייען וואָס האָבן נאָך די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראָגראַמען מוזן די פראָגראַמען אין דער קירצסטער צייט ענדערן. 16) אַלע באַשלוסן פון די קאָנגרעסן פון קאָמינטערן און פון זיין עקזעקוטיווע זיינען בינדענדיק פאַר אַלע פאַרטייען. 17) יעדע פאַרטיי מוז זיך אָנרופן „קאָמוניסטישע פאַרטיי". 18) אַלע פירנדיקע צייטונגען פון די איינצלנע פאַרטייען מוזן אָפדרוקן אַלע וויכטיקע

אָפיציעלע דאָקומענטן פון עקזעקוטיוו
קאָמיטעט פון קאָמינטערן. 19) אַלע
פּאַרטייען וואָס האָבן אויסגעמאַכט
אַפּליקאַציעס מוזן אָפּהאַלטן ביי זיך
צוזאַמענפאָרן ניט שפּעטער ווי פיר
חדשים נאָכן צווייטן קאָנגרעס פון
קאָמינטערן. 20) יעדע פּאַרטיי מוז
זען, אַז צום ווינציקסטן צוויי דריטל
פון די מיטגלידער פון זייערע צענ־
טראַל־קאָמיטעטן זאָלן זיין אַזעלכע,
וואָס האָבן אָן שום קוואַליפיקאַציעס
עפנטלעך זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַריינ־
גיין אין דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל
נאָך פאַרן צווייטן קאָנגרעס. 21) די
מיטגלידער וואָס ווען פּרינציפּיעל
צוריקווייזן די אַלע באַדינגונגען זאָלן
אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי.

בערגער, וויקטאָר, געבוירן עסט־
רייך 1860, שטודירט און געאַרבעט
ווין, בודאַפּעסט, געקומען אין אַמע־
ריקע סוף 70־ער יאָרן. סקול־לערער
מילוואָקי, רעדאַקטירט טעגלעכן „פאָר־
ווערטס" (דייטש), „סאָשיעל־דעמאָ־
קראַטיק העראָלד", וועלכער איז פאַר־
וואַנדלט געוואָרן (1911) אין טעגלעכן
„מילוואָקי לידער". מיטגעווירקט
דעבס זאָל ווערן סאָציאַליסט. צווישן
די פירער פון דעבס'עס ס. ד. פּאַרטיי,
געהאָלפן גרינדן ס. פּ. 1901, ערשטער
סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן (נאָוו.
1910). נאָך דער דערוויילונג אין
1918 ניט צוגעלאָזן געוואָרן אין קאָנ־
גרעס. גלייכצייטיק, צוזאַמען מיט אַנ־
דערע (ענגדאַל, קרוזע, גערמער, טאָ־
קער) געווען אָנגעקלאָגט לויטן שפּיאָ־
נאַזש־אַקט. אין ספּעציעלע וואַלן אין
נאָוו. 1919 ווידער דערוויילט געוואָרן
און ווידער באַזייטיקט געוואָרן. אין
די רעגולערע וואַלן אין נאָוו. 1920
באַזיגט געוואָרן. פיל יאָרן געווען
פאָרזיצער פון דער ס. פּ. דעלעגאַט
אויף אינט. סאָצ. קאָנגרעסן. געשטאָר־
בען אויגוסט 7, 1929.

דעבס, יודזשין וו., באַליבטער סאָצ.
פירער, רעדנער און פּובליציסט. גע־
בוירן נאָוו. 5, 1855, טערע־האָט, אינ־
דיאַנאַ, לאָקאָמאָטיוו קעסל־הייצער אין
עלטער 16—19 יאָר, אָנגעשטעלטער
אין שפּייז־געשעפט, ווידער באַן־אַרבע־
טער, סעקרעטאַר פון בראָדערהוד אָוו
לאָקאָמאָטיוו פאַירמען 1892,
דעמאָקראַטישער סיטי קלוירק 1879—
1893. געוואָרפן $4000 געהאַלט אַלס
הויפּט־באַאמטער פון יוניאָן, געוואָרן
אָרגאַנאַיזער פון „אַמעריקן רעילוועי
יוניאָן פאַר $900, געפירט דערפאָלג־
רייכן סטרייק אויף גרעיט נאָרטערן
באַן און פאַרשפּילט פּולמאַן סטרייק,
1894. אָנגעקלאָגט געוואָרן אין „פאַר־
שווערונג צו מאָרדן". 6 חדשים טור־
מע. געלייענט דאָרט מאַרקס און ענ־
געלס. 1896 געשטיצט וויליאַם דזש.
בראַיען, געהאָלפן אָרגאַניזירן „סאָ־
שיעל דעמאָקראַסי", 1897, סאָציאַל־
דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון אַ., 1898,
און ס. פּ., 1901. פּרעזידענט־קאַנדי־
דאַט סאָצ. דעמ. פּאַרטיי 1900, ס. פּ.—
1904, 1908, 1912, 1920. אין סעפּט.
1918 פאַר'משפט 10 יאָר טורמע פאַר
אַנטי־מלחמה רעדע אין קענטאָן, אָהאַ־
יאָ, באַפרייט דורך האַרדינג'ן דעצ.
1923, אָבער בירגער־רעכט איז אים ניט
אומגעקערט געוואָרן. געשטאָרבן 20טן
אָקטאָבער, 1926.

גאָמפּערס, סעמיועל, פּאָטער פון „רייִנעם" טרעיד־יוניאָניזם אין אַמ., געבוירן דעם 27טן יאַנואַר, 1850, אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. געקומען קיין ניו יאָרק 1863, געוואָרן ציגאַר־מאַכער, געהאָלפן בויען ציגאַר־מאַכער יוניאָן, פּרעזידענט לאָקאַל 144 ציגאַר־מאַכער יוניאָן, 1876—1881. איינער פון גרינדער פון „פעדערעישאָן אָוו אָרגאַנאַיזד טרעידס ענד לעיבאָר יוניאָנס אָוו יונאַיטעד סטעיטס ענד קאַנאַדע". פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, ווען זי איז געוואָרן „אַמעריקן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר" (1886), אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז זיין טויט, מיט אַן איבעררייס פון איין טערמין (1894—1895). געווען 1טער וויצע־פּרעזידענט נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן (זע) זינט 1900. געשטאָרבן אין סאַן אַנטאָניאָ, טעקסאַס, דעצ. 13, 1924.

דע-ליאָן, דאַניעל, איינער פון גרעסטע פיגורן אַמ. סאָצ. באַוו., געב. 1858 קוראַצאַאָ, האָלענדישע וועסט־אינדיעס, שטודירט אין האָלאַנד, דייטשלאַנד, ניו יאָרק. לעקטאָר אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט איבער אינטערנאַציאָנאַלע רעכט און דיפּלאָמאַטיע. צוגעצויגן צו באַוו., ווען הענרי דזשאָרדזש איז געווען מעיאָר־קאַנדידאַט פון אַ פאַראייניקטן פראָנט פון אַרב. אָרג. און פּראָגרעסיסטן (1886). מיטגליד ס. ל. פּ. 1890, באַלד געוואָרן פירער, ביטער געקעמפט קעגן אָפּאָרטוניזם, קעגן גאָמפּערס'ן. אין 1905 צוזאַמען מיט דעבס און העיוואוד געהאָלפן גרינדן „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד". געשטאָרבן דעם 11טן מאַי, 1914. (זע זז. 16־19.)

הילקוויט, מאָריס, געבוירן ריגע 1870, געקומען אַמעריקע 1886. זייער קורצע צייט געאַרבעט אין שאַפּ, אָנגעשטעלטער ביי פּאַרטיי (ס. ל. פּ.), געענדיקט אַדוואָקאַט 1893, אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר יוניאָנס, זיך אַנטוויקלט אין אַ הויך־באַצאָלטן אַדוואָקאַט פאַר קאַפּיטאַליסטישע קאָרפּאָראַציעס, בלייבנדיק אויך עצה־געבער פון דער אינטערנאַשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן (זע) פאַר הויכן געצאָלט. אָנגעזעענער מיטגליד אין ניו יאָרקער אַדוואָקאַטן־געזעלשאַפט. אָנגעפירט מיט „פאָלקסצייטונג" פּראַקטיע אין ס. ל. פּ., אין 1898, געהאָלפן גרינדן ס. פּ., דעלעגאַט אויף אינט. סאָצ. קאָנגרעסן אַמסטערדאַם (1904), שטוטגאַרט (1907), קאָפּענהאַגען (1910), האַמבורג (1923). פאָרשטייער פון ס. פּ. אין ביוראָ פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל. אָנגעשריבן אויבערפלעכלעכע געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַר. שטאַטן (1903), סאָצ. אין טעאָריע און פּראַקטיק (1909), סאָציאַליזם בקיצור (1912), אַ ריי לעקציעס אין רענד סקול אַרויסגעגעבן אין זאַמלביכל „פראָם מאַרקס טו לענין" (1921). ווען ער איז געשטאָרבן (אָקט. 7, 1933) האָבן רוזוועלט, דער גאָווערנאָר פון שטאַט ניו יאָרק, און די מייסטע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען אויסגעדריקט באַדויערן.

העיוואוד, וויליאַם ד. („ביג ביל"), איינער פון די וויכטיקסטע און קאָלירפולסטע אַרב. פירער אין אַמ. געבוירן 1869 סאָלט לעיק סיטי, יוטאַ, קוילן־מאַינער זינט 9 יאָר. אין 1901 געוואָרן סעקרעטאַר־טרעזשורער „וועסטערן פעדערישאָן אָוו מאַינערס"

אַרעסטירט פאַר סטרייק־טעטיקייט, גע־
ווען אָנגעקלאָגט מיט מאָיער און פּע־
טיבאָן אויף באַשולדיקונג פאַר דער־
מאָרדן גאָווערנאָר סטוינענבערג פון
אַידעהאָ (1906), באַפרייט נאָך 15
חדשים טורמע. טריאומף־צוג איבער
גרעסטע צענטערן פון לאַנד. אָרגאַני־
זירט אין 1905 צוזאַמען מיט דעבס
און דע־ליאָן „אינדאָסטריעל וואָיר־
קערס אָוו דהי וואָירלד” (זע ז. 168),
סעקרעטאַר־טרעזשורער 1916—1918,
אַרעסטירט פאַר סטרייק־טעטיקייט אין
פּעטערסאָן, לאָרענס (מאַס.) און אַנדע־
רע. אַרעסטירט לויטן שפּיאָנאַזש־אַקט,
באַפרייט אויף בעיל אין 1920, אַוועק
אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויפגענומען
מיט דעמאָנסטראַציעס, טעטיק אין
אַמעריקאַנישער קאָלאָניע צו אַנטוויק־
לען קוזבאַס (סיביר) קוילן־געגנט,
אַקטיוו אין „מאָפּר” (הילף־אָרגאַני־
זאַציע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע),
מיטגעאַרבעט אין רויטן טרעיד־יוניאָן
אינטערנאַציאָנאַל. געשטאָרבן מאַי 18,
1928, מאָסקווע. פון ס. ל. פּ. אַריבער
אין 1901 צו ס. פּ., געווען קאַנדידאַט
פאַר גאָווערנאָר פון קאָלאָראַדאָ, מיט־
גליד נאַצ. עקז. קאָמ. ס. פּ. 1908—
1913, ווען ער איז פון איר אָנגע־
קלאָגט געוואָרן אין „דירעקטע אַקציע,
געוואַלט־מעשים און סאַבאָטאַזש”. נאָך
אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג צוריקגע־
רופן געוואָרן. געוואָרן מיטגליד קאָמו־
ניסטישע פאַרטיי 1920. העלפט פון
זיין אַש באַגראָבן אין קרעמל־וואַנט,
מאָסקווע, אַנדערע העלפט אויף וואַלד־
חיים בית־עולם, שיקאַגאָ, לעבן קבר
פון העימאַרקעט־מאַרטירער.

רוטענבערג, טשאַרלז ע., גרינדער
און פירער קאָמוניסטישע באַוו. אין
אַמעריקע, געבוירן יולי 9, 1882,
קליוולענד. פאָטער האַפן־אַרבעטער,
דייטש. געאַרבעט אויף פאַבריק, געווען
אָנגעשטעלטער. אָרגאַנאַיזער און סעק.
ס. פּ. קליוולענד 1909—1919. מיטגל.
נאַצ. עקז. קאָמ. 1915—1916. רע־
דאַקטירט „קליוולענד סאָשעליסט”, אָנ־
פירער פון קאַמף קעגן מלחמה, פאַר־
פאַסער פון סט. לואיס אַנטי־מלחמה
רעז., איינער פון ערשטע אַרעסטירט צו
ווערן (קענטאָן) פאַר אַנטי־מלחמה טע־
טיקייט, אָנפירער פון לינקן פליגל און
שפּאַלטונג ס. פּ. אין 1919, סעקרעטאַר
קאָמוניסטישע פאַרטיי. געשטאָרבן
מערץ 1927 (זע זייט 143).